STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06819

YITSHAK YOEL LINETSKI UN ZAYN DOR

Reuben Granowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק יואל לינעצקי
און זיין דור

(דעראינערונגען)

צו זיין הונדערט יאָריקן געבורטסטאָג.

פון

ראובן גראַנאָווסקי

ע ר ש ט ע ר   ט י י ל

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „קאָלעגן“.

ניו־יאָרק, 1941

J. J. Linetzky And His Time

Commemorating the Centenial of his Birth

By

REUBEN GRANOWSKY

•

Copyright, 1941
By Reuben Granowsky
New York, N. Y.

369

דערשינענע ביכער פון זעלבן מחבר:

„דער ריכטיקער שפּיגל פון דער היינטיקער צייט״ (פּאָעמען).

„אונזערע ציוניסטן״ (סאַטירע אין פּערזן).

„דער ציוניסטישער גלאָק״ (סאַטירע אין פּערזן).

„רעווערענד נפתלי״ און אַנדערע הומאָריסטישע דערציילונגען.

„ביי די קוואַלן״ (סאַראַטאָגאַ ספּרינג, באַשריבן אין פּערזן).

„אויף דער עלטער״ (א ליד וועגן מושב זקנים, צו וועלכן ס׳איז געשאַפן געוואָרן מוזיק אויף אַ רעקאָרד.)

פּאַרבאַרייטעטע ווערק צום דרוק:

אַ בוך וועגן אידישע שרייבער (כאַראַקטעריסטיקן) אין וועלכן עס קומען אריין: אברהם רייזען, ש. ניגער, ב. ריווקין, חיים ליבערמאַן, זלמן רייזען, אהרן קארלין, משה יונה חאַימאָוויטש, ס. טשעסטער, לוי גאָלדבערג, נ. מינקאָוו און אַנד.

„שמ״ר און זיין דור״ (אָפּהאַנדלונג).

וועגן שלום עליכמ׳ס אַ רייזע איבער שטעט און שטעטלעך אין אַמעריקע פּאַרצולייענען זיינע ווערק, דערציילט פון שלום עליכמ׳ס דעמאָלטדיקן באַגלייטער און אָנגעשריבן פון ראובן גראַנאָווסקי.

„אידיש״ (פּאָעמע).

„שעראָן ספּרינג״ (לעגענדע אין פּערזן).

„די פּרוי״ (ראָמאַן).

Dedicated to my wife Rachel and my two Sons Barnett and Samuel



ראובן גראַנאָווסקי

יצחק יואל לינעצקי

פאָרוואָרט

צו ראובן גראַנאַװסקי׳ס דעראינערונגען

װעגן יצחק יואל לינעצקי.

פון אברהם רייזען

ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס אין די ווערק פון גרויסע שריפטשטעלער שפיגלט זיך אָפּ אויך זייער אייגענע פּערזענלעכקייט, פונדעסטוועגן זיינען מיר אלע מאָל להוט צו לייענען די ביאָגראַפיעס פון די זעלביקע שריפטשטעלער. ווער רעדט — מעמואַרן — דאָס וואָס די שרייבער האָבן דערציילט וועגן זיך אליין, צי וועגן אנדערע — זייערע קאָלעגן — די מינים ווערק לעזן מיר מיט גרוים שפּאַנונג. צו דעם דאָזיקן מין געהערן די מעמואַרן פון דעם באַקאַנטן שריפטשטעלער — ר. גראַנאַוו־סקי.

די מעמואַרן פון ר. גראַנאַווסקי פאַרמאָגן דעם צויבער פון עכטקייט, אויפריכטיקייט און געטרייקייט צו דער פּערזאָן, וועגן וועמען עס ווערט דערציילט. עס איז ווירקלעכקייט, וואָס האָט דעם רייץ פון דיכטונג. אגב אורחא — אויך צו באשרייבן דאָס ווירקלעכע, דאָס וואָס עס האָט פּאַסירט, דאַרף מען פאַרמאָגן פאַנטאַזיע, טאַלאַנט און שאפונגס־קראַפט.

איין ביאָגראַפיע לייענט זיך ווי א קינסטלערישער ראָמאַן און א צווייטע — ווי א רעפּאָרט.

די מעמואַרן פון איין שרייבער לייענען זיך ווי א גרויסע פּאָעמע, ווי אַן עפּאָפּיי, און די מעמואַרן פון א צווייטן לייענען זיך אין בעסטן פאַל—ווי קולטור־ אָדער ליטעראַטור־געשיכטע; פון א דריטן — ווי א טרוקענע כראָניק פון א פאַרגאַנגענעם דור, פון א געוויסער עפּאָכע.

די מעמואַרן פון ר. גראַנאַווסקי, אין וועלכע ער דער־ציילט וועגן יצחק יואל לינעצקי, געהערט אי צו שיינער לי־טעראַטור, אי צו ליטעראַטור־געשיכטע, איןביידע פאַלן זיינען זיי באַהויכט מיט טאַלאַנט, און דער עיקר — מיט עכטקייט

פון געפיל, מיט איבערגעבנקייט צו זיין גרויסן פּראָטעזשירער און פאָרגענגער — י. י. לינעצקין.

צו י. י. לינעצקי'ן, וועמעס גרויסע באַדייטונג די מאָדערנע קריטיק האָט ניט גענוג אָפּגעשעצט — האָט ר. גראַנאָווסקי שוין מיט יאָרן צוריק, ביים פאַרעפנטליכן די ערשטע קאַפּיטלען, אין ניו־יאָרקער „פנקס“,פאַרלאַג 'ייוואָ,' און אין אנד. זשורנאַלן, געוועקט אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס. מ'האָט זיך דער־מאָנט אין די קינדער־יאָרן, אין דער ערשטער צייט פון אונ־זער דערוואַכונג, ווען לינעצקי איז ניט נאָר דער וועקער גע־ווען, נאָר אויך דער פרייד־ברענגער, דער אָנזאָגער פון א ניי לעבן.

אויב ביים לייענען מענדעלען האָבן נאָר די לומדים־משכילים צוגעשמייכלט מיט דעם לומדישן ספּעציפישן שמיי־כעלע, האָט ביים לייענען לינעצקין, העל און פריילעך גע־קלונגען דאָס געלעכטער אין א סך אידישע הייזער. די טאַ־טעס האָבן דאָס „פּוילישע אינגל“ געלייענט אין דער היים פאַר די מאַמעס און פאַר די קינדער און אלע האָבן געלאַכט אויפן קול . . .

איך אליין האָב נאָך — אלס קינד — פאַרכאַפּט די פרייד פון צו הערן מיין טאַטן פאָרלייענען אין א פּריוואַטיק־צו־נאַכט „דאָס פּוילישע אינגל“ פאַר דאָס גאַנצע הויז־געזינט, און פאַר א פּאָר געסט שכנים, וואָס זיינען עקסטרע געקומען הערן, אויף דעם טאַטנס, צי דער מאַמעס איינלאַדונג. ס'איז געווען אַ מין „כיבוד“ — הערן פאָרלייענען „דאָס פּוילישע אינגל“. די ווייבער־שכנות האָבן זיך אַזש פאַרקייכט פאַר געלעכטער פון די בילדער . . . אונזערע שטעטלעך זיינען שוין, אמת, וויט געווען פון יענעם שטייגער־לעבן, וואָס לינעצקי האָט אזוי אויסגעלאַכט. אונזער „ווייס־רוסלאַנד“ איז שוין מער אָדער ווייניקער געווען אויפגעקלערט. אָבער די בילדער, וואָס לינעצקי האָט דאַן אזוי קינסטלעריש געמאָלן, זיינען דאָך אויך אין אונזערע „מקומות“ נאָך באַקאַנט געווען, ווי עכאָס פון נאָענטן אַמאָל . . .

אויב „דאָס פּוילישע אינגל“ טראָגט אפילו אַן אויטאָ־ביאָגראַפישן כאַראַקטער, איז עס בלויז פון אויטאָר'ס קינד־הייט ביז דער יוגנט. פון ד. גראַנאָווסקי'ס „מעמוארן“, וואָס פאַרדינען אויך דעם נאָמען דיכטונג, ניט קוקנדיק אויף דער

אמת׳קייט פון דעם, וואָס ער דערציילט — ווערן מיר געוואָר אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון לינעצקי׳ס שפּעטערן לעבן . . . זיינע אנשויאונגען, מיינונגען, ווערטלעך . . . זיינע גרויסע ווייט-גייענדיקע אַמביציעס און זיינע שוין שוואַכע מעגלעכ־קייטן זיי צו דערגרייכן . . . און אויך פון די „באַציאונגען" צו אים — מצד די אַדעסער משכילים, און שפּעטער — פון די אַדעסער ציוניסטן.

מיט גרוים פיעטעט — הגם עס פעלט אויך ניט קיין הומאָר, מיט וועלכן דער אויטאָר פון די מעמוארן צייכנט זיך אוים אויך שטאַרק אין זיינע אַנדערע ווערק—שילדערט אונז ר. גראַנאַווסקי די סביבה, אין וועלכער דער גרויסער הומאָריסט און סאַטיריקער י. י. לינעצקי האָט געלעבט און אויך די צייט, די אידעאַלן און די באַוועגונגען און זייערע פאָרשטייער, פון אַ סאָציאַליסט ביז אַ ציוניסט און אסימילאַטאָר. מיר באַקענען זיך דאָרט מיט אזעלכע אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייטן, ווי מנשה מרגולית וואָס האָט פאַרמעגט אַ גרוים האַרץ, פול מיט ליבע צו די אידישע מאסן. גראַ־נאַווסקי שילדערט אויך געוויסע פאמיליעס אין אַדעס, וואָס האָבן אמאָל געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין לעבן פון אידישן פאָלק, צי פון דער פּאָזיטיווער, צי נעגאַטיווער זייט, און אפילו אזא גרויסע פערזענלעכקייט, ווי אחד-העם — ניט קיין אַנהענ־גער פון דער אידישער ליטעראַטור, און אפילו אירער אַ קעג־נער — ווערט אויך ארייגעכאַפּט פון דער געניטער האַנט — ר. גראַנאַווסקי׳ס, אין זיינע מעמוארן.

אין אַט-דער הינזיכט זיינען די מעמוארן גראַנאַווסקי׳ס אַ גרוים און וויכטיק קאַפּיטל פון אידישן און אלגעמיינעם לעבן אין יענער צייט.

די מעמוארן בכלל — לייענען זיך ווי אַ שפּאַנענדער ראָמאַן. מען ווערט מיטגעריסן פון די אלע בילדער, גע־שטאַלטן, פאַסירונגען און באַגעגענישן, וואָס ר. גראַנאַווסקי, אליין אַ טאַלאַנטפולער הומאָריסט אין פּראָזע און פּאָעזיע, מיט אַ היפּשער מאָס סאַטירע, — שילדערט ער פאַר אונז מיט גרוים פאַרערונג צו זיין לערער — יצחק יואל לינעצקי.

איך בין זיכער, אז סיי דער אידישער לעזער, צו וועלכן לאָגער ער זאָל ניט געהערן, און סיי די אידישע קריטיק, וועט

אפשעצן ווי געהעריק די דאָזיקע וואונדערלעכע מעמוארן פון ר. גראַנאַטשטשטשוו׳ס...

לינעצקי האָט פאַרדינט, אַז אָט־די מעמוארן זאָלן טראָגן זיין נאָמען — „לינעצקי׳ס דור״. אויב נאָך יענער צייט בענקען מיר איצטער ניט, איז אָבער די ווערק, וואָס יענע צייט האָט ארויסגערופן—מעגן מיר זיי לייענען אויך איצטער—און דארפן זיי אפילו שטודירן. ווערק, וואָס שפּיגלען אָפּ א געוויסע צייט זיינען ווי מאָנומענטן פאַר זייער דור.

איינער פון די דאָזיקע „היסטאָריקער״ פון יענער צייט איז געווען יצחק יואל לינעצקי, דער דיכטער פון דעם „פּוי־לישען אינגל״ און פון אנדערע ווערק.

זיין ירושה האָט אָפּגעהיט — פאַר די נוצן פון ווייטער־דיקע דורות — זיין געטרייער תלמיד ביים לעבן און שפּעטער זיין טאַלאַנטפולער נאָכפאָלגער — ראובן גראַנאָווסקי.

ר. גראַנאָווסקי׳ס מעמוארן שטעלן ניט נאָר פאַר אַ וויכ־טיקען, הויך־ליטעראַרישן ווערק, נאָר אויך אַ קולטור־היסטאָ־רישען ביישטייער צו אונזער מאָדערנער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור־פאָרשונג.

די דערציילערישע אייגנשאַפטן פון ר. גראַנאָווסקי׳ס מעמוארן וועלן ניט נאָר ניט שטערן זייער קולטור־היסטאָרי־שער באַדייטונג, נאָר פאַרקערט, זיי וועלן נאָך דעם ווערק צוגעבן דעם כאַראַקטער פון קינסטלערישקייט.

אויף קליינע פעלערן, ווען זיי זאָלן אפילו זיין, לוינט זיך ניט אָפּשטעלן. דער עיקר איז דאָס גאַנצע — א וואונדערלעך בוך וועגן א וואונדערלעכער צייט — לינעצקים דור . . .

— אברהם רייזען.

יצחק יואל לינעצקי
און זיין דור

יצחק יואל לינעצקי האָט ניט געהאַט קיין מזל צו די קריטיקער. אין זיין יוגנט האָט מען אים פאַרשריגן, איוף דער עלטער — פאַרשוויגן. אויך נאָך זיין טויט איז אַ לענגערע צייט די באַציאונג צו זיינע ווערק געווען ניט ווי לויט זייער ווערט.

יצחק יואל לינעצקי איז געווען אַ שאַרפער סאַטיריקער, וואָס האָט נישט גע׳חנפ׳עט קיינעם און מיט זיין שאַרפער פען תמיד גע־צילט צו די פאַרפירער פון פאָלק. ער האָט אין זיינע ווערק אויסגע־לאַכט דעם פאַרצייטיקן פאַנאַטיזם, אבערגלויבן, און גערופן צו פראָג־רעס. ער האָט ארויסגעשטעלט די „חסידישע" פירונג אין א קאַרי־קאַטור. דאָס האָט אים פאַרשאַפט שונאים און קעגנער, אָבער מען האָט אים געלייענט און זיין ווירקונג אויף די לייענער איז געווען זייער שטאַרק.

לינעצקי איז בכלל געווען אַ וואונדערלעכער מענטש. ער איז געווען טרעפלעך און שאַרפזיניק, סיי אין זיין שרייבן און סיי אין זיין רעדן. מיט זיין בליצנדיק וואָרט און מיט זיין סאַטירישער פעדער האָט ער שטענדיק אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס, וואָס פלעגן אויף אים געמאַכט ווערן.

עס איז שוין באַלד איבער 25 יאָר נאָך זיין טויט, עס איז שוין געוואָרן הונדערט יאָר זינט ער איז געבוירן געוואָרן, און ביז היינט־צו־טאָג איז נאָך נישטאָ קיין איין פולע און גאַנצע מאָנאָגראַפיע וועגן זיין לעבן און זיין שאַפן.

עס זיינען פאַרשפּרייט וועגן י. י. לינעצקי נישט־געשטויגענע מעשיות, וואָס קיינע פון זיי טוט אים ניט קיין גערעכטיקייט.

איך וועל פּרוּוון ארויסברענגען לינעצקין ווי ער איז געווען אין דערווירקלעכקייט, ווי איך האָב אים געזען אין פאַרשיידענע צו־שטאַנדן אין דער צייט וואָס איך בין מיט אים געווען באַפריינדעט מיט איבער פערציק יאָר צוריק . . .

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געלייענט דאָס „פּוילישע אינגל״ פון יצחק יואל לינעצקי, בין איך נאָך געווען זייער יונג, אָבער דער איינדרוק פון דעם מערקווירדיקן בוך איז אויף מיר געווען אזוי שטאַרק, אז איך האָב אָנגעהויבן ווייטער נאָכצופאָלגן זיינע שריפטן.

אַ לאַנגע צייט האָב איך גע׳חלומ׳ט וועגן לינעצקין און זיך געוואונטשן אַמאָל אים ערגעץ צו באַגעגענען. געהערט האָב איך, אז ער פאַרט ארום מיט זיינע ווערק זיי צו פאַרקויפן. ווען איינער פון מיין שטעטל האָט מיר דערציילט, אז ער האָט זיך געטראָפן אונ־טערוועגנס מיט יצחק יואל לינעצקי, אז ער האָט מיט אים אין אַ וואַגאָן, גערעדט, האָב איך ביי אים נאָכגעפאָרשט, ווי אזוי לינעצקי זעט אויס און וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט.

שפּעטער מיט יאָרן, ווען איך בין געקומען קיין אדעס, איז צווי־שען פיל פון מיינע חלומות געווען אויך דער חלום: צו זען לינעצ־קין און זיך צו באַקענען מיט אים פּערזענלעך.

צום אַלעם ערשטן האָב איך זיך באַקענט מיט דעם דיכטער פּלטיאל זאַמאָשטשין, וואָס האָט אין יענער צייט פאַרעפנטלעכט א גרויסע פּאָעמע: „שמע ישראל״, געדרוקט אין זאַמלבוך „דער ווע־קער״, ארויסגעגעבן פון פראנקפעלד און י. ח. ראַווניצקי. איך האָב נאָכדעם מיט זאַמאָשטשין געאַרבעט אין איין קאָנטאָר ביי דעם זון פון אדעסער געוועזענעם ראַבינער ח. גורלאַנד און איך בין געווען ביי זאַמאָשטשינען אין הויז אַ שטענדיקער איינגייער. איך פלעג דאָרט טרעפן ליטעראַטן, אַרטיסטן און פאַרערער פון אידיש. זאַ־מאָשטשינס פרוי פלעגט פון צייט־צו־צייט שרייבן אין רוסיש און אויף אידיש אונטער דעם פּסעוודאָנים „בת מלכה״. אירע אַ גרוי־סע דערציילונג „ישראליק דער משוגענער״ איז געווען געדרוקט אין זאַמלבוך „דאָס היילִיקע לאַנד״, ארויסגעגעבן פון בערטע פלעקסער. ביי זיי, די זאַמאָשטשינס אין הויז האָב איך זיך באַגעגנט מיטן שריי־בער אלימלך וועקסלער, „איש נעמי״, מיט מ. בן־עמי, אויך מיט גאָלדפאַדנס אַ שוואָגער, פעלדבערג — אַ געבילדעטער רייכער מאַן, וואָס פלעגט אויך שרייבן פון צייט־צו־צייט.

אמאָל אין אַן אָוונט, ווען איך בין געקומען צו זאַמאָשטשינען,

האָט מיר זיין פרוי דערציילט, אַז לינעצקי קומט פאַרלייענען ביי זיי אין הויז אַ ניי־אָנגעשריבענע זאַך. זי האָט ממש געשיינט פון פרייד. דערביי האָט זי געמאַכט די באַמערקונג, אַז מען מוז זיין זייער אויפמערקזאַם, ווען לינעצקי לעזט פאָר; אויב ניט, קאָן ער ברוגז ווערן און אויפהערן לייענען. ער איז אַ קאַפּריזנער מענטש, אָבער זייער אַן אינטערעסאַנטער, אַ זעלטן קלוגער און אַן אויסגע־צייכנטער פאַרלעזער.

איך האָב אומגעדולדיק געוואַרט אויף דעם אָוונט אים צו זען. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט פיל געסט, שרייבער, דיכטער, סטודענטן און אַנדערע. אויך איליאַ גורלאַנד מיט זיין פרוי, פּאַמע־אַנץ, דער דאַמאַלסטדיקער ראַבינער פון אָדעס מיט זיין פרוי (לואי מילער׳ס אַ שוועסטער) און פיל אַנדערע.

לינעצקי איז אין באַגלייטונג פון זיין פרוי געקומען אַן אויסגע־פּוצטער אין אַ צילינדערהוט, מיט שוואַרצע עלעגאַנטע הענטשיקעס און שיינע קליידער, וועלכע זיינען געלעגן אויף אים געפּאַסט. ער האָט זיך געהאַלטן מיט ווירדע; גערעדט געלאַסן, זיך געגריסט העפ־לעך און געזאָגט יעדן אַ גלייכוואָרט. ווען מע האָט מיך פאַרגע־שטעלט פאַר אים, האָט מען אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס דרוקט זיך מיינס אַ ווערק. ער האָט נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט מיין פאַמיליען־נאָמען.

עס איז געוואָרן שטיל. יצחק יואל לינעצקי האָט פּאַמעלעך, גע־לאַסן, אויסגעווישט זיינע אויגן־גלעזער מיט אַ ווייס טיכעלע און גענומען פאַרלעזן פון אַ ביכל זיין ביי ווערק „די פערעלעך". ער האָט געלעזן אַרטיסטיש. מען האָט אים מיט באַגייסטערונג אָפּ־לאַדירט. אַלע האָבן שטאַרק געלויבט דאָס ווערק.

ווען מען האָט אים געפרעגט, ווען ער גייט עס דרוקן, האָט ער געענטפערט:

— דאָס איז ניט פון מיינע בעסטע זאכן. איך שרייב איצט ניט צום דרוקן. זאָלן אַנדערע דרוקן. איצט אין דעם כאַאָס איז ניטאָ פאַר וועמען צו דרוקן. דאָס פאָלק איז פאַרפירט און מע נוצט עס אויס. איך וועל פיליכט שרייבן וועגן דעם.

מע האָט דערנאָך אַביסל דיסקוטירט איבער ליטעראַטור און איבער אַנדערע פראַגן. לינעצקי האָט וויציק גערעדט, אַלע האָבן האַרציק געלאכט.

ביים אַהיים־גיין האָט ער זיך מיט מיר פריינטלעך געזעגנט און געזאָגט: „יונגערמאַן, קומט אַמאָל אריין צו מיר און ברענגט מיט אייערע שריפטן. איר וועט זיין אַ גוטער גאַסט". איך בין געווען איבערגליקלעך פון דער איינלאַדונג, אָבער איך האָב ניט געהאַט גענוג מוט אַליין צו גיין צו אים. ווידער האָבן מיך פריינט אָפּגעראַטן פון צו אים צו קומען. זיי האָבן מיר געזאָגט: „ער איז צו שטרענג צו יונגע שרייבער". דערצו זיינען מיינע שריפטן נאָך געווען אין דרוק, האָב איך געוואַרט, אַז ווען מיין ווערק וועט אַרויס פון דרוק, וועל איך דאַן צו אים גיין.

דורך אַ צופאַל האָבן מיר זיך איינמאָל באַגעגנט אין גאַס. ער האָט מיר געמאַכט פאַרוואורפן, פאַרוואָס איך קום ניט צו אים, און דערביי געזאָגט: „מען האָט אייך געוויס אָנגעשראָקן. זיי האָבן פיינט ווען מע זאָגט זיי דעם אמת". ביים געזעגענען זיך האָט ער מיר געזאָגט שטאָלץ: „נו, אז איר ווילט ניט קומען — קומט ניט!"

אין א פּאָר וואָכן אַרום האָב איך אים צוגעשיקט מיין בראָשור: „אונזערע ציוניסטן" (אָדעס, 1899), און דאַן האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און בין צו אים געקומען.

לינעצקי האָט געוואוינט אין א שיינער גאַס, אַ שטילער, אין אַ הויז אויפן ערשטן שטאָק. דאָס וואוינונג איז געווען זייער שיין צוגעקליבן. עס האָט זיך אָנגעזען אין דעם אַ פרויען האַנט. אין עס־זאַל, אויפן טיש, איז געשטאַנען א זודיקער סאַמאָוואַר אויף א קופּערנעם טעצל. ער האָט געפּאַדעט אַרום טיש און אָנגעגאָסן טיי אין די גלעזער. ער האָט עס געטאָן אזוי ערנסט, ווי עס וואָלט געווען אַ גאָטעס־דינסט. פאַרן אַריינגיסן די טיי אין גלאָז האָט ער זי באַקוקט, צי זי איז ריין. באַלד האָט ער מיך געפרעגט מיט וויפיל שטיקלעך צוקער איך טרינק. זיך האָט ער אריינגעוואָרפן 6 שטיקלעך און צו מיר געזאָגט: „איך האָב ליב שטאַרק זיס".

איך האָב באַטראַכט זיין אויסזען: אַ מיטעלער וואוקס, זיין קאָפּ דורכגעוועבט מיט גרויקייט . . . ווען מע האָט זיך צוגעקוקט צו אים, צו זיינע אייראָפּייאישע מאַנירן, האָט מען נאָך געקאָנט באַמערקן דעם „בית המדרש'ניק", דעם חסיד, — „דאָס פּוילישע אינגל". זיינע געזיכט־שטריכן זיינען געווען ענערגיש. עס האָט זיך אין זיי ארויסגעזען שטאָלצקייט און עקשנות, אָבער צו יעדער

צייט האָט ער געהאַט אַ ליבן שמייכל, וואָס האָט אים זייער געפּאַסט.

זיין פרוי האָט אויסגעזען דער היפוך פון אים: זי איז געווען אַ הויכע, אַ דיקע און האָט גערעדט אַ שלעכטן אידיש (ווען איך באַגעגן זי אין גאַס, וואָלט איך קיינמאָל ניט חושד געווען, אז זי איז אַ אידישע).

לינעצקי האָט זיך צוגעזעצט לעבן מיר און געזאָגט: „איך האָב איבערגעלעזן אייער ווערק, נאָר איך וויל אייך איצט מיין מיינונג ניט זאָגן. איך וועל שרייבן וועגן דעם, ווי איר האָט פון מיר פאַרלאַנגט". דאָס איז, ווייזט אויס, „ניט קיין גוטער סימן", האָב איך באמערקט. ער האָט מיך גלייך באַרואיקט מיט די ווערטער: „איר זייט מיר געפעלן מיט דעם וואָס איר האָט געוואָגט צו זאָגן דעם אמת. איך בין אויך אפילו זיכער, אז דער אמת וועט אייך קאָסטן צו טייער. איך באגריס אייך אָבער פאר אייער מוט". ער האָט מיר געגעבן די האַנט. איך בין געווען איבערגליקלעך פון זיין מיינונג.

איך האָב אים דאַן, אין דעם געשפּרעך, געפרעגט, צי ער שרייבט וואָס די לעצטע צייט? ער האָט מיר געוויזן גאנצע שטויסן אָנגעשריבענע זאַכן, און האָט פאר מיר אויך אַ פּאָר זאכן איבערגעלייענט. דערנאָך האָט ער מיר דערלאַנגט א געדרוקט ליד מיט נאָטן, מיט זייער א שיינעם אַרטיסטישן פּאַדערבלאַט, „די פאַרשטויסענע לירע", און געזאָגט: „דאָס איז מיין לעצט ליד וואָס איז ניט לאַנג ארויס פון דרוק", און גענומען אליין זינגען די ווערטער:

„גיט מיר די לירע! אַך, ווי איז זי, ווי?
איך וועל אויף איר שפּילן מיין אַלטע מעלאָדי,
אויף וועלכער איך פלעג זיך געשמאַק, צו דער זאַט,
אַלע „ראש השנה" אויסוויינען פאַר גאָט".

דער מאָטיוו און די ווערטער האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. איך האָב אים זייער געדאַנקט. איך בין זיך פאַרזעסן ביז שפּעט. ביים אַוועקגיין האָט ער מיך געבעטן קומען אָפטער. נאָך דעם אָוונט בין איך געוואָרן זיינער אַ שטענדיקער באַזוכער.

אין דער צייט וואָס איך האָב זיך מיט אים באקענט, האָט ער

פון שרייבן קיין פּרנסה ניט געהאַט. זיין עלטסטער זון, אַ באַרימ־טער אַרכיטעקט, וואָס פלעגט פאַרדינען ארום פופצן טויזנט רובל אַ יאָר, האָט אים געגעבן הונדערט רובל אַ מאָנאט אויף צו לעבן און דאָס איז פאר אים מיט זיין פרוי געווען גענוג. אָבער דאָס האָט אים ניט צופרידנגעשטעלט. ער איז געווען צו שטאָלץ אָנצו־קומען צו קינדער.

זיינע קינדער זיינען געווען דער קאָנטראַסט פון אים. ער האָט געהאַט דריי זין און איין טאָכטער. די זין האָבן געקאָנט זייער וויינציק אידיש. זיי זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין דער רו־סישער ליטעראַטור און האָבן זיך באַוואויגן אין קריסטלעכע קרייזן. די מוטער האָט זיך געלאָזט דערציען פון די זין. די טאָכטער, לי־נעצקיס ליבלינג, וואָס מען האָט אין הויז גערופן „דעם טאטנס טאָכטער", איז געווען זייער א גראָטענע. זי האָט געענדיקט גימ־נאַזיע מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. זי האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם פאָטער. אָבער פון איר האָט ער אויך קיין נחת ניט געהאַט: זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אינזשיניר־כעמיק, וועלכער איז געווען אַ סך עלטער פון איר, און איז געבליבן אַן אומצופרידענע. דער שידוך איז לכתחילה געווען קעגן דעם פאָטערס ווילן.

אין די פרייטיק צונאַכטסן פלעגט לינעצקי אָפט גיין אין שול אריין. אזוי ווי ער איז געווען א גרויסער ליבהאָבער פון מוזיק און נגינה, פלעגט ער גיין אין דער בראָדער שול הערן פיניע מינקאָווסקין. אַמאָל, ווען איך בין מיט אים מיטגעגאַנגען, האָבן מיר געטראָפן פּ. מינקאָווסקין גיין אין שול אריין. זאָגט לינעצקי צו אים: „אייך איז גוט, איר טוט גאָרניט. זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי אזוי טוט אַ מענטש גאָרניט?" ענטפערט אים מינקאָווסקי: „איך זיץ דריי שעה ליידיק, ווער איך אזוי מיד פון ליידיק זיצן, אז איך זיץ דריי שעה און רו זיך אָפּ". זאָגט צו אים י. י. לינעצקי: „דאַכט זיך, אַז חזנים זיינען נאַראָנים, אָבער מיט לינעצקין זאָגט אפילו א חזן א גלייכוואָרט".

כמעט אלע פרייטיק צונאכט פלעגט לינעצקי מיט זיין פרוי גיין צו זיין עלטסטן זון צוגאַסט. דאָרט פלעגט מען אים שטענדיק אָפּיציעל אויפנעמען ווי אַ גרויסן גאַסט, אָבער זיין שנור פלעגט זיך

האלטן שטאָלץ צוליב דעם וואָס איר פאָטער איז געווען אַן אַדעסער באוואוסטער מוזיקער. לינעצקי פלעגט אָפט לאַכן פון דער שנורס גרויסן זיך און זאָגן: „דיין טאַטע האָט נאָר פארשפילט אַדעס, אָבער איך האָב פאַרשפילט אַ וועלט" . . .

ווען איך בין צו אים געקומען און ניט געטראָפן קיין געסט, האָט ער געשריבן, אָדער געלייענט. געשריבן האָט ער אי פּראָזע, אי לידער. ער האָט געמאכט פיל איבערזעצונגען פון רוסיש און פון דייטש. ער האָט אויך פאַרפאַרטיקט צום דרוק אַן איבערזעצונג פון סידור אין אידיש, אין גראַמען. עס איז געווען א ריזיקע אַר־בעט, אָבער ער איז דערמיט שטארק צופרידן געווען און האָט גע־זאָגט: „דער סידור וועט בלייבן אויף דור דורות".

צו זיין ערשטן (זעכציק יאָריקן) יובילײ וואָס איז געפייערט געוואָרן פון זיינע פאַרערער, האָט ער צווישן אַנדערע פּרעזענטן אויך געקראָגן א געגילדעטע סיגאַרעטן קעסטעלע פון דער חברה „מפיצי השכלה". אויפן קעסטעלע איז געווען אויסגעגראַווירט א סטודענט מיט א „פּוילישן אינגל". דאָס איז אים זייער געפעלן געווען. ער פלעגט עס שטענדיק האַלטן אויף זיין שרייבטיש. עס איז אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ יובילײ־ביכל מיטן נאָמען „לי־נעצקיס יובילייאום", און צווישן פיל לויב־געזאַנגען פון שרייבער און דיכטער, איז אויך געווען געדרוקט זיינע אַ רעדע: „אַ רייזע אַרום דער וועלט", וואו ער האָט געשילדערט זיין ליטעראַרישע קאַריערע.

כמעט יעדן טאָג פלעגן מיר צוזאמען גיין שפּאַצירן. זעקס אזיי־גער פאַרנאַכט פלעגט שוין לינעצקי אויף מיר וואַרטן. מיר פלעגן טרינקען טיי מיט צובייסן און דערנאָך גיין. איידער מיר זיינען ארויס פון הויז, האָט ער זיך לאַנגזאַם איבערגעטאָן, געשטאַנען אַנטקעגן שפּיגל, אויפגעפּאַסט אַלץ זאָל זיין אין אָרדנונג. זיין האלז־טוך איז שטענדיק געווען פונם בעסטן סאָרט. ער האָט געלאָזן ארויפגעצויגן די הענטשקעס, גענומען דעם שטעקן אויף וועלכן עס איז געווען אויסגראַווירט זיין נאָמען, אַנגעטאָן דעם צילינדער־הוט, און מיר זיינען אוועק שפּאַצירן. הונדערטער פאַרבייגייער האָבן געהויבן די היטלען און ער האָט אָפּגעענטפערט. אין שטאָט־פּאַרק האָבן מיר שטענדיק געהאט א געוויסע באנק, וואו מיר פלעגן זיצן, ווייט פונם פּובליקום און פון דער מוזיק. כמעט אלע מאָל זיינען מיר געזעסן אויף דערזעלבער באַנק. ווען די באַנק איז גע־

ווען פאַרנומען, האָבן מיר שפּאַצירט ביז עס איז געוואָרן פּלאַץ פאַר אונז צו זיצן. אין פּאַרק האָבן שוין פיל מענטשן געוואוסט, אַז לינעצקי זיצט אין דער אַלייע. און אָפט זיינען באַקאַנטע און פאַרערער צוגעקומען צו אונז און פאַרפירט געשפּרעכן, דעבאַטעס. כמעט אַלע האָבן געלאָזט לינעצקין רעדן און אויפמערקזאַם אים אויסגעהערט. פון די שרייבער פלעגט אָפט צוקומען „איש נעמי״, יצחק וואַרשאַווסקי, דער צענזאָר פּאָמעראַנץ, דער אָדעסער ראַבינער, אחד־העם, מנשה מרגלית, און נאָך באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן.

אַמאָל איז צוגעקומען עפּעס א פאַרפוצטער פּראַנט, אַ נודניק, זאָגט מיר דערנאָך לינעצקי: „אָט דער יונגערמאַן איז דעם כעלמער חזנ׳ס אינדיקס נאָז״... פרעג איך וואָס ער מיינט דערמיט? האָט ער מיר דערקלערט: „כעלמער זיינען נאַראָנים. א חזן איז אַ נאַר און אַן אינדיק איז אויך א נאַר, א סימן, ער בלאָזט זיך! הייַנט, אַז ער איז דעם כעלמער חזנ׳ס אינדיקס נאָז, קענסטו שוין פאַרשטיין, וואָס פאַר א טיפּוש ער איז!״

פון פּאַרק פלעגן מיר אהיים גייַן ארום צען אַזייגער אין אָוונט. אמאָל האָט אונז געכאַפּט א שטורעם. עס האָט געדונערט און גע־בליצט און שטאַרק גערעגנט. דערנאָך האָט זיך גענומען לייטערן. זאָגט צו מיר לינעצקי: „קוק אהין, וואו עס לייטערט זיך אויס; די כמאַרעס זיינען צעשוואומען, דער שטורעם איז פאַראיבער, און עס ווערט ליכטיק! כדי עס זאָל גוט ליכטיק ווערן מוז זיין א שטורעם. מיין אויג זעט, אַז עס וועט נאָך זיין א גרויסער שטורעם, א וועלט־שטורעם ביז מע וועט זיך באַפרייען פון דער געדיכטער כמאַרע! דערנאָך וועט זיך אויסלייטערן. די יוגנט וועט דאָס דערלעבן. עס וועט זיין א שיינע וועלט, דו וועסט נאָך אפשר עפּעס דערפון דער־לעבן, אָבער איך ניט״. און ער האָט אַ קרעכץ געטאָן: „אי, אי! עס גלוסט זיך צו לעבן, צו זען דעם סוף. אַי! גוטער ברודער, ס׳איז אַן אינטערעסאַנטע וועלט!״

אמאָל, ווען איך בין געקומען צו אים, האָב איך געזען, אַז צווישן אים מיט זיין פרוי איז אַן אָנגעצויגענע שטימונג. איך האָב מיך געמאַכט ווי איך פאַרשטיי ניט. אַ גאַנצן אָוונט האָבן זיי ניט גערעדט. ווען ער איז געגאַנגען זיך איבערטאָן, האָט זי מיר גע־געבן אָנצוהערן, אַז ער איז אַ קאַפּריזנער און זי מוז ליידן פון אים.

לינעצקי האָט זיך אויסגעפּוצט, ווי אַלעמאָל, און מיר זיינען

אוועק אין פּאַרק. אין פּאַרק זיינען מיר לאַנג ניט געזעסן.

אויפן וועג צוריק אהיים איז ער אריין אין א צוקערניע און געקויפט א פּעקל קאַנדיטעריי. איך האָב זיך אַנגענומען מיט מוט און אים געפרעגט, פאר וועמען ער האָט געקויפט, אזוי שפּעט, די גוטע זאכן. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט: „דאָס איז פאר איר, פאר מיין ווייב. זי זאָל מיך נאָר איבערלעבן. איך האָב פיינט ווען זי רעדט און האָב ליב ווען אירע פּאַנטאָפל סקריפּען״.

„אַי, גוטער ברודער, זאָלסט וויסן זיין, אַז דאָס פאַמיליען־לעבן איז אַ סוד. וואָס מער איינער דערציילט די סודות פון זיין פאַמיליען־לעבן פאַר א צווייטן, פאַרבאַרגט ער נאָך מער אין זיך. און וואָס מער ער איז גערעכט, בלייבט ער ביי יענעם אומגערעכט — בעסער איז שווייגן. אויף דער עלטער איז גוט צו האָבן א נאָ־ענטן, מיטפילנדן פריינט, ער זאָל דיך פאַרשטיין. איך וואָלט באַ־דארפט געווען באגעגענען א גוטע, צערטלעכע, אינטעליגענטע פרוי, מיט א נשמה, און מיט איר פארברענגען מיין לעבן.

„נעמען פאר א ווייב דארף מען א „בת תלמיד חכם״. גאָלדפאדען איז אין דעם פּרט אַ גליקלעכערער מענטש פון מיר. ער האָט גע־נומען דעם העברייאישן שריפטשטעלער ווערביל׳ס א טאָכטער, און זי צערטלט אים ווי אַ קינד, זי פּאַרגעטערט אים״.

ער פלעגט אָפט רעדן פון גאָלדפאדענען מיט באגייסטע־רונג און נעמען זינגען פון „שולמית״:

שבת, יום־טוב און ראש־חודש
דאַוון איך מיר אליין פאַר זיך,
איך האָב מיר אליין מיין ארון קודש,
עס בעט ניט קיינער אין אים נאָר איך;
מיין שווער האַרץ איז דאָרט דער עמוד,
עס זעט אים קיינער ניט אַרויס;
די ליבע איז דאָרטן אַ „נר תמיד״
עס ברענט און לעשט קיין מאָל ניט אויס.

„נו, קען עמיצער זיך פאַרגלייכן מיט אים? וואָס גיבן אונז איצטער די דעקאַדענטן, וואָס שרייבן מער פינטעלעך ווי געדאַנק, פליען אין הימל און ווילן ניט זען וואָס עס טוט זיך פאַר זייערע

אויגן? גאָלדפאַדן האָט געוואוסט וואָס ער וויל און דערפאַר איז ער אזוי באַליבט ביים פאָלק".

איך האָב זיך שפּעטער געטראָפן מיט פּ. זאַמאָשטשין און אים דערציילט ווי י. י. לינעצקי רעדט מיט באַגייסטערונג פון א. גאָלדפאַדן. זאַמאָשטשין האָט מיר דאַן געזאָגט: „צו פעלדבערגן, גאָלדפאַדנס שוואָגער, איז אָנגעקומען א ביכל, אַ גרויסע פּאָעמע פון גאָלדפאַדענען מיטן נאָמען „שבתיאל". עס איז ווערט דאָס צו זען".

איך בין אַוועק צו פעלדבערגן צו זען דאָס ביכל האָט ער מיר געזאָגט אז דאָס ביכל איז ביי גאָלדפאַדנס עלטערן. איך בין איבערראַשט געוואָרן דערוויסנדיק זיך, אַז גאָלדפאַדן האָט נאָך עלטערן און זיי זיינען אין אָדעס, און איך קען זיי זען.

איך בין אוועק אויף דער פּרעאָבראַזשענסקי גאַס, וואו זיי האָבן געוואוינט. ביי א זייגערמאַכער־פענצטער האָב איך געטראָפן א גרויען, אלטינקן, מיט זיין פאַרגרעסער־גלאָז, קוקנדיק אין דעם ווערקצייג פון א זייגערל. דער אלטער האָט אויף מיר געמאכט אַן איינדרוק פון א פּראָסטן אידן, א בעל־מלאכה. איך האָב זיך צו אים געווענדט: „זייט איר אברהם גאָלדפאדנס פּאָטער?" ער האָט מיר ווי אַרויסגעקייט אַן ענטפער: „יאָ!" ער האָט מיר גלייך געוויזן מיטן פינגער: „אָט איז מיין אלטע".

ס׳איז מיר אַנטקעגן געקומען אַ הויכע, שלאַנקע פרוי, מיט שיינע, שווארצע, פריילעכע יונגע אויגן, זי האָט מיר געגעבן פריינטלעך די האַנט. איך האָב זי איבערגעפרעגט: „זייט איר אברהם גאָלדפאַדנס מוטער?" „יאָ", האָט זי מיר געענטפערט. „אברהמ׳ל איז מיין זון — ער זאָל מיך איבערלעבן. ער איז, נעבעך, איצט קראַנק אויף די אויגן. זיי האָבן עס פאַר מיר פארלייקנט און איך בין עס ערשט געוואָרן געוואָרן".

„עס איז שטענדיק געווען מיין גרויס פאַרגעניגן צו לייענען זיינע בריוולעך. איך האָב פאַרנאַכלעסיקט דעם „צאינה וראינה" צוליב זיי. צו וואָס לעזן אַנדערע זאכן, ווען איך האָב אברהמ׳לס בריוולעך? האָט מיך גאָט געשטראָפט און איך האָב זיי פאַרזינדיקט". זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און באלד ווידער גערעדט:

„מיין מאַן איז אַ קאַלטער מלאך, שטענדיק פאַרטאָן אין די

זייגערלעך. פרעגט, וואָס דאַרף ער זיין? מיינע קינדער גיבן אונז אויף צו לעבן — און ער וויל זיין ארבעט ניט אויפגעבן". זי האָט זיך צעשמייכלט:

„מיין קאָפּ איז שטענדיק פאַרנומען מיט מיין אברהמ׳לען. דאָ, אַנומעלטן, האָט אים מיין איידים געשיקט צוויי הונדערט רובל — ער שיקט אים שטענדיק, ווען ער פאַרלאַנגט — זאָל אים נאָר גאָט צושיקן א רפואה שלמה". דערביי האָט זי מיר דערציילט, אז אברהמ׳ל איז פון קינדווייז אָן געווען אַ געראָטענער, האָט געהאַט אַ טייערן קאָפּ און וואָס ער האָט געזען האָט ער נאָכגעמאַכט. אָבער וואָס קומט ארויס פון די אַלע זאַכן? אז ער איז איצט באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט — אז די מאַמע זעט אים ניט?" זי האָט גענומען ווישן די אויגן: „איך בענק נאָך אים, גאָט זאָל אונז נאָר צוזאַמענברענגען".

מיר האָבן דאַן גענומען רעדן פון זיין פּאָעמע „שבתיאל", וואָס איך האָב גלייך איבערגעלייענט אין הויז. זי האָט האַרציק געלאַכט ביי אייניקע שטעלן. ביים אַוועקגיין האָט זי מיך געבעטן: „קומט אַמאָל אַריין, וועל איך אייך געבן איבערלייענען זיינע בריוולעך". איך האָב זיך געטראַכט: „איך האָב נאָך אַזא יונגע אַלטיטשקע ניט געזען אין מיין לעבן".

ווען איך האָב דאָס איבערגעגעבן לינעצקין, האָט ער געקרעכצט. אַ טרויעריקער, אַ פאַרזאָרגטער האָט ער אַלץ איבערגערעדט: „גאָלד־פאָדן ווערט בלינד און נייטיקט זיך אין הילף".

לינעצקי פלעגט זייער אָפט רעדן פון זיינע עלטערן און פלעגט מיט א קרעכץ פון באַדויערונג דערמאָנען זיין מוטער. דעם פאָטער האָט ער ממש פאַרגעטערט. ער פלעגט מיר זאָגן: „מיין קאַמף איז געווען א גרויסער, א שטאַרקער. אין אַזא וועלט, וואו עס האָט גע־הערשט פינצטערקייט, פאַנאַטיזם און אומוויסנהייט, האָב איך, קליין שוואַך מענטשעלע, געדאַרפט קעמפן. א זעלטענע קראַפט האָט אין מיר געלעבט. איך געדענק ווען מען איז מיך באַפאַלן און מען האָט צו מיר געשריען, אז פון מיר רעדט די „קליפּה", אז אין מיר איז דאָ אַ רוח, האָב איך געזאָגט, איך גלויב נישט אין קיין קליפּה און קיין רוח האָב איך קיינמאָל ניט געזען. איך וועל אין קיין רוח ניט גלויבן, סיידן דער רוח וועט מיך נעמען".

איך האָב אים דאָן געפּרעגט, צי עס איז אמת, ווי מען דער־ציילט, אַז ווען זיין פאָטער האָט אים געפירט צום רבי׳ן, האָט דער רבי געזאָגט, אַז אין אים האָט זיך ארייַנגעכאפּט א „קליפה״, און אַז אום די „קליפה״ ארויסצוטרייבן, מוז זיין פאָטער אים טובל זיין אין מקוה און זאָגן דריי מאָל: „קליפה, ארויס פון מיין זון!״ וועט די קליפה ארויס און ער וועט ווערן א בעל־תשובה. און אַז ווען זיין פאָטער האָט עס געטאָן און האָט געשריען: „קליפה, ארויס פון מיין זון״, האָט ער געשריען דריי מאָל: „טיפּוש, ארויס פון מיין טאטן״ . . . לינעצקי האָט דאָס אָפּגעלייקנט און האָט מיר געזאָגט, אַז מען שרייבט אים צו זייער פיל זאכן, וואָס זיינען ניט ריכטיק. „אין אמת׳ן״ — האָט ער געזאָגט — „האָב איך שטארק ליב געהאַט מיין פאָטער און איך האָב זייער געליטן, ווען איך האָב אים ווייַ געטאָן, אָבער איך האָב גערעכנט, אַז איך מוז מאכן די אָפּעראַציע. מיין ארויסטרעטן קעגן חסידיזם איז מער געווען א קאמף קעגן פאַנאַטיזם און אבערגלויבן״.

לינעצקי האָט מיר איינמאָל דערציילט א מעשה, ווי אַזוי עס שאַפט זיך אַן אבערגלויבן: „וועלוול מלמד, א איד א למדן, וואָס זיצט ימים ולילה אין שול און לערנט און יוסף שוחט איז אַן ער־לעכער איד, וואָס גייט אַלע אינדערפרי אין מקוה. אמאָל איז יוסף שוחט געקומען פון מקוה אין שול, ווען עס איז נאָך געווען פינצטער און קיין שוועבעלע האָט ער ביי זיך ניט געהאט, איז ביי אים גע־בליבן זיך צו לייגן אויף א באנק ביז עס וועט ווערן ליכטיק. ווען ער איז צוגעקומען צו א באנק, און גיט א טאפּ, דערפילט ער, עס ליגט א מענטש. פרעגט ער „ווער איז דאָס?״ ענטפערט מען אים: „דאָס בין איך, וועלוול מלמד״. פרעגט אים וועלוול מלמד צוריק: „און ווער זייט איר?״ ענטפערט ער אים: „דאָס בין איך, יוסף שוחט״. וועלוול מלמד, א איד מיט דרך ארץ, הייבט זיך אויף און לייגט זיך אויף אַן אַנדער באנק. יוסף שוחט, ניט וועלנדיק אים שטערן, גייט אוועק צו א צווייטער באנק, גיט א טאפּ, און דערפילט אַז עס ליגט א מענטש, פרעגט ער ווידער: „ווער איז דאָס?״ ענט־פערט מען אים: „וועלוול מלמד״. „און ווער זייט איר?״ זאָגט ער אים: „איך בין יוסף שוחט״. און וועלוול מלמד איז ווידער אוועק צו אַן אנדער באנק. ווען יוסף שוחט איז צוגעקומען צו דער בייער

באנק און געקראַגן אַן ענטפער, אַז דאָס איז וועלוול מלמד, האָט יוסף שוחט גענומען שרייען ניט מיט זיין קול: „געוואַלד, געוואַלד, גע־וואַלד, אַ פּולע שול מיט וועלוול מלמד!"

יעדער מאָל ווען לינעצקי פלעגט מיר דערציילן עפּעס אַן עפּי־זאָד פון זיין לעבן, האָט ער שטענדיק געהאַט צו דעם אַ פאַרגלייך. אַ סך מאָל איז דער פאַרגלייך אינטערעסאַנטער געווען פונם עפּי־זאָד אַליין. ער האָט דערציילט געלאַסן, ווי ער וואָלט עס געלייענט פון אַ בוך. מען האָט אים געמוזט אויסהערן מיט גרויס אויפ־מערקזאַמקייט, אויב ניט — האָט ער דאָס גלייך באַמערקט. ער האָט פאַר מיר אַמאָל געזונגען זיינס אַ ליד, דאַכט זיך, „דער מאַי". פּלוצים זאָגט ער מיר: „דו הערסט ניט, וואָס־זשע מאַכסטו מיך צום נאַר?" איך האָב זיך גענומען פאַרענטפערן: „וואָס רעדט איר? איך הער גוט, וואָס הייסט, איך הער ניט?" האָט ער מיר געזאָגט ברוגז'לעך: „לאָז מיך צורו, איך וועל פאַר דיר מער ניט זינגען". איך האָב אים אָבער שטאַרק געבעטן און ער האָט דאָס ליד געענ־דיקט זינגען. פון דעמאָלט אָן בין איך געווען זייער פאָרזיכטיק. ווען ער האָט גערעדט, געזונגען אָדער פאָרגעלעזן, האָב איך זיך אָנגעשטרענגט, ער זאָל ניט חושד זיין, אַז איך הער ניט. אין אמת'ן איז מיר יעדעס וואָרט זיינס געווען אינטערעסאַנט.

אַמאָל בין איך געקומען צו אים ווען ער איז געווען ניט געזונט, האָט ער מיך אַריינגערופן צו זיך אין צימער, וואו ער איז געלעגן און צו מיר געזאָגט: „איך האָב דיר צו פאַרטרויען אַ סוד, נאָר עס זאָל קיינער ניט וויסן פון דעם: איך האָב זיך צעקריגט מיט מיין זון און איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון די פינף־און־צוואַנציק רובל אַ וואָך, וואָס ער גיט מיר אויף צו לעבן. איצט בין איך קראַנק און איך האָב ניט אַ גראָשן .וויל איך, מיין קינד, זאָלסט מיר טאָן אַ טובה: נאָך מיין יובילייִ האָבן דריי גבירים זיך פאַרפליכטעט מיר צו צאָלן אַ געוויסע סומע געלט אַ וואָך אויף מיין גאַנצן לעבן; אָבער אַזוי ווי איך האָב געהאַט גענוג אויף צו לעבן, האָב איך ביי זיי קיין געלט ביז איצט ניט גענומען. איצט אָבער, ווען איך נויטיק זיך, — נאָ דיר אַ צעטעלע צו זיי, און זיי וועלן דיר געבן געלט. זאָלסט מער ניט נעמען ווי 25 רובל. נאָר קיינער זאָל ניט וויסן".

איך בין געגאַנגען צו די גבירים, זיי האָבן מיר געוואָלט געבן אַ סך מער. „עס קומט אים״, האָבן זיי געזאָגט. איך האָב אָבער ניט גענומען מער ווי 25 רובל. דעמזעלבן טאָג איז איין גביר געווען ביי אים צו באַזוך. דיזעלבע וואָך האָט ער זיך איבערגע־בעטן מיטן זון און מער מיך ניט געשיקט צו זיי. ער האָט אָבער מיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן אָט־די טובה, כאָטש ביי מיר איז גאָר געווען אַ כבוד, וואָס ער האָט צו מיר אַזאַ צוטרוי געהאַט.

לינעצקי איז געווען אַן ענערגישער מענטש, און ווען ער האָט פאַרגענומען א זאַך, האָט ער זי דורכגעפירט. אָבער אין געשעפט־זאכן איז ער געווען פרעמד: א איד, א משכיל און א דערפאָלגריי־כער שדכן, האָט אים אַמאָל צוגערעדט, זיי זאָלן ווערן שותפים — און לינעצקי איז געוואָרן א שדכן. געוויינלעך האָבן זיי געפירט שדוכים צווישן רייכע לייט. לינעצקי אָבער האָט אַלע שדוכים קאַ־ליע געמאַכט: אז אַ מחותן, אַ גביר, האָט ארויסגעוויזן גרויסקייט און געדרייט מיט דער נאָז, האָט אים לינעצקי גלייך געזאָגט: „וואָס בלאָזט איר זיך? ווער זייט איר אזוינס? עס דאַרף זיין ביי אייך אַ זכיה, אז יענער וויל זיך מיט אייך משדך זיין״, און אים גע־נומען איינראַמען אַ סוד: „איך ווייס, ווער אייער זיידע איז גע־ווען״ . . . דער שידוך איז אזוי ארום צעשלאָגן געוואָרן.

לינעצקי האָט מיר אויך אַמאָל דערציילט, אז גוטע פריינט האָבן אים געהאַט צוגערעדט צו עפענען אַ רעסטאָראַן. קוים מיט צרות צונויפגעליגן געלט, אַלץ איינגעאָרדנט. עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, און ער האָט אויפגעגעבן דעם רעסטאָראַן. ער האָט מיר דערביי געזאָגט: „עס איז גוט מכבד צו זיין מענטשן, געסט, אָבער באַדינען מענטשן — דאָס איז מיאוס און אָפּשיילעך!״

אפילו ווען ער האָט געדאַרפט פון איינעם א טובה, האָט ער זיך אויך ניט דערנידעריקט. אַמאָל האָט ער געדאַרפט א טובה פון דעם אָדעסער באַנקיר, באַרבאַש, וועלכער איז געווען זייער גע־הויבן ביי די ציוניסטן. לינעצקי, א געוועזענער חובב־ציון, נאָר א קעגנער פון פּאָליטישן ציוניזם, האָט מיך מיטגענומען מיט זיך צו באַרבאַשן אין קאַנטאָר. ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין קאָנ־טאָר, איז כמעט אָפּגעשטעלט געוואָרן די גאַנצע ארבעט. אַלע האָבן געווענדט זייערע בליקן צו לינעצקין און אים

באַגריסט. באַרבאַש האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און אַריינ־געפירט אין זיין באַזונדערן צימער. ביים אַוועקגיין האָט באַרבאַש געוואָלט העלפן לינעצקין אָנטאָן זיין ראָק. זאָגט לינעצקי צו אים: „לאָזט אָפּ, איר מיינט דאָס ניט; וואָס פאַר אַ ווערט האָט ביי אייך אַזאַ איד ווי איך, וואָס האָט קיין געלט ניט?"

ווען איך האָב אַמאָל געפרעגט לינעצקין: „ווי אַזוי זענט איר געגאַנגען פאַרקויפן אייערע ווערק, ווען איר האָט אַזאַ שטאָלצן כאַראַקטער?" האָט ער מיר געענטפערט: „מאַכן ביכלעך איז קיין קונץ ניט. דער, וואָס האָט טאַלאַנט, קען מאַכן ביכלעך. אַ קונץ איז צו פאַרקויפן ביכלעך. ווען איך בין געגאַנגען צו אַ גביר מיט מיין בוך, האָב איך גלייך אַ קלער געטאָן, אַז איך האָב אים פיינט און האָב אים פאַרניכטעט ביי מיר אין געדאַנק. אַלזאָ, וואָס־זשע איז זיך דאָ צו שעמען פאַר אַזאַ מין באַשעפעניש? און ווידער, פאַר אַ פיינעם און געבילדעטן מאַן איז זיך געוויס ניטאָ וואָס צו שעמען. אָבער קיין גוט מאַכל איז עס ניט. דאָך האָב איך פאַר מיין איבערזעצונג פון גרעצ׳ס אידישער היסטאָריע צוזאַמענגענומען מער ווי צען טויזנט רובל".

אין יענער צייט זיינען אין אָדעס ניט געווען קיין ליטעראַרישע קאַפייען אָדער רעסטאָראַנען. געשעפטסלייט פלעגן זיך צוזאַמענקו־מען אין די טיי־הייזער „טשאַינע טראַקטירן", וואו עס פלעגן טאָג און נאַכט שפּילן „שפּיל־שאַפּעס" צו אַמוזירן דעם עולם. אַרבעטער פלעגן גיין אין ווייַנקעלערס צוביַיסן ביי אַ גלעזל וויין און הערן אידישע לידער און קאָמישע פאָרשטעלונגען, געגעבן פון עלטערע און אינגערע זינגער, וואָס זיינען פאַרבליבן פון די אַמאָליקע אידישע טעאַטערס. סאָציאַליסטן פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַלע נאַכט אויף אַן אַנדער פּלאַץ, מען זאָל זיי ניט פאַרדעכטיקן אַז זיי פירן אַגיטאַ־ציע. ציוניסטן האָבן געהאַט זייער קאַפע „יבנה", וואו זיי פלעגן זיצן און רעדן ניט אַזוי פון ציוניזם ווי פון די „אַנטי־ציוניסטן". די אַנטי־ציוניסטן האָבן ניט געהאַט קיין פּאַרטיי. (דעם נאָמען האָבן זיי געקראָגן פון די ציוניסטן דערפאַר, ווייל זיי האָבן אין ציוניזם קיין אַנטייל ניט גענומען). אָבער אַזעלכע זיינען געווען זייער אַ סך; מערסטנס יונגע לייט וואָס זיינען געקומען שטודירן קיין אָדעס.

און מיידלעך, קורסיסטקעס, וואָס פּלעגן זיך לערנען צו ווערן דענ־טיסטקעס, און אקושאָרקעס, מאסאזשיסטקעס. אָט־די אַלע מענטשן פּלעגן זיך טרעפן יעדע נאכט אין איינע פון זייערע הייזער, דעבאַ־טירן און פארברענגען, אָבער גאנץ אָפט זיינען די עלטערן געווען א שטערונג.

איינמאָל זאָגט מיר לינעצקי: „איך זאָלט האָבן וואו זיך צו־זאמענקומען, וואָלט איך געווען מיט אייך. פילייכט וואָלט מען עפּעס אויפגעטאָן". האָב איך זיך דורכגערעדט מיט א פּאָר חברים און חבר'טעס און מיר האָבן באוואויגן א יונגן מאן, א זינגער פון פּיניע מינקאָווסקיס כאָר און פון שטאָט־טעאטער, ער זאָל עפענען א קאפע פאר אונז. די נייע קאפע האָט געקראָגן דעם נאָמען די „אנטי־ציוניסטישע קאפע". דעם נאָמען האָבן איר געגעבן די ציו־ניסטן.

ווען די קאַפּיינע האָט זיך געעפנט, האָבן די ציוניסטן, אומגע־בעטענערהייט, זיך אריינגעקליבן צו אונז. זיי האָבן אריינגעבראכט טומל און קריג. זיי האָבן שטענדיק געזוכט ארויסצורופן דעבאַטן. אזוי ווי צווישן אונז זיינען געווען א סך אומלעגאלע פּאָליטישע טוער, האָבן מיר געוואָלט די דעבאַטן אויסמיידן. זיי האָבן אָבער עקשנות'דיק אונז אטאקירט, ביז עס איז געקומען צו קריג און סקאַנדאַלן. מיר, יונגע, האָבן אָנגעווענדעט אַלע מיטלען די ציו־ניסטן ארויסצושטופּן פון קאפע. עס איז ניט גרינג אָנגעקומען. אָבער דער אייגנטימער פון דער קאפּיינע האָט דערצו מיטגעהאָלפן און מיר זיינען צו ביסלעך פון זיי פריי געוואָרן. דאן איז דאָס פּלאץ געוואָרן אונזער שטענדיקע היים, וואו מיר האָבן אַלע טאָג פארבראכט ביז שפּעט אין דער נאכט.

צו אונז אין קאפע פלעגן אָפט, ארום 11 אזייגער ביינאכט, אריינקומען אחד־העם מיט זיין יונג טעכטערל, מיט זיי אויך פראנק־פעלד, וואָס האָט צוזאמען מיט ראווניצקין ארויסגעגעבן א ציוניס־טישע זאמלונג, „דער וועקער", לובארסקי, פריילין ווערניק, וועל־כע איז שפּעטער געוואָרן קלויזנער'ס פרוי. זיי פלעגן אויך דע־באַטירן, אָבער אויף א שטילן אופן, אָן סקאנדאלן.

איך האָב לינעצקין א פּאָר מאָל געבראכט אין קאפע. צום דריטן מאָל האָט ער מיר געזאָגט: „מער גיי איך ניט אַהין: זיי זיינען מענ־טשן וואָס גיסן וואַסער אין א כלי אָן א דנאָ, און שטויסן וואסער איז אָן עבירה די צייט".

כמעט אלע אָנפירער פון וויסאָצקי׳ס מאָסקווער טיי־קאָמפּאַניע זיינען געווען ציוניסטן. ווען אחד־העם איז געוואָרן דער פאַרוואַל־טער פון דער אָדעסער אָפּטיילונג, האָט עס געמאַכט זייער א שווערן איינדרוק אויף זיינע פאַרערער. לינעצקי האָט א סך מאָל איבער־גערעדט: „אחד־העם א געשעפטסמאַן . . . אחד־העם זאָל מוזן אָנ־נעמען אַ שטעלע און שטענדיק זיין מיט די קאַריעריסטן. ס׳איז א טראַגעדיע".

איינמאָל האָט מיך פרוי זאַמאָשטשין געבעטן, ווען איך וועל זיין ביי לינעצקין, זאָל איך אים זאָגן, אז קומענדיקן זונטיק, מיטאָג־צייט, וועלן קומען געסט צו אים. זיי, די זאַמאָשטשינס, אויך פעלד־בערג מיט זיין פרוי, גאָלדפאַדנס שוואָגער און שוועסטער, א באַ־רימטער מאָלער און, עס קען זיין, עס זאָל אויך קומען איזאַבעלאַ מ., ספּעקטאָרס געוועזענע פרוי, מיט איר מאַן".

זונטיק איז ביי לינעצקין אין הויז געווען יום־טוב׳דיק. די געסט האָבן געבראַכט לינעצקין בלומען, וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. לינעצקי איז געווען פאַרטאָן מיט צוגרייטן טיי פאַר די געסט. די אַרבעט האָט ער ליב געהאַט אליין צו טאָן; ער האָט געלאָסן געהאַלטן יעדע גלאָז אין די הענט און באַקוקט עס זאָל זיין ריין; דערנאָך געזען, אז די עסענץ זאָל זיין אָנגעצויגן, עס זאָל „שפּילן" אין גלאָז. אָנגיסנדיק יעדע גלאָז טיי האָט ער נאָכאַמאָל אויפגעהויבן די גלאָז, זי באַקוקט, און יעדן דערלאַנגט טיי. לינעצקיס פרוי איז געווען אין קיך, צוגעגרייט מיטאָג פאַר די געסט, און זאַמאָשטשינס פרוי איז געווען פול אומעטום און פאַרווילט דעם עולם. שפּעטער האָט מען גערעדט פון די בייעסטע רוסישע זשור־נאַלן, וואָס זיינען דאַן דערשינען און לינעצקי האָט געקראָגן און געלעזן. לינעצקי האָט שטאַרק געליובט קאָראָלענקאָ און געזאָגט: „איך מוז זיך ווען ס׳איז אויסקלייבן פאָרן זיך באַקענען מיט קאָ־ראָלענקאָ".

פרוי זאַמאָשטשין האָט פאָרגעלייענט א פעליעטאָן, א קריטיק איבער טשעכאָווס דערציילונגען, געשריבן פון איר זון מאַרק פאָוו־לאָוויטש, געדרוקט אין „אָדעסקי נאָוואָסטי". מען האָט גערעדט

פון סיענקעוויטשן, ווי דאָס פוילישע פאָלק פארגעטערט אים און צוגעגליכן ווי דאָס אידישע פאָלק שעצט אָפּ אירע שרייבער און צאָלט זיי מיט א הונגער־לוין. מען האָט גערעדט פון פרישמאנען, ווי ער אטאקירט פּרצ׳ן. לינעצקי האָט דאַן געלויבט פריש־מאנען אלס טאלאנטפולן שרייבער.

„פּרץ איז א קלוגער רבי״, האָט ער דערקלערט: „אז א רבי זאָגט תורה, און ווען ער קען ניט, זעען למדנים באלד איין, אז ער איז א גראָבער יונג; אָבער ווען א קלוגער רבי זאָגט „סתרי תורה״, איז שוין א זאַך וואָס ניט דער רבי ווייסט וואָס ער זאָגט און ניט די חסידים ווייסן, וואָס ער מיינט״.

זאַמאָשטשין האָט דערציילט, אז ער איז די וואָך געווען ביי אָסיפּ לערנער. ער האָט געהאלטן לערנערן פאר א זייער קלוגן. דאָס האָט בייז געמאכט פעלדבערגן, און ער האָט געזאָגט: „איך ווייס ניט וואו שטעקט זיין חכמה? א מענטש וואָס פארקויפט זיין נשמה, זיין גאָט, זיין פאָלק פאר געלט, איז א נאר און גאָר קיין מענטש ניט. אינם אונטערגאנג פונם אידישן טעאטער אין רוסלאנד האָט ער געהאט א האנט. איצט שרייבט דער משומד לערנער די „אידישע היסטאָריע״, איז ער ניט אומפארשעמט?!״

זאמאָשטשינס פרוי פרעגט: „אויף ווען וואַרט מאַריע לערנער מיטן שמד׳ן זיך״? ענטפערט לינעצקי: „זי האַלט איר שמד׳ן זיך פאר א סטראשונאַק קעגן איר משפחה, ווען זי וועט זיך ווענדן צו זיי נאָך שטיצע פאר איר טאָכטער, זי זאָל קענען שטודירן צו זיין אן אָפּערע־זינגערין. אויב מען וועט איר ניט געבן, וועט זי זאָגן, אז זי וועט זיך שמד׳ן״. דערביי דערציילט ער אזא וויץ: „א סטו־דענט איז איינמאָל געקומען צו זיינעם א רייכן פעטער ער זאָל אים געבן פינף הונדערט רובל צו קענען אָנהאַלטן זיין שטודיום, ווען ניט גייט ער זיך שמד׳ן. דער קארגער פעטער גלויבנדיק אז דער סטודענט שרעקט אים בלויז דערמיט האָט אים געזאָגט: גיי צו אַלע שווארץ יאָר, איך גיב ניט קיין גראָשן! דער סטודענט איז דאַן אַוועקגעגאנגען. געקומען צום גלח, אראָפּגענומען דאָס היטל און זיך געזעצט עסן חזיר. ווען דער פעטער, וואָס איז אים נאָכגעגאנגען אומבאמערקטערהייט, האָט דערזען דורך דער שליסל־לאָך פון דער טיר, וואָס דער סטודענט טוט, האָט ער געגעבן אן עפן אויף די טיר און געזאָגט צו אים: נאָ דיר די פינף הונדערט רובל, טו אָן

דאָס היטל, בענטש אָפּ און קום אַהיים". די פרוי זאמאָשטשין האָט אויף דעם געענטפערט: „אָבער זי וועט זיך דאָך שמד׳ן. ווי אַזוי שמד׳ט מען זיך ניט, אז מען שרייבט אָן אַ גאָוועלע, „א היים" און מען איז אזוי נאציאָנאַליסטיש?"

פּלוצים גיט א זאָג לינעצקי: „האָט איר שוין געזען די קריטיק וואָס ראובן בראַינאָווסקי האָט געקראָגן איבער זיין ווערק אין „דר. בלאָכ׳ס עסטרייכישע וואָכנשריפט?" לינעצקי האָט ארויסגענומען פון שרייב־טיש די „עסטרייכישע וואָכנשריפט" און גענומען לייע־נען אויפן קול. ווען ער האָט געענדיקט לייענען האָט ער געזאָגט: „איך בין אים מקנא" — א קליינינקייט ,א קריטיק אין דר. בלאָכ׳ס עסטרייכישער וואָכנשריפט! זאמאָשטשין האָט אונטערגעכאַפּט: „מען האָט אים שוין גענוג געזידלט אין די צייטונגען". לינעצקי איז בייז געוואָרן: „פון וועמען איז ער געזידלט געוואָרן? פון די, וועלכע קענען ניט דולדן קיין אמת וואָרט? מיר מעגן אים מקנא זיין, מיר דענקען און פילן ווי ער, און מיר שווייגן". איך האָב זיך געפילט איבערגליקלעך פון לינעצקיס ווערטער.

מען האָט געבעטן לינעצקין, ער זאָל עפּעס לייענען, האָט ער פאָרגעלעזן שטעלן פון זיין נייעם סידור, געשריבן אין גראַמען. אַלע האָבן באַגייסטערט אַפּלאָדירט. לינעצקי האָט דאַן א זאָג געטאָן צו זאמאָשטשינען: „וועט איר דיזעלבע מיינונג זאָגן אונטער מיינע אויגן אויך?" אויף דעם האָט זאַמאָשטשין געענטפערט: „איר הייבט שוין אָן? איך בין איצט אזוי געשטימט, — וואָס דאַרפט איר פאַרזאָרגן וואָס שפּעטער וועט זיין?" לינעצקי האָט אים דאַן געענטפערט: „איך מיין דאָס ניט. איך האָב דאָס געדאַרפט צוליב א וויץ". און ער האָט דערציילט:

„איינער האָט אונטערגעשלאָגן זיין פרוי די אויגן, האָט זי אים פאַרקלאָגט אין געריכט. האָט דער ריכטער אים געפרעגט: פאַרוואָס שלאָגסטו דיין ווייב? האָט ער געענטפערט: אז מיין ווייב איז א זייגערין, בין איך א זייגער, און ווען עס קומט צו דער צייט שלאָג איך. פרעג דער ריכטער אים: פאַרוואָס־זשע שלאָגסטו איר אונטער די אויגן? ענטפערט ער: אונטער די אויגן מעג מען שלאָגן אפילו דעם רבי׳ן".

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. נאָכדעם האָט לינעצקי געזונגען זיין ניי ליד „די פאַרשטויסענע לירע" און אנדערע לידער. און אזוי

ווי דער עולם איז געווען פריילעך, האָבן אַלע מיטגעזונגען און פרוי זאַמאָשטשין האָט געכאַפּט לינעצקין טאַנצן. דער עולם איז אהיים־געגאַנגען שפּעט ביינאַכט.

אַרום יענער צייט איז דער אַקטיאָר און טעאַטער־אונטערנעמער, ספּיוואַקאָווסקי, געקומען מיט אַ טרופּע קיין אָדעס שפּילן אידיש טעאַטער. כדי צו קריגן אויף דעם אַ דערלויבעניש, האָט ער זיך געווענדעט צו דעם אינזשיניר אי. פאָן גורלאַנד, וואָס האָט געהאַט גרויס פאַרבינדונג אין די רעגירונג־קרייזן. גורלאַנד האָט מיך מיט אים באַקענט און איך האָב זיך מיט אים באַפריינדעט.

איך האָב דערציילט לינעצקין וועגן דער שוועריקייט צו קריגן אַ דערלויבעניש פאַר ספּיוואַקאָווסקין צו שפּילן אידיש טעאַטער. „זאָל ער זיך ווענדן צו אָסיפּ מיכאַלאָוויטש לערנער און אים געבן אַ פּאָר רובל, וועט ער אים דאָס דורכפירן", האָט ער געזאָגט. צו לערנערן אליין האָט מען אָבער אויך געמוזט האָבן פּראָטעקציע. איך האָב דאַן געבעטן לינעצקין ער זאָל מיט מיר גיין צו לערנערן. לינעצקי האָט זיך זייער שיין אויסגעפּוצט, ווי אַלע מאָל, און זיך געלאָזן גיין מיט מיר, אָבער ווען מיר זיינען שוין געווען האַלב וועג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך געבעטן ביי מיר איך זאָל אַליין גיין צו לערנערן, זאָגנדיק: „אָ, ניין, גיין צו לערנערן, הייסט אים געבן אַ צושטימונג אויף דעם וואָס ער האָט זיך גע'שמד'ט, — איך וועל דאָס ניט טאָן. איך וועל פאַר דיר טאָן ווי יענער קאַר־גער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין האַרץ אַליין צו געבן אַ נדבה און האָט געזאָגט צום אָרימאַן: לייגט אַליין אריין די האַנט אין מיין קע־שענע און נעמט אַליין אַרויס . . . גיי צו לערנערן און זאָג אים אַז איך האָב דיך געשיקט, אַז ער זאָל טאָן וואָס ס'איז מעגלעך".
איך בין געגאַנגען צו לערנערן, אין לינעצקיס נאָמען, און ספּיוואַ־קאָווסקי האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש צו שפּילן אידיש טעאַטער אויף דייטש . . .

ספּיוואַקאָווסקי האָט מיר נאָכדעם איינגעלאַדן אין אַ וויין־קעלער מיט אים צו פאַרברענגען. „קומט, האָט ער געזאָגט, וועט איר זען וואו אידישע טאַלאַנטן וואַלגערן זיך". אין וויין־קעלער האָבן מיר געזען ווי עס זיינען אַרויסגעקומען אַ חברה טענצער, שפּילער און זינגער מיט צוגעטשעפּעטע בערדלעך, מיט שטריימלעך

אויף די קעפּ און האָבן געזונגען און געטאַנצט. דערנאָך זיינען זיי ארומגעגאַנגען צווישן עולם מיט א טעלער, צונויפגענומען געלט. ספּיוואַקאָווסקין האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. באַדויערנ־דיק זייער לאַגע, האָט ער אוועקגעלייגט פינף רובל אויפן טעלער. צווישן יענע זינגער און קאָמיקער איז געווען דער שפּעטער באַקאַנ־טער ארטיסט, סאַבסיי און דער קאָמיקער ליפּאָוועצקי.

ווען איך האָב דאָס דערציילט לינעצקין און באַדויערט די טאַלענטירטע יונגעלייט וואָס וואַלגערן זיך אין די קעלערס, האָט ער מיר געזאָגט: „זאָלסט געווען קומען מיט צוואַנציק יאָר צוריק קיין אָדעס, וואָלסטו אין די זעלביקע קעלערס געווען געטראָפן מיך און גאָלדפאַדענען זינגען אונזערע בעסטע לידער. מיר האָבןביידע געזונגען אין די קעלערס". נאָך דעם געשפּרעך דעם אָוונט איז ער געווען מעלאַנכאָליש און בלויז גערעדט פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון די פאַרפאָלגונגען וואָס ער איז אויסגעשטאַנען צוליב זיין „פּוי־לישען אינגל", געלייענט לידער, געווידמעט זיין מוטער׳ס יאָרצייט, אין וועלכע עס איז געווען געשילדערט איר אָרים און טרויעריק לעבן.

קומענדיק צו לינעצקין אויף מאָרגן, האָב איך ביי אים געטראָפן א גאַסט, דעם וויניצער רב, זיינעם א פּלימעניק, זייער אן אינטע־ליגענטער איד. עס איז געווען אינטערעסאַנט צו זען ווי צוויי באַ־זונדערע וועלטן באַגעגענען זיך און — האַרמאָנירן. לינעצקי האָט דאָן פאַר אונז געזונגען „די פּאַרשטויסענע לירע" און ווען ער האָט געזונגען, האָב איך אין אים דערזען דעם חסיד, דעם אמת׳ן חסיד נאָך פון פאַר דעם „פּוילישן אינגל".

ווען איך האָב פאַרפעלט א פּאָר מאָל צו קומען צו לינעצקין, פלעגט ער קומען צו מיר אין קאָנטאָר וואו איך האָב געאַרבעט, אריינשיקן א מענטשן פרעגן וואָס איך טו? ווי פיל איך? און ווען איך בין ארויסגעקומען צו אים, האָט ער מיר פאָרגעוואָרפן:

— ווי אזוי לאָזט דאָס אַ מענטש ניט וויסן פון זיך?

איך האָב זיך, נאַטירלעך, אַנטשולדיקט.

איינמאָל האָב איך אים דערציילט, אז איך האָב זיך באַקענט מיט א פאַמיליע, וואו ס׳זיינען פאַראַנען צוויי שיינע מיידלעך „קורסיסטקעס", און אז איך פאַרברענג דאָרטן זייער שיין און

פריילעך. רופט ער זיך אָן צו מיר מיט א שמייכל: — נעם מיך אויך מיט!

ער פרעגט מיך דעם צווייטן נאָמען פון דער פאמיליע, וואו איך פארברענג. ווען איך האָב אים געזאָגט דעם צווייטן נאָמען און צוגעגעבן, אז זיי זיינען פון „בעלז", פרעגט ער: „הייסט ניט זייער פאָטער משה'לע?" „יאָ, משה'לע", זאָג איך.

—אך, ס'איז אַן אַקט!—שרייט ער אויס, איך בין אמאָל ביי זיי געווען אין הויז — ס'איז געווען צוריק מיט א צען יאָר — זיי האָבן דעמאָלט טאקע געוואוינט אין „בעלז" — זיי האָבן מיך שיין אויפ־גענומען און געקויפט מיינע ווערק. וואָס טוט די מוטער? ווי זעט זי אויס? זיי זיינען זעלטענע מענטשן, איך וואָלט זיי וועלן זען".
דאָך האָט ער זיך ניט געאיילט צו גיין צו זיי. ווען די פאמיליע האָט אים אָפיציעל איינגעלאדן, זיינען מירביידע אַהין געגאנגען. לינעצקי האָט דאָרט געהאט גרויס כבוד און מיר האָבן פריילעך פארבראכט.

מיין ביכל „אונזערע ציוניסטן", וואָס איך האָב ארויסגעגעבן און וואָס איז געווען א קריטיק אויף די אָדעסער ציוניסטן, האָט מיר פארשאַפט אַ וועלט מיט פארביסענע שונאים און דערנעענט אַ סך סאָציאַליסטן צו מיר אלס פריינט, צו וועמען איך פלעג אָפט קומען צו באזוך. צווישן די אינטעליגענטסטע פאמיליעס צו וועמען איך פלעג קומען, איז געווען א פאמיליע שטיינרייך, געבילדעטע מענטשן. א טייל פון זייער משפחה איז געווען פארשיקט קיין סי־ביר, און אנדערע וואָס זיינען געווען אמאָל ארעסטירט, און באפרייט געוואָרן.די פאמיליע איז צוריק געקומען פון אמעריקע,און די פרייהייט פון אמעריקע האָט אויף זיי אזוי געווירקט, אז די שנאה צו דער רוסישער רעגירונג איז געווען אומגעהייער. שפעטער בין איך, דורך א צופאל, געוואָר געוואָרן, אז זאמאָשטשינס זון קומט אויך צו זיי אריין. פון דעם האָט י. י. לינעצקי ביי מיר ניט געוואוסט און זאמאָשטשינס פאמיליע האָט ניט פארדעכטיקט, אז זייער זון האָט עפּעס סודות מיט מיר.

צו יענער צייט פלעגן סאָציאַליסטן מאכן געהיימע פארזאמ־לונגען דורך פארשיידענע „לעגאַלע" מיטלען. מען פלעגט מאכן

מיטינגען אונטער פארשטעלטע נעמען, ווי צוגרייטן אויסגעטראכ־
טע חתן־כלה מיט פאלשע תנאים . . . אונטער אזעלכע מאסקעס
פלעגט מען דורכפירן א פאָרלעזונג אָדער א קאָנצערט. ציוניסטן
האָבן דערצו ניט געדארפט אָנקומען, אָבער צומאָל פלעגן זיי זיך
אויך באנוצן מיט דעם מיטל, ווייל די פאָליציי פלעגט אָפט פאר־
דעכטיקן ציוניסטישע מיטינגען, אז עס איז פון פארשטעלטע סאָ־
ציאַליסטן.

איינמאָל בין איך, דורך א טעות, איינגעלאדן געוואָרן צו אָ
פארזאמלונג וואָס איז גאָר געווען א „ציוניסטישע".

אויף יענעם אָוונט האָט פאָרגעלייענט דער בארימטער העבריי־
אישער דיכטער דר. טשערניכאָווסקי. ער האָט געמאכט א שטארקן
איינדרוק מיט זיין פאָרלייענען, ווי אויך מיט זיין פערזענלעכקייט.
עס האָט דאָרט אויך פאָרגעלייענט א מאָלער, מיטן נאָמען וועפריק.
פאָרגעלעזן האָט ער א נאָך ניט געדרוקטע זאך פון י. י. לינעצקי,
„די אידישע היסטאָריע אין קורצן" (א סאטירע). ביים אָנאָנסירן
לינעצקיס נאָמען האָט אויסגעבראָכן אן אויסערגעוויינלעכער אָפּלאָדז,
כאָטש מען האָט ניט געטאָרט מאכן קיין רעש. ווען דער פאָרלייע־
נער האָט גענומען לייענען מיט פיינער אינטאָנאציע און טאַקט,
האָט יעדעס וואָרט ארויסגערופן אן אָפּלאָדז. אין דער סאטירע
איז די רוסישע רעגירונג געווען אָנגעגריפן אזוי שארף, אז עס האָט
געמאכט דעם איינדרוק אז עס איז א רעוואָלוציאָנערער אָוונט. ווי
מען האָט מיר אָנגעצייגט, האָט לינעצקיס טעכטערל מאַריקא אויך
בייגעוואוינט די פארזאמלונג.

מיט א שטיקל צייט שפעטער האָב איך זיך באקאנט מיט וועפ־
ריקען און איך בין איינגעלאדן געוואָרן צו אים אין הויז. ער האָט
מיר געוויזן זיין רייכע אידישע ביבליאָטעק, וואו ס'האָט ניט גע־
פעלט קיין איין עקזעמפליאַר אפילו, וואָס לינעצקי האָט ווען עס איז
געשריבן. רעדנדיק אָבער מיט אים וועגן לינעצקין פערזענלעך,
האָב איך דערפילט, אז עפּעס א „קריגעריי" איז צווישן זיי
פאָרגעקומען . . . וועפריק האָט כמעט פאָרגעטערט לינעצקיס טאַ־
לאַנט, אָבער ער האָט אויסגעמידן צו בארירן וואָס וועגן אים פער־
זענלעך . . .

די וועפריק פאמיליע האָט אויף מיר אויך געמאכט א גוטן
איינדרוק. איך האָב אין זיי געזען נייע מענטשן, ליטעראריש־קינסט־

לערישע, אָבער מיט צו גרויסע פּרעטענציעס. זיי האָבן זיך דער־לויבט אוועקמאַכן מיטן האַנט זאַמאַשטשינען אַלס דיכטער, און אַפילו אויף פּרצ׳עס שרייבן אָנגעוויזן חסרונות. וועפּריקס שטאָלצ־קייט האָט ארויסגעסטאַרטשעט אומעטום. און כאָטש זיין שרייבן, זיין פּאַרלייענען האָט געהאַט אין זיך נייעם סטיל און זיינע געסט אין הויז זיינען געווען אַלע ליטעראַרישע און טאַקע אינטערעסאַנטע מענטשן, אָבער זייער קריטיקירן פיל דעמאָלסטדיקע באַרימהייטן, האָט מיך פון זיי אָפּגעשטויסן ,דערווייטערט און איך האָב באַשלאָסן זיי מער ניט צו באַזוכן. דערצו האָב איך געפילט, אַז לינעצקי וואָלט מיך פון זיי סיי ווי סיי אָפּגערעדט.

איך האָב לינעצקין ניט דערציילט וועגן מיין באַקאַנטשאַפט מיט וועפּריקן, אָבער ביי אַ געלעגנהייט, ווען לינעצקי האָט דערמאָנט וועפּריקס נאָמען, האָב איך זיך ביי אים נאָכגעפרעגט וועגן וועפּריקן. דערויף איז זיין ענטפער געווען: „וועפּריק איז אַן אינטערעסאַנטער מענטש, נאָר אַ טיפּ, — אַ טשודאַק״.

„דער יונגערמאַן, האָט מיר לינעצקי אויספּירלאַכער דער־קלערט, האָט אַ סך ליטעראַרישע פּרעטענציעס, איז מיינער אַ גרויסער פאַרערער. ער האָט אויף מיר ארויפגעצוואונגען זיין פריינטשאַפט, מיר צוגעטיילט גרויס כבוד; גערעדט וועגן גרינדן אַ קלוב, וואו איך זאָל פאַר זיי געבן פאָרלעזונגען; גרינדן אַ לי־נעצקי־פאַרלאַג ארויסצוגעבן מיינע שריפטן. ער, וועפּריק אליין איז אַ מאַלער; ער האָט אַ שיינע היים, אַ רייכע ביבליאָטעק, אָבער אַן איינגערעדטער מענטש, ער טרייבט איבער זיינע כוחות, און מיינט אַז ער איז אַליין אַ גרויסער טאַלאַנט. ער האַלט שוין אַפילו אַז ער איז אַ רבי און האָט חסידים, און ער וויל אַז איך זאָל זיך אויך ארומשלעפּן מיט אים און זיין חברה. ס׳איז אָבער ניט פאַר מיר. כ׳האָב זיך דערפון אָפּגעוואָרפן. איך האָב דאָס איבערגעגעבן צו מיין מאַריקען, מיין טעכטערל, זאָל זי גיין צו זייערע ליטעראַרי־שע אונטערנעמונגען. איז ער ברוגז אויף מיר פאַרוואָס איך אַליין קום ניט. נו, איז וואָס קען איך העלפן?״

און שווייגנדיק אַ ווײַלע האָט ער שוין גוטמוטיק צוגעגעבן:

— דאָך איז כדאַי דו זאָלסט זיך מיט אים באַקענען. זיין פרוי איז אויך אַ באַלעזענע און גלויבט אין אים. מיט אַלע חסרונות זייערע, זיינען זיי ביידע וואוילע מענטשן.

איך האָב לינעצקין דאָן איבערגעגעבן ווי אזוי איך האָב מיך מיט וועפּריקן באַקענט און וואָס פאַר אן איינדרוק ער האָט אויף מיר געמאַכט. לינעצקי האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום נאָז, וואָס האָט באַדייט א וואָרנונג:—און דו האָסט עס מיר גאָרניט דערציילט!

ווען איך האָב פאַרגעוואָרפן לינעצקין פאַרוואָס ער האָט מיר קיינמאָל ניט דערציילט וועגן וועפּריקן און זיין פאַמיליע, האָט ער מיר געענטפערט:

— מען האָט אמאָל אנאָנסירט אין א צייטונג, אז ווער עס וויל פאָרן קיין אמעריקע זאָל קומען זיך פאַרשרייבן, וועט ער קריגן א רייזע־בילעט אומזיסט. איז איינער געקומען מודיע זיין אז ער וויל ניט פאָרן . . .

„איי, ברודער לעבן, ניטאָ קיין אמת׳ער פריינט! אַט ביסטו איצט מיין נאָענטסטער פריינט. אָבער ווען מען וועט אָנריידן אויף מיר, וועסטו אויך אוועק פון מיר, אָדער גאָר מיר ווערן פאַלש, ווי אַנדערע״.

„דאָס ליטעראריש געזינדל האָט מיך ניט ליב. איך זאָג זיי צו־פיל דעם אמת, אָבער דרך ארץ האָבן זיי פאר מיר. צו מיין לויה וועלן זיי אַלע קומען פטור צו ווערן פון א קאָנקורענט. איך וועל האָבן א גרויסע לויה. איך ווייס ניט צי דו וועסט זיין דערביי, אָבער די צייטונגען וועלן פיל רעדן וועגן מיר. מיינע שריפטן וועט מען אַלע איבערדרוקן״.

אייניקע שרייבער פלעגט ער ניט רופן ביי די נעמען, נאָר ביי צו־נעמען, ווי: „דער געלער״, „דער שניידערוק״, „דער פאַלשער נביא״, „דער מביזניק״. איך האָב שוין געוואוסט וועמען ער מיינט.

אמאָל האָט ער מיר אין גוטן מוט אויף א שפּאַסיקן אופן גע־וואָלט געבן אַ באַגריף ווי ער פילט ווען ער האָט איינעם ניט ליב, האָט ער מיר דערקלערט, שמייכלענדיק:

„ווען איך וואָלט געווען א גרויסער גביר, וואָלט איך מיר אויפ־געבויט א שיין הויז מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און איך וואָלט דאָרטן אויסגעמעבלירט אן אויסערגעוויינלאַכן שיינעם צימער מיט עלעקטרישער באַלייכטונג פון אַלערליי קאָלירן; די ווענט וואָלט איך געלאָזט פאַרפּוצן מיט סאַמעט און זייד, שיין און רייך דע־קאָרירט, די פּאָדלאָגע געשפּרייט מיט טייערע קאָוויאָרן און דער־

נעבן זאָל שטיין א ווייכע פּליושענע סאָפע מיט ספּרונזשינעס — און איך אליין זאָל טראָגן א קיטייסקן כאַלאַט מיט זיידענע קוטאַסן, מיט אויסגעניייטע קאָלירטע שיכלעך, און שפּעט ביינאַכט, ווי צו חצות, ווען אלע שלאָפן שוין, וואָלט איך אויפגעדרייט די עלעקטרי־שע באַלייכטונג און אויף דער ווייכער סאָפע זיצן און טראַכטן: „איך האָב דעם און דעם ניט ליב!" . . .

אין דער שנאה וואָס ער האָט אויסגעדריקט צו איינעם, איז שטענדיק געלעגן מער שפּאַס ווי האַס.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, חוץ לינעצקין, פאַרמאָגט נאָך פריינט און פריינדינעס. זיי זיינען אלע געווען זייער פאַרגעשריטן. מיר זיינען געגאַנגען אין קאַפע, אין שטאָט־פּאַרק, אין דער ביבליאָטעק און צומאָל א הוליע געטאָן אין אַ טאַנץ־זאַל און אפילו באזוכט פון צייט־צו־צייט אַ קאַפע שאַנטאַן. און מערערע מאָל פלעגן מיר אומשפּאַצירן ביז שפּעט אין דער נאכט אויסערן שטאָט, דעבאַטירן סאָציאַלע פראגן און זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער.

צווישן מיינע פריינט פון שיינעם געשלעכט האָט זיך צו יענער צייט געפונען א יונגע מיידל פון א קליין שטעטל, וואָס האָט שטו־דירט אויף דענטיסט און איז געווען אין דריטן קורס. דאָס דאָזיקע מיידל האָט מיט פאַרשיידענע שפּיצלעך מיך גענומען אָפּציען פון מיינע אנדערע באַקאַנטע און פון לינעצקין. וועגן לינעצקין פלעגט זי זאָגן: „וואָס טויג ער דיר, דער אלטער? גענוג איין מאָל א וואָך צו גיין צו אים!" מיך האָט פאַרדראָסן, וואָס זי רעדט אזוי וועגן לינעצקין, נאָר איך האָב דאָס פאַרשוויגן . . . זי איז דאָך פאָרט א מיידל, אַ געלערנטע, אַ סטודענטין, ציטירט פראזן פון שעקס־פּיר, היינע, געטהע און שילער . . . זי האָט געקענט די וועלט־קלאַסיקער אויף אויסנווייניק; זי פלעגט האַלטן פאַרטראַגן אויף פאַרזאַמלונגען . . . איך פלעג זיך דאָך פון איר פאַר׳גנב׳ענען און אוועקגיין צו לינעצקין און צו אנדערע באקאַנטע. זי האָט אָבער פאַרדעכטיקט, אז איך טייל מיין צייט מיט אַנדערע מיידלעך, האָט זי זיך גע׳ברוגז׳ט — איז דאָס געווען אן אמת׳ע ליבע מיט קריגן זיך, ברוגז׳ן און איבערבעטן . . .

ווען אונזערע באַקאַנטע האָבן באמערקט אונזער האַלטונג, האָט מען גענומען רעדן וועגן אונז אלס חתן־כלה. איך האָב דאַן פון איר פאַרלאַנגט, אז עס זאָל ווערן אָפיציעל באקאַנט אז מיר זיינען

חתן־כלה. זי האָט אָבער גע׳טענה׳ט, אז עס פאַסט ניט פאַר אזעלכע פראָגרעסיווע מענטשן ווי מיר זיינען, צו ווערן חתן־כלה אַפּיציעל, און דאַן האָט זי געזאָגט: דארפן מיר זיך נאָך מער דערקענען. אזוי האָט זי מיך אָנגעהויבן האַלטן אויף דער ארענדע.

איינמאָל האָב איך מער ווי אַ וואָך פאַרפעלט צו באזוכן לי־נעצקין. ווען איך בין געקומען צו אים האָט ער מיר פאַרגעוואָרפן: „אפילו איין מאָל א וואָך קומסטו שוין אויך ניט, — זאָג מיר וואָס איז געשען?"

איך האָב אים דערציילט דעם אמת, אז איך גיי ארום מיט א מיידל, וואָס שטודירט אויף צו זיין א דענטיסטקע, זייער א געראָ־טענע, א.אז.וו. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט: „איך האָב דאָס שוין געהערט, זאמאָשטשין האָט דאָס מיר דערציילט". אָבער זאָגט ער: „זי איז דאָך נאָך גאָר א קליינטשיקע". „וואָס, ענטפער איך, זי איז שוין 21 יאָר אלט!" „זי איז דאָך אָבער א קליינע, א קליינ־טשיקע, מיין איך, זאָגט ער, א פיצינקעלע און ניט קיין שיינע. דו ביזט דאָך עפּעס אַן עסטעט?" איך בין פאַרשעמט געוואָרן און ניט געוואוסט וואָס אים צו ענטפערן.

„נו, זאָגט ער ווייטער, זאָל זיין מיט מזל, — ווען־זשע וועלן מיר עסן לעקאָך? אָבער עס מעג דיר באַנג טאָן, וואָס דו ביזט די לעצטע צייט צו מיר ניט געקומען. איך האָב געהאַט געסט, וואָס פאַר דיר וואָלטן זיי געווען זייער אינטערעסאַנט".

„מיינער א פאַרערער און אלטער באַקאַנטער, פון קרים, איז געווען ביי מיר צו גאַסט מיט זיינע צוויי טעכטער. ער איז גע־פאָרן קיין אַקערמאַן און איז ספּעציעל אַראָפּגעפאָרן מיך זען. ער האָט מיין הויז־געזינד גענומען אין דער אָפּערע און מיר האָבן פאַר אים געמאַכט א גרויסן מיטאָג און מען האָט געטרונקען גוטע ווייַ־נען ,אפילו שאַמפּאַניער". דערביי ווייזט ער מיר א שטעקן מיט א זילבערן הענטל, אויף וועלכן ס׳איז געווען אויסגעגראַווירט זיין, לינעצקיס נאָמען, וואָס דער מאַן האָט אים געשאָנקען אלס א מתנה, און די פרוי לינעצקי ווייזט מיר אויך אנדערע שיינע פּרעזענטן, פאַר איר. „דאָך, טרייסט מיך לינעצקי, האָבן מיר געלאָזט פון דיינעטוועגן שיריים", און גלייך האָט מען דערלאַנגט צום טיש אַלערליי פרוכטן, פיינע געבעקס און וויין, וואָס דער גאַסט פון קרים האָט געבראַכט. מען גיסט פאַר מיר אַן א גלאָז וויין און איך טרינק

לחיים. לינעצקי זאָגט צו מיר: „טרינק אויס אינגאנצן". מען גיסט מיר אָן נאָך א גלעזל און נאָך צוויי גלעזלעך און מען צווינגט מיך כמעט איך זאָל אויסטרינקען. איך דערפיל א ווארימקייט און איך זע ווי לינעצקי קוקט זיך איבער מיט זיין פרוי, ווי איינער רעדט: ער איז שוין אין דער ארבעט. איך טרינק נאָך א גלעזל און איך פיל, אז איך בין בגלופין . . .

לינעצקי מיט דער פרוי האָבן אויך גענומען צו גלעזלעך ווייז. עס זיינען אָנגעקומען א פּאָר געסט און לינעצקי האָט זיי אויך מכבד געווען. נאָכדעם האָט לינעצקי פאר אונז געליינט „ברכי נפשי", איבערזעצט אויף אידיש, אין גראמען, און אנדערע זאכן. איך האָב אימיטירט טיפּן, פארשיידענע כאראַקטערן און כאָטש איך בין געווען בגלופין, האָב איך דאָך געוואוסט ווי זיך צו האלטן — אז איך געפין זיך ביי לינעצקין אין הויז. אהיים בין איך שוין געפאָרן אין א דראָזשקע.

שפּעטער מיט א פּאָר טעג, ווען מיר זיינעןביידע געגאנגען שפּאצירן, פרעגט מיך לינעצקי: „וואָס־זשע, דו ווערסט טאָקע א חתן?" „עס האלט נאָך ניט דערביי", זאָג איך. „דאָס מיידל איז אפילו אן אינטעליגענטע מיידל און זי איז מיר געפעלן. מיר פאר־ברענגען אָפט צוזאמען. אָבער זי איז צומאָל שטארק מאָדנע, זי איז אביסל א קאָקעטקע. אָט הויבט זי מיך אָן צוציען צו זיך און ארויסצייגן גרויס ליבע, און פּלוצים זאָגט זי מיר: „איך וועל קיינ־מאָל ניט חתונה האָבן; צו וואָס נעמען א לאסט אויף זיך? פראָג־רעסיווע מענטשן דארפן זיין פריי!" פּלוצים צעקושט זי זיך מיט מיר און זאָגט: „איך האָב דיך ליב און אויב מיינע עלטערן וועלן מיט מיר איינשטימען, וועלן מיר ווערן אָפיציעל חתן־כלה". און אָט הייסט זי מיר קומען צו איר און לאָזט מיך ווארטן אויף איר. קום איך ניט צו איר אין אָוונט — לויפט זי צו מיר אין קאנטאָר מיך זען. און אָט זאָגט זי מיר: „בחור'ל, דו ווילסט חתונה האָבן? וואָס הערט זיך מכוח א לעבן מאכן? מיט דיין געהאלט קען מען האָבן וואסער אויף קאשע . . . דו ווייסט ווי עס זאָגט ערגעץ איי־נער, אָ קריטיקער: „סאָפּאָגי ווישע שעקספּירא" (ד.ה. שטיוול שטייען העכער פון שעקספּירן). און צומאָל זאָגט זי מיר: „זאָרג ניט, נאַרעלע, איך וועל ענדיקן דענטיסט, וועלן מיר חתונה האָבן.

דו ווערסט ניט דאַרפֿן אַרבעטן. מיר וועלן שוין יאַקאָס דורכפֿירן אונזער לעבן".

„איך אָבער זע אַז זי אַליין האָט איבער זיך קיין דעה ניט, נאָר די מאמע אירע — די מאַמע איז די גאַנצע בעל־דעה. די לעצטע טעג האָט זי מיך ווידער אָנגעצויגן, געהייסן קומען צו איר אין הויז אַריין און אַליין איז זי ערגעץ אַוועק און מיך געלאָזט וואַרטן אויף איר. געקומען צוריק איז זי מיט אַ בחור. ווי מען זאָגט, איז ער אירער אַ געוועזענער געליבטער. זי זאָגט אַז ער איז בלויז אירער אַ פֿאַרערער. איך האָב זיך יענעם אָוונט אַרומגעקריגט מיט איר און ס'איז ענדלעך ווידער געבליבן ביים פֿריערדיקן. זי האָט, הייסט עס, מיך ליב און ווען זי וועט אויסשטודירן, וועלן מיר חתונה האָבן. „צו וואָס תנאים? זאָגט זי, אַ פֿאַרלאָבונג — ס'פּאַסט ניט פֿאַר אַזוי־נע פּראָגרעסיווע מענטשן ווי מיר זיינען".

„ווען איך בין צו איר אַ צייט נאָכדעם ניט געקומען, איז זי געקומען אין דעם רעסטאָראַן, וואו איך פֿלעג עסן און זיך אַוועק־געזעצט נאָענט לעבן מיר און געמורמלט שטילערהייט: „ברוגז? קאַצן־אויגעס! ווילסט חתונה האָבן, בחור'ל? וועלן מיר חתונה האָבן... איך פֿאָר היינט אַהיים, וועל איך רעדן מיט דער מאַמען און איר זאָגן, אַז דו ווילסט חתונה האָבן. — נו, גוט? גיב־זשע מיר אַ קוש! אַזוי קיינער זאָל ניט זען. קום היינט צו מיר אַהיים, וועלן מיר זיך געזעגענען".

„ איך בין געווען ביי איר, זיך געזעגנט. מיר האָבן געוויינט און געלאַכט און זי האָט מיר געזאָגט: „וואָס מיין מאַמע וועט זאָגן, וועל איך דיר גלייך שרייבן. אויב ניט — וועל איך טאָן, ווי איך וועל וועלן — אָן דער מאַמען. מיין מאַמע האָט אויך ניט געוואָלט, איך זאָל שטודירן, אָבער איך בין אַ בת־יחידה, אַז איך וויל, פֿיר איך אויס!"

„פֿון איר היים שרייבט זי מיר: עס קומען צו איר אַ סך געסט און זי האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו רעדן מיט דער מאַמען. ווידער פּאַסט איר גאָר ניט צו רעדן מיט איר פֿון דעם. די מאַמע וועט זאָגן: געפֿאָרן שטודירן אויף דענטיסט — און געענדיקט אויף אַ חתן. צו ענדע שרייבט זי: ניט געזאָרגט, נאַרעלע, עס וועט זיין גוט. איצט גיי ווייס וואו איך האַלט מיט איר אין דער וועלט".

לינעצקי האָט מיך אויסגעהערט און געזאָגט: „ווי איך זע,

ווילסטו טאַקע שטאַרק חתונה האָבן. אַלץ אוועקוואַרפן, דיין שרייבן, דיין צוקונפט, דיינע גוטע פריינט און — חתונה האָבן. נו, אז א מענטש וויל חתונה האָבן, זאָל זיין מיט מזל".

איך האָב מוטלאָז, כמעט ווי געשטאַמלט: „איך וויל גאָר ניט חתונה האָבן, איך וויל בלויז מיין קאָפּ ניט דרייען . . . איך בין מיד פון איר קאָפּדרייעניש! איך ווייס ניט ווי אזוי מען דרייט זיך אַרויס פון איר? און איך האָב זי ליב אויך".

„נו, זאָגט מיר לינעצקי: ווי דו האָסט מיר אמאָל דערציילט, האָסטו דען פאַליען ניט ליב געהאַט? און יענע מיידל, איידער דו האָסט זיך באַקאַנט מיט פאַליען, האָסטו פיינט געהאַט? און נאָך דער דענטיסטקע וועסטו שוין מער קיין מיידלעך ניט ליב האָבן? אונזערע מענטשן זיינען אַלע אזוי. אַלע האָבן מיר ליב דאָס שיינע געשלעכט און זיי נוצן אויס אונזער שוואַכקייט. ווי זאָגט מען: דער שענקער האָט ליב דעם שיכור, נאָר פאַר קיין איידעם וויל ער אים ניט נעמען. דיין גליק איז וואָס זי איז א קאָקעטקע און וויל גראָד ניט חתונה האָבן — ווען זי וואָלט יאָ וועלן חתונה האָבן, ביסטו א פאַרלוירענער . . . זי איז א פּראָווינציעלער טיפּ. אַלע פּראָווינ־ציעלע מיידלעך, ווען זיי מאַכן דורך צוויי קלאַסן גימנאַזיע אָדער מער, וואַרפן זיי מיט פּראַזן, דרייען א קאָפּ, געפינען אזוינע נאַראַ־נים, וואָס לאָזן זיך פון זיי דרייען א קאָפּ. ווידער זיינען די קור־סיסטקעס דאָ עלנטע, אין א פרעמדער, גרויסער שטאָט. זיי מוזן האָבן איינעם, וואָס זאָל מיט זיי מיטגיין פאַרברענגען און זיי צערטלען — ווי קען נאָך זיין פאַר אזא מיידל א בעסערער באַגליי־טער ווי דו? דיין באַקאַנטשאַפט, דיין פּאָפּולאַריטעט וועט זי אויסנוצן פאַר זיך און וועט זיך זוכן א חתן צווישן דיינע פאַרמעג־לעכע פריינט".

„זי ווייסט, אז דו ביסט ניט קיין גרויסער פאַרדינער און מיט קיין רייכקייט קענסטו זיך ניט באַרימען. חתונה האָבן מיט דיר לוינט איר ניט — אָבער פאַר א באַגלייטער ביסטו גוט פאַר איר... ניט קיין פאַרפירער — ניט קיין פאַלשער באַגייסטערער. ס'לוינט זיך איר צו האָבן פון דיר א בריוול, כדי זיך צו קענען באַרימען פאַר אירע חבר'טעס. ביסט אויך אַמוזירנד; וואָס דערלייגט זי דערצו?" „אָבער צי האָט זיך דיר געלוינט אוועקוואַרפן גוטע פריינט, חברים און חבר'טעס צוליב עפּעס א מיידל א פּראָזיאַרקע, א קאָפּ־דרייערין? שעמען מעגסטו זיך!"



ראובן גראַנאָווסקי, זינאַ און פאַניע גאַבשטוב.

„גלויב מיר, איך האָב דיך ליב ווי מיינס א קינד און ווען דו וואָלסט אַנטרעפן א מיידל, א פאסנדע פאר דיר, און זאָלסט חתונה האָבן, וואָלט איך ניט געווען דאגעגן. דו וועסט עס פריער־שפּע־טער אויך דארפן טאָן. כאָטש מיר טאָרן ניט באַלאנגען צו איין פערזאָן — מיר געהערן דעם פאָלק, אָבער אויב יאָ חתונה האָבן, איז מיט א מיידל ווי מיכאַלינא, פון פיינע עלטערן. באזיצט א גוטע דערציאונג, האָט געלערנט א פאָך צוליב דעם צו קענען ארויס־העלפן דעם מאן אין לעבן — און איז טאקע א שיינע אויך. איך וואָלט זיך אונטערנומען דאָס דורכצופירן פאר דיר, ווען דו זאָלסט האלטן דערביי״.

„צו וואָס זיך נאַריש מאכן, זיך דערנידערן צו אזא מיידל, וואָס איז פאלש, אומדערצויגן און איינגאנצן ניט פאסיק פאר דיר? פאָלג מיך, לאָז זי אָפּ. זי וועט געפינען אן אנדערן וואָס וועט איר פאר־דרייען דעם קאָפּ. אבער אויב דו ווילסט מיך ניט פאָלגן, טו ווי דו פארשטייסט״.

איך האָב גענומען אין באַטראַכט וואָס לינעצקי האָט מיר גע־זאָגט און האָב זי, נאָך פיל מאַטערניש און קאַפּדרייעניש, פארלאָזן — ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זי האָט אַנגענומען אלערליי מיטלען מיך אַלץ צו האלטן אויף דער ארענדע.

ווען איך האָב דאָס איבערגעגעבן לינעצקין, האָט ער מיר גע־דריקט די האַנט און געזאָגט: „איצט האָב איך דיך נאָך בעסער ליב״.

איינמאָל, ווען איך בין געווען ביי לינעצקין, זיינען אַנגעקומען צוויי יונגעלייט פון א שטעטל, לעבן וויניצע, לינעצקיס געבורט־שטאָט, און זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט פאר לינעצקין — אים גע־בראַכט א גרוס פון זיין משפחה.

די יונגעלייט זיינען געווען אזוי פאַרפּוצט, ווי זיי וואָלטן אָט־וואָס געדארפט גיין צו דער חופה.ביידע האָבן געטראָגן זשי־לעטן פון געשווירענעם קאַלירטן פּליוש, ווי ס׳איז דעמאָלט געווען די מאָדע, גאָלדענע זייגערס מיט קייטעלעך. מען האָט גלייך גע־קענט זען, אז דאָס זיינען רייכע איידעמלעך. איינער האָט אָנגע־הויבן ריידן פאר ביידן: — „מיר האָבן אייך שוין לאנג געוואָלט קענען, מיר האָבן אַלץ געלעזן, וואָס איר האָט געשריבן. איך האָב

אייער „פוילישׁ אינגל", אייערע קאלענדארן, אפילו א פּאָר נומערן פון אייער „ישראליק", דעם „גרויסן כל־בו׳ניק" און איצט בין איך כמעט געפּאָרן קיין אדעס צוליב אייער „קליינעם כל־בו׳ניק" — מיר פעלט אויס דער „קליינער כל־בו׳ניק", האָבן מיר אָפּגעזוכט א תירוץ צו פאָרן קיין אָדעס. אָבער מיר זיינען שוין געווען אין אלע בוכהאַנדלונגען און מיר קענען דאָס אין ערגעץ ניט קריגן. איך בין גרייט צו באצאָלן וויפיל מען וועט וועלן — אבי דאָס צו קריגן. פיליכט געפינט זיך ביי אייך א „קליינער כל־בו׳ניק". איך וועל אייך זייער דאנקען דערפאר".

לינעצקי האָט זיי געזאָגט, אז אים האָט אויך אויסגעפעלט דער „קליינער כל־בו׳ניק". דורך פיל מי האָט ער אים קוים גע־קראָגן, דארף ער אים פאר זיך. „וואָס־זשע טוט מען?" האָט איינער גענומען פרעגן, א פארצווייפלטער, גלייך ווי עס וואָלט אים גע־גאנגען אין לעבן. אויף דעם האָט לינעצקי געזאָגט: „אויב איר ווילט אזוי שטארק האָבן דעם „קליינעם כל־בו׳ניק", קענט איר אוועקגיין אין דער ביבליאָטעק, וואו עס געפינען זיך אלע מיינע געדרוקטע זאכן, און זיך אוועקזעצן אויף א פּאָר שטונדן און אים איבערשרייבן — וועט אייך אויך קיין געלט ניט קאָסטן". גלייך האָבןביידע געענטפערט: „ווער רעדט פון געלט? איך בין גרייט עס זאָל מיך קאָסטן אפילו צען רובל". אָבער דער פּלאַן איז זיי דאָך געפעלן געוואָרן, און זיי האָבן לינעצקין זייער געדאנקט פאר זיין עצה. דערביי פרעגט איינער פון זיי ביי לינעצקין: „פיליכט ווייסט איר ווי מען קריגט דאָס ביכל „די וועלט מסורה" פון מאָני דלוגאטש? איך וואָלט עס זייער וועלן האָבן". אויף דעם האָט אים לינעצקי געענטפערט: „מען דערציילט: א פרוי איז געקומען צום רבי׳ן נאָך א ברכה, האָט ער איר צוגעוואונטשן. ווען זי האָט גע־דארפט אוועקפאָרן, האָט זי געזאָגט צום רבי׳ן: רבי, איך וועל אים ירצה־השם זיין ביי נאָך א רבי׳ן אויך. זאָגט איר דער רבי, אז איר זענט שוין ביי מיר, צו וואָס דארפט איר נאָך פאָרן צו נאָך א רבי׳ן אויך? האָט זי אים געענטפערט: איר ווייסט ניט, רבי, „אין צווייען איז שטארקער!" די יונגעלייט זיינען פארשעמט גע־וואָרן און איינער פון זיי האָט זיך פארענטפערט: „איך פארמאָג א גרויסע ביבליאָטעק און איך וויל האָבן אלץ".

ווען לינעצקי איז מיט זיי היימישער געוואָרן און זיך מיט זיי צערעדט, האָט מען געזען אז זיי האָבן פיל געליינט, העברייאיש און אידיש (וואָס מען האָט דאַן גערופן „זשארגאָן"). זיי האָבן אים דאַן דערציילט, אז זיי זיינען רייכע איידימלעך, ביי גבירים, און עס פעלט זיי גאָרניט. זיי זיצן, לערנען און לייענען. זיי זיינען גע־קומען אויסבערענגען געלט אויף ביכער און א לעב טאָן. דערביי האָבן זיי מיט גרויס רעספעקט געבעטן לינעצקין ער זאָל זיי עפּעס פאַרלעזן פון זיינע נייע זאכן, זיי זאָלן האָבן וואָס צו געדענקען. לינעצקי האָט געליינט פאר זיי זיין איבערזעצונג פון „סידור" אין גראַמען. אזוי ווי זיי פארשטייען העברייאיש, זיינען זיי געווען איבערראשט פון דער איבערזעצונג. עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז זיי זיינען געווען גרויסע מבינים.

איינער פון זיי האָט דערנאָך געזאָגט צו לינעצקין: „מיין טאטע איז אייערער א גרויסער פארערער. אייך צו פאַרדאנקען איז ער א פּראָגרעסיווער מענטש. אייער „פּוילישע אינגל" האָט אים די אויגן געעפנט. אין אונזער הויז קומען אריין א סך אידן וואָס דער־מאָנען און לויבן אייך און אייער „פּוילישע אינגל". אינדעם האָבן זיי ביידע מיטאמאָל זיך געווענדט צו לינעצקין: „מיר האָבן צו אייך א בקשה, איר זאָלט אונז ניט אָפּזאָגן דעם כבוד צו גיין מיט אונז אין „גאָראָדסקאָי" טעאַטער, אָדער ערגעץ אין אַן אנדער פּלאַץ צו פאַרברענגען. אין קיין געלט איז קיין מניעה ניט — מיר וועלן האָבן צו דערציילן אויפן גאנצן לעבן אז מיר האָבן מיט אייך פאַר־בראַכט". לינעצקי האָט א טראַכט געטאָן און געזאָגט: „זייער פיין, מיר וועלן זיך אביסל דורכגיין". זיי האָבן אים זייער געדאנקט און מיר זיינען געפאָרן אין „באוואַריע", א שיין דעקאָרירטער קעלער, מיט אָריגינעלע מאַלערייען, וואו עס שפּילט א גוטער אָרקעסטער, און וואו מען טרינקט ביר מיט פארבייסן און יונגע מיידלעך, שאַנ־סאָנעטקעס, מאכן פריילעך מיט זינגען און טאנצן. דער קעלער איז געווען בארימט ביי לעבע־מענטשן. מיר האָבן דאָרטן פיין פאַר־בראַכט. די יונגעלייט האָבן אונז דערציילט פונם קליין שטעטלדיקן לעבן. לינעצקי האָט זיי אויסגעפרעגט אויף אַ סך פערזאָנען און, זיי האָבן אים אַלץ איבערגעגעבן. צו זייער פרייד איז ניט געווען קיין גרעניץ. ארום 12 ביינאַכט האָבן מיר זיך מיט זיי געזעגנט.

אויפן וועג אהיים זאָגט מיר לינעצקי: „אזוי ציען זיך צו מיר

מענטשן אלע מאָל. ניטאָ איינער צווישן שרייבער געזינדל, וואָס זאָל האָבן מיין כוח און דאָס פאַרדריסט זיי. איך בין זיכער, אַז די יונגעלייט זאָלן זיך געוועז טרעפן מיט איינעם פון דער „כנופיא" וואָלט ער זיי געזאָגט: וואָס דאַרפט איר אים האָבן, דעם עובר בטל? אָדער גאָר געזאָגט: אַז איך טרייב אַרויס מענטשן פון שטוב. וואָס זיינען זיי דען ניט פּייאיק צו זאָגן אויף מיר? אַ סך מענטשן פאַרגנב'ענען זיך פון זיי און קומען צו מיר, נאָכדעם ווי די „מבוזה'ניקעס" פאַרדאַמען מיך; אָבער עס אַרט מיך ניט — ס'איז גוט אַזוי...

מיר האָבן אַמאָל געשפּאַצירט אויסער דער שטאָט און געזען ווי ביי אַ בילד פון יעזוסן איז געשטאַנען אַ גוי און זיך גע'צלמ'ט. זאָגט מיר לינעצקי: „קוקסט אָן, דו האָסט מיך אַמאָל געפרעגט, פאַרוואָס איך האָב אַזויפיל שונאים? אָט וועל איך דיר דאָס פאַרענטפערן. דער גוי איז אונז איצט דער גרעסטער שונא, דערפאַר וואָס מיר זיינען אַ פּראָטעסט קעגן יעזוסן. מיינע שונאים האַלטן מיך פאַר אַ פּראָטעסט קעגן זיי. זיי דערקענען אין מיין קוק, אַז איך קען זיי דורך און דורך, און איך לאַך פון זיי; דערפאַר זיינען זיי מיר שונאים".

„מיין קינד, איך האָב זייער ליב מענטשן און איך זאָג זיי אַלעמאָל דעם גאַנצן אמת, און טאַקע דערפאַר דולדן זיי מיך ניט".

„דו זאָלסט וויסן זיין, אַז איך האָב שטאַרק ליב אידן. און אַ אידן מוז מען ליב האָבן" . . . און דערביי האָט ער צוגעגעבן, ווי זיין שטייגער איז געווען, אויך די חסרונות און אויסגעטייטשט אויף אַ וויציגן אופן, אַז אויך די חסרונות זיינען מעלות . . .

ווען איך האָב געקראָגן אַ פאַרבינדונג מיטן בוכהענדלער און פאַרלעגער לידסקי פון וואַרשע וואָס פלעגט מיר צושטעלן פיל שריפטן פון אַמעריקע, וואָס זיינען געווען פאַרווערט אין רוסלאַנד, האָבן מיר ביידע, איך און לינעצקי, פאַרזיכטיק און בגנבה זיי געלייענט. ער איז געווען איבעראַשט פון דער אַמעריקאַנער וואָרטפרייהייט.

ווען ער האָט אַמאָל געלעזן אין דער רוסיש־אידישער צייטונג „בודושנאָסט", אייניקע לידער פון מאָריס ראָזענפעלד, איז ער גע־

ווען אַנטציקט און געזאָגט: „ער איז גאָר אַ גרויסער טאַלאַנט!” און דערביי באַמערקט: „אַמעריקע איז אַן אינטערעסאַנט לאַנד, ווען איך זאָל זיין אינגער, אָדער שטאַרקער, וואָלט איך געפאָרן אַ קוק טאָן אויף דעם וואונדער־לאַנד”.

איינמאָל, ווען איך בין צו אים געקומען, זאָגט ער מיר: „ברו־דער, איך שעם זיך פאַר דיר. זיי ניט ברוגז אויף מיר. איך וויל דיר ניט אויסזאָגן, דו וועסט זיין בייז און וועסט זיין גערעכט”. נאָך פיל בעטן אים מיר צו דערציילן וואָס ס'האָט געטראָפן, האָט ער געזאָגט: „איך האָב די נאכט ניט געשלאָפן. עפּעס איז געווען אַ גערודער אין מיין הויף, עס איז געפאַלן אויף מיר אַ שרעק און עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז מען גייט מאכן ביי מיר אַן „אָביסק” (אַ רעוויזיע), האָב איך אין איין אימפּעט געכאַפּט אַלע רעוואָלוציאָ־נערע שריפטן וואָס דו האָסט מיר געגעבן אויף צו לייענען און זיי פאַרברענט. איצט טוט מיר באַנג. איך האָב בשעת מעשה גע־טראַכט: „וואָס טו איך ווען מען געפינט ביי מיר די שריפטן? און ווען איך ווער אַרעסטירט, וועמען וואָלט איך דערמיט אַ טובה גע־טאָן? דאָך בין איך איצט געבליבן אַ נאַר, אַן אַלטער נאַר”.

ווען מען האָט אַרעסטירט פּלטיאל זאַמאָשטשינס איינציקן זון, וועלכער פלעגט שרייבן אין רוסישע צייטונגען אונטער דעם פּסעוו־דאָנים „מאַרק פּאַוולאָוויטש”, און אים פאַרשיקט אויף דריי יאָר קיין סיביר, ווי אַ פּאָליטישן פאַרברעכער, האָט לינעצקי נאָך פיל באַדויערן זאַמאָשטשינען וואָס מע פאַרשיקט זיין זון, געזאָגט: „איך בין אים מקנא, הלואי וואָלטן מיינע קינדער זיך אָפּגעבן מיט דער אַרבעט פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט. עס זאָל אויף דיר ניט מאַכן דעם איינדרוק, האָט ער צוגעגעבן, אַז איך האָב ניט ליב מיינע קינדער; איך בין דער געטרייסטער פאָטער. אַ סך מאָל האָב איך זיך אין מיין לעבן דערנידעריקט צוליב מיינע קינדער. איך זוך זייער גליק, אָבער דאָס גליק פון דער מענטשהייטס־באַ־פרייאונג איז העכער פון אַלץ. ווען איך בין אינגער, וואָלט איך געווען אין דער באַוועגונג”.

זינט איך בין געוואָרן לינעצקיס אַן אינטימער פריינט און שטענדיקער הויז־באַזוכער, האָב איך געפילט, אַז זאַמאָשטשין איז צו מיר קאַלט געוואָרן. זיין פרוי, וועמעס שרייבערישער נאָמען איז

געוועזן „בת מלכה", א זייער קלוגע און אויפריכטיקע, האט מיך איינמאל געוואָרנט: „לויבט ווינציקער לינעצקין אין דער אַנוועזנ־הייט פון פלטיאלן און דערציילט אים ניט, אז איר באַזוכט אזוי אָפט לינעצקין. איר קענט אים דאָך, פלטיאלן, ער איז אביסל עגאָ־איסטיש. אים פארדריסט אפילו, ווען איך זאָג אמאָל א גוט וואָרט אויף לינעצקין, ווייל לינעצקי האָט א פּאָר מאָל אויסגעזעצט פע־לערן אויף זיינע לידער — קען ער אים דאָס ניט מוחל זיין. אויף אייך איז ער אביסל בייז, וואָס איר קומט אזוי זעלטן צו אונז. און דאָס איז ער שוין גערעכט. מיר זיינען די ערשטע געוועזן אייך צו געבן אַנערקענונג".

איך האָב זיך פאר איר אַנטשולדיקט: „איך בין א גאַנצן טאָג מיט פריינט זאַמאָשטשין אין קאַנטאָר, ווייל איך אים כאָטש בייגאַכט באַפרייען; ווידער ווייל איך אַביסל פארברענגען אין קאַפע, זיך זען מיט באַקאַנטע". „מיט די מיידלעך", לייגט זי צו שמייכלענ־דיק.

די אמת׳ע אורזאַך פון מיין ניט קומען צו זיי אזוי אָפט, האָב איך איר ניט געקענט ארויסזאָגן. עס איז געווען א גרויסע געהיימ־ניש: איידער מען האָט זאַמאָשטשינס זון, מארקוס, אָדער ווי ער האָט זיך גערופן, מאַרק פּאַוולאָוויטש, אַרעסטירט, האָב איך א טייל פון זיינע פאַרווערטע דאָקומענטן און שריפטן געהאַלטן ביי זיך אין קאַנטאָר, וואו איך האָב אויך געוואוינט, און ער, איר זון, האָט מיך געבעטן איך זאָל וואָס־ווייניקער קומען צו זיי אין הויז. דאָס האָב איך די עלטערן באַין אופן ניט געקענט דערציילן. מיט מיין ניט קומען פלעגט זיך זאַמאָשטשין פילן געטראָפן — ער האָט ליב געהאַט צו רעדן צו מיר פון דער פארגאנגענהייט און מיר לייענען די בריוו צו אים פון דינעזאָן און פון אנדערע, צווישן זיי אויך פון שלום־עליכמ׳ען, ווען „בת מלכה", זיין פרוי, האָט כמעט פאַרגעטערט.

ווען פלטיאל זאַמאָשטשינ׳ס זון, מארק פּאַוולאָוויטש, איז ארעסטירט געוואָרן און איז א קורצע צייט געזעסן אין אָדעסער טורמע, ביזן אורטייל, איז אויסגעפאלן אויף מיר דער גורל, אז איך זאָל אַ פּאָר מאָל אין וואָך צו אים טראָגן עסן. דאָס האָט אָבער ניט געמיינט דאָס עסן אליין, — מיטן עסן האָט מען אריינגעשמוגלט נאָדל־פּאָדעם, פּאַפּיר צום שרייבן, געצייג און אנדערע נויטיקע

זאכן, כדי אים צו לאָזן וויסן וואָס ס׳טוט זיך אויף דער פרייער וועלט . . . דאָס איז ניט אָנגעקומען אזוי לייכט. איך בין צוליב דעם פארדעכטיקט געוואָרן פון דער פּאָליציי און בין געוואָרן ביי איר „פּאָדנאָזאָרם״, מען האָט מיר נאָכגעשפּיאָנירט יעדן טראָט . . . דאָס האָט מיר געלאָזט וויסן דער ארעסטירטער זאַ־מאָשטשין אליין, דורך געהיימער שריפט. איך בין געוואָרן א סך פאָרזיכטיקער. לינעצקין האָב איך דערפון ניט געזאָגט. איך האָב בלויז פארווינציקט מיינע וויזיטן צו אים.

ארבעטנדיק אין אדעס ביי דעם אינזשעניר גורלאנד אין קאָנ־טאָר, צוזאמען מיט דעם דיכטער פלטיאל זאַמאָשטשין, האָב איך געהאט די גרעסטע באקאנטשאפט אין שטאָט. די רייכסטע מענטשן פלעגן קומען צו אונז אין קאָנטאָר, אידן ווי קריסטן.

מיין פּרינציפּאל איליא גורלאנד, האָט געענדיקט זיין שטו־דיום אין בערלין און האָט זיך גערופן אינזשעניר אי. פאָן גורלאנד — און האָט דערמיט שטאַרק שטאָלצירט. זיין פאָטער איז געוועזן דער בארימטער געלערנטער, ראבינער פון אָדעס, חיים יונה גור־לאנד, וועלכער האָט געהאט דעם טיטול „מאַגיסטער וואָסאָטשניך יאַזיקאָוו״ — מזרח־שפּראכן, און אויך דעם טיטול „קאָלעזשעסקי סאָוועטניק״. דערצו איז ער באשאָנקען געוואָרן מיט א סך אָרדנס פון דער רוסישער רעגירונג, צווישן זיי א „געאָרגעווסקי קרייץ״, וואָס אין זיין צייט האָט עס געשפּילט די גרעסטע ראָלע. שפּעטער איז ער געוואָרן ביבליאָטעקאַר פון דער קייזערלעכער ביבליאָטעק אין פּעטערסבורג, דערנאָך אדעסער ראבינער און אויך א דירעקטאָר פון א גימנאזיע. ער איז אויך געוועזן אמאָל דירעקטאָר פון „זשי־טאָמערער ראבינער שול״. ער האָט אויך אָנגעשריבן וויכטיקע ווערק אין העברייאיש און רוסיש, וואָס האָבן א היסטאָרישן ווערט. ער איז געוועזן אַן אויטאָריטעט אין אראבישע און קאַראַאימישע פאָרשונגען. ער האָט פארמאָגט א גרויסע פּריוואַטע ביבליאָטעק, די רייכסטע אין רוסלאנד. ער איז מיט יאָרן צוריק געשטאָרבן אין אדעסער שול, האַלטנדיק א רעדע אלס ראַבינער. ווי מען דער־ציילט, איז זיין לויה געוועזן די גרעסטע, וואָס אדעסער האָבן ביי־געוואוינט.

איליא, אָדער אי. פאָן גורלאנד, ביי וועמען איך האָב געארבעט,

האָט זיך מיט זיין פאָטער ניט געגרויסט. ער איז געווען א ספּאָרט, פאַרבראַכט מערסטן טייל אין קריסטלעכע קרייזן. געווען דירעקטאָר פון א יאַכט־קלוב, דירעקטאָר פון דער „פאָטאָגראַפישער געזעל־שאפט", א גרויסער לעבע־יונג און זייער א גוטער מענטש. ער האָט ניט געלאָזט פילן זיינע ארבעטער, אז ער איז בעל־הבית. ער האָט זיך איבערהויפּט ווייניק געמישט. פלטיאל זאמאָשטשין, וואָס איז געווען זייער א קלוגער און פייאיקער מענטש, א געענדיקטער ארכיטעקט, געלערנט אין בערלין, האָט פאר אים אָנגעפירט דעם קאָנטאָר.

ווען איך האָב זיך באקענט מיט פלטיאל זאמאָשטשינען, איז ער דעמאָלט געגאנגען אָנגעשפּאַרט אויף א שטעקן. אלס ארכיטעקט האָט ער איינמאָל, ביי א ניי הויז וואָס ער האָט געבויט, זיך צע־בראָכן א פוס. ער איז געלעגן א צייט לאנג אין שפּיטאָל און איז געשטיצט געוואָרן מיט דער ברייטער האנט פון רייכע לייט, זיינע פאַרערער, ביז זיין זון, א סטודענט, און זיין איינציקע טאָכטער, אויך א סטודענטקע, האָבן פאַרדינט גענוג פאר דער פאמיליע אויף צו לעבן.

ווען זאמאָשטשין האָט געקראָגן די שטעלע ביי גורלאנדן, האָט שוין די פאמיליע געלעבט אויף א גאָר פיינעם אופן: אָפט פלעגט אפילו צו זיי קומען צו גאַסט מיין פרינציפּאַלס מוטער, מאַדאַם גורלאנד.

די מאַדאַם גורלאנד האָט אליין געשטאַמט פון זייער א רייכער פאמיליע, פון יעקאַטערינאָסלאַוו. איר מיידלשער נאָמען איז געווען טאַווראַווסקי. גורלאנדן, דעם יחסן, האָט זי געקראָגן פאר א מאַן צוליב איר געלט און אים רייך געמאַכט. זי איז געווען א וועלט־לעכע פרוי, גערעדט ווי די מאָדע איז געווען: פראַנצויזיש. דער אינגערער זון אירער פלעגט קומען מיט איר פון פּעטערסבורג, וואו ער האָט באַזוכט צוויי פאַקולטעטן און פלעגט שטאָלצירן מיט די אויסצייכענונגען, וואָס ער האָט געקראָגן. ער פלעגט זיך גרויסן מיטן פאָטער, א סך מער ווי דער עלטערער זון.

די פרוי גורלאַנד האָט נאָך איר באַרימטן מאַנ׳ס טויט, חתונה געהאַט מיט אַ פּראָסטן אידן פון אומאַן, מיטן נאָמען ראַפּאָפּאָרט, וואָס האָט אפילו קיין רוסיש גוט ניט געקענט רעדן. נאָר ער איז געווען א רייכער מאַן. ווי זי האָט מיט מיר אמאָל אינטים גע־

רעדט, האָט איר זייער שטארק באנג געטאָן פאר איר נארישן שריט, וואָס זי האָט געמאכט.

ביי גורלאנדן אין קאַנטאָר זיינען זאמאָשטשין און איך כמעט געווען די בעלי־בתים. איך האָב דאָרט אויך געוואוינט.

צו גורלאַנד'ן אין קאַנטאָר פלעגן אָפט ארייננקומען צוויי יונגע בחורים, פון אויסערגעוויינלעכן סימפאַטישן אויסזען. איך האָב צוערשט געדענקט, אז זיי זיינען קריסטן, אָבער איינמאָל, ווען זיי האָבן געזען ווי איך שרייב און אויך אידישע ביכלעך אויף מיין טיש, האָבן זיי זיך פאַר מיר פאַרגעשטעלט און געפרעגט וואָס איך שרייב שטענדיק? איך האָב זיי באַקענט מיט מיין שרייבן. זיי זיינען אפילו געווען זייער שטומפיק אויף אידיש, נאָר קענענדיק דייטש, האָב איך זיי געגעבן צו פארשטיין און זיי זיינען געוואָרן פאר־וואונדערט. זיי האָבן גאָר ניט געוואוסט, אז ס'איז פאראנען א אידישע ליטעראטור, אידישע שרייבער; זיי האָבן זיך אזוי פאר־אינטערעסירט אין מיר, אז זיי האָבן מיר איינגעלאַדן צו זיי אין הויז מיט א וויזיט.

די צוויי יונגעלייט זיינען געווען מיין פרינציפאל גורלאנד'ס פלימעניקעס. זייער פאָטער איז געווען אַ יוריסט און „סטאַרשי נאַטאַריוס" (עלטסטער נאַטאַריוס) פון אָדעס. ער איז געווען דער פּאַרפּאָסער פון א יורידישן לעקסיקאָן, וואָס האָט געהייסן „יערד־דיטשסקי לעקסיקאָן", וואָס קיין יוריסט איז זיך ניט באַגאַנגען אָן אים.

זיין עלטסטער זון, פון זיין ערשטער פרוי, איז געוואָרן צו 26 יאָר פּראָפעסאָר פון פּאָליצייאישע געזעצן אין רוסלאַנד און איז אויך געווען אַ רוסישער שרייבער. ער האָט געשריבן אונטערן נאָ־מען ארסעני ג. — ארסעני איז געווען דער נאָמען פון א העלד פון זיין ראָמאַן, דורך וועלכן ער איז באַרימט געוואָרן. ער האָט זיך גע'שמד'ט און איז געוואָרן דירעקטאָר פון דער „קוסטאַרנע איס־קוסטוואָ" איבער רוסלאַנד און האָט געקראָגן דעם טיטול גענעראַל.

די פאַמיליע גורלאַנד האָט זיך מיט אים געשעמט, ווארום שפּעטער איז ער אויך געוואָרן פאָן־פּלעוועס סעקרעטאַר און ווי מען האָט געשריבן אין די אידישע צייטונגען, איז ער געוואָרן אַן אויס־געשפּראָכענער אנטיסעמיט. א סך האָבן אים פאַרביטן מיט ח'

גורלאנד׳ס זון — מיין געוועזענער בעל־הבית, אָבער הער לובארסקי האָט אָפּגעלייקנט אין דער אידישער פּרעסע אין אמעריקע דעם בלבול אויף אים.

די פאמיליע גורלאנד, צו וועמען די צווי יונגעלייט האָבן גע־הערט, האָט געוואוינט אויסערן שטאָט, אין א פּאלאַץ ביים וואַ־סער, ארומגערינגלט מיט א גרויסן געדיכטן גאָרטן. אלץ האָט פאַר מיר אויסגעזען מיסטיש, ווי א מעשה פון טויזנט און איין נאכט. א הויכער באדינער אין א יוניפאָרם האָט מיך אריינגעלאָזט אין הויז און איינער פון די יונגעלייט האָט מיך אריינגעפירט געאָרעמט און מיך פאָרגעשטעלט פאר דער מוטער און שוועסטער. גערעדט האָבן זיי צווישן זיך פראנצויזיש, נאָר מיט מיר האָט די מאַדאַם גורלאנד גלייך גענומען רעדן אויף א ליטווישן אידיש: „מיינע זין האָבן מיר פון אייך א סך דערציילט. מיין פלימעניק איליא האָט אייך זייער געליבט״, א.אז.וו. די טאָכטער, א יונגע מיידל, האָט אויסגעזען ווי א פּרינצעסין, געהאט א שווארצן קאָפּ האָר, מיט בלויע אויגן, א געטאָקטע פיגור. א שלאנקע, מיט א חנ׳עוודיקן שמייכל. זי איז געווען צו מיר זייער פריינטלעך, געהאלטן זיך פּראָסט און זיך פאראינטערעסירט מיט מיר ווי מיט איר גלייכן. איך האָב זעלטן, אָדער כמעט דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן גע־טראָפן מענטשן, אין דעם שטאַנד, וואָס זאָלן זיך האלטן אזוי פּראָסט און נאָענט צו אַ פּרעמדן מענטשן. באזונדערס האָט מיך איבערראשט דאָס מיידל, וועלכע וואָלט געקענט פאררעכנט ווערן פאר דער שענסטער אין אדעס.

די זין האָבן מיר געוויזן זייער פאָטער׳ס לעקסיקאָן אין רו־סיש, און א רייכן באַנד, וועלכער איז באשטאנען פון דעם גאנצן א. ב. און מיר פאָרגעשלאָגן אלס א מתנה. ס׳איז געווען א שווע־רע מתנה — טראָגן זי האָב איך ניט געקענט, אָבער אין א פּאָר טעג ארום האָבן זיי די ביכער צוגעשיקט צו מיר אהיים. איך האָב דאָן פאר זיי פאָרגעלייענט פון מיינע שריפטן. ווען ס׳איז געוואָרן שפּעט האָבן זיי מיר פאָרגעשלאָגן ביי זיי איבערצונעכטיקן.

אין דעם הויז פון דער פאַמיליע גורלאַנד האָט זיך ארומגעדרייט א קינד פון אַ יאָר זיבן, זייער א רעדעוודיקס. איך האָב ניט פאַר־שטאנען ווי קומט צו זיי אַ קינד, ווען זייער פאָטער גורלאנד, איז

שוין מער ווי 10 יאָר טויט. דאָס קינד האָט גערופן דער פרוי גורלאַנד: מאַמע, — ס׳איז ביי מיר געווען א רעטעניש.

ווען איך האָב דאָן פאַר דער פרוי גורלאַנד, אין א שמועס, דער־מאָנט לינעצקיס נאָמען, האָט זי מיר גלייך געפרעגט: „וואָס טוט ער, דער אַלטער? מיין מאַן האָט פון אים זייער פיל געהאַלטן. ברענגט אים אַמאָל צו אונז אָדער זאָגט אונז אָן ווען ער וויל קומען צו אונז, וועל איך שיקן צו אים אַ פאַיעטאָן. זיין „פּויליש אינגל״ האָב איך אַמאָל געלעזן — אַ קליינינקייט לינעצקין!״

ווען איר טאָכטער האָט זי געפרעגט, ווי זי קומט צו וויסן וועגן לינעצקין, האָט די מוטער איר דערקלערט אין רוסיש. די טאָכטער האָט מיך דאַן גענומען בעטן איך זאָל לינעצקין ברענגען צו זיי אין הויז. דערביי האָט פריילין גורלאַנד געזאָגט: „ברענגט מיט נאָך מענטשן, אייערע באַקאַנטע״ . . .

איך האָב קוים דערוואַרט דעם פאַרנאַכט צו קומען צו לי־ניצקין, אים אַלץ דערציילן. ער איז געווען איבערראַשט פון דעם גרוס. דעם נאָטאַריוס גורלאַנדס פאַמיליע וואוינט אין אָדעס? אַ וואונדער! איך האָב גאָרניט געוואוסט, זיי זיינען די גערימטסטע מענטשן אין רוסלאַנד; זייער פאָטער איז געווען אַ גרעסערע פּער־זענלעכקייט פון יונה גורלאַנד. אַ מער באַשיידענער מענטש; ער איז אַמאָל געווען פּאָלטאַווער ראַבינער. זיין פרוי שטאַמט פון זייער אַ באַרימטער פאַמיליע פון ווילנע. עס איז אַ גרויסער כבוד אריינ־צוקומען צו זיי אין הויז. זי מוז מיך קענען — איך בין אַמאָל געווען ביי זיי אין פּאָלטאַווע״. איך האָב אים דערציילט, אַז זי האָט געבעטן ער זאָל קומען צו זיי, האָט ער געזאָגט: „נעם מיך מיט אַמאָל אַהין, איך וועל גיין מיט פאַרגעניגן״.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך ווידער געווען ביי זיי צו באַ־זוך און בין געבליבן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווען דאָס קינד איז געגאַנגען שלאָפן, איך האָב געוואָגט און געפרעגט, ווי קומט צו זיי אַזאַ יונג קינד? זיי האָבן געשמייכלט און מיר דער־ציילט, אַז דאָס קינד האָבן זיי גענומען ביי אַן אָרימער פרוי אויף צו דערציען — אַזוי איז עס ביי זיי אויסגעוואַקסן ווי אַן אייגן קינד. עס איז אַ שניידערס אַ קינד, האָבן זיי געזאָגט, די עלטערן זיינע זיינען זייער אָרים; דעם קינד׳ס מוטער פלעגט אריינברענגען צו

זיי אין הויז אייער און אַנדערע שטוב־זאַכן — און האָט אַלעמאָל זיך באַקלאָגט, אז זי האָט זיבן קינדער און דער פאָטער שלאָגט זיי, ווייל זיי ווילן עסן. דאָס קינד פון צוויי יאָר, האָט די פרוי געזאָגט, איז קלוג און רעדט ווי אן אלטער — און זי האָט גע־וויינט אויף איר גורל. מיינע קינדער, האָבן געבעטן דער פרוי אז זי זאָל אמאָל ברענגען דאָס קינד צו אונז, וועלן זיי דעם קויפן אַ פּרעזענט.

ווען די פרוי האָט אַמאָל געבראַכט דאָס קינד אַנגעטאָן אין א לייבל און שיך פון א דערוואקסענעם, ארומגעוויקלט אין שמאַ־טעס, האָט דאָס קינד גענומען ריידן ווי אן אלטער מענטש און זי, די מאַדאַם גורלאַנד, האָט אירע קינדער דערקלערט אין רוסיש, וואָס דאָס מיינט. זיי זיינען איבערראשט געוואָרן און האָבן געקראָגן רחמנות אויפן קינד. און ווען מען האָט געפרעגט דאָס קינד צי עס וויל בלייבן דאָ, האָט עס געזאָגט: יאָ. די מוטער פונם קינד האָט אויך איינגעשטימט צו דעם און דאָס קינד איז ביי זיי פאַר־בליבן.

די קינדער מיט דער דינסט האָבן דאָס קינד גלייך אויסגעבאָדן; מען איז אוועק אין דער רייכסטער קראָם און אַנגעקויפט פאַר דעם קינד וועש און קליידער, אים אַנגעטאָן, האָט דאָס קינד גענומען שיינען. עס איז געוואָרן א קוויטשעריי פון פרייד צווישן זיי. פון דעמאָלט אָן איז דאָס קינד ביי זיי. דאָס קינד רעדט רוסיש, דייטש און פראַנצוזיש. זיי האָבן שוין מיט דעם קינד געהאַט פיל צרות, ווען ער איז געווען קראַנק, האָבן די קינדער ניט אָפּגעטראָטן פון בעט. מען האַלט א ספּעציעלע גובערנאַנטקע צו דעם קינד און מען שיקט אויך דעם קינד׳ס עלטערן אריין פון אלעם גוטן.

זיי האָבן מיר אויך דערציילט, אז זיי גייען ניט אין ערגעץ, בלויז אמאָל אין טעאַטער, זיי האָבן ניט קיין באַקאַנטע פון זייער גלייכן.

דער עלטערער זון איז א סטודענט פון צוויי פאַקולטעטן, „יור־רידיטשעסקי און מאַטעמאַטיק" און האָט אַ סך אויסצייכענונגען. דער איינגסטער ענדיקט איצט גימנאַזיע און וועט אויך גיין אין אוני־ניווערזיטעט, אויך נעמען צוויי קורסן — און כאָטש זיי זיינען פאַרמעגלעך, כמעט רייך, גיבןביידע זין שטונדן ביי מיליאָנערן און באַקומען פאַר דעם א היפּשע סומע האָנאָראַר. ס׳איז א גרויסער

כבוד פאַר די מיליאָנערן. „מיינע זין האָבן דאָס זיי געמוזט צוליב טאָן", האָט מיר די מוטער דערציילט. איינער פון די גבירים, ביי וועמען זיי האָבן געגעבן שטונדן, האָט געהייסן וואָלטוף. ער האָט געוואוינט אין א פּאַלאַץ. שפּעטער האָבן מיך די גורלאַנדס מיט זיי באַקענט, און איך האָב דאָרט פיין פאַרבראַכט.

די פרוי גורלאַנד האָט מיר אָפּט געפרעגט ווען לינעצקי וועט קומען צו זיי אין הויז, וועט זי איינלאַדן נאָך געסט און מאַכן אַן „אָוונט". אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער זיינען צוויי יונגעלייט געקומען צו מיר אין קאָנטאָר און מיט מיר געגאַנגען צו לינעצקין — אים איינצולאַדן צו פרוי גורלאַנד אויפן „אָוונט".

דער „אָוונט" איז געווען א גלענצנדער. דאָס הויז איז געווען דעקאָרירט און די מערסטע געסט האָבן געבראַכט בלומען. די געסט זיינען געווען די פּראָמינענטסטע און רייכסטע מענטשן פון אָדעס. די פרייליין גורלאַנד האָט אויסגעזען ווי א פּרינצעסין. די מערסטע געסט זיינען געווען באַצויבערט פון דער פרייליין. דאַכט זיך עס איז געווען א מין קאָנקורענציע צווישן די טאַטעס און די זין, אָבער דאָס פרייליין האָט זיך געהאַלטן איינפאַך: צו יעדן גלייך ליבלעך און צו לינעצקין און צו מיר נאָך פריינטלעכער ווי צו אַלעמען. ביי די אַריסטאָקראַטן האָט זיך געפילט א שווערע שטימונג. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער אָוונט איז ניט געווען צוליב זיי, נאָר צוליב לינעצקין, דאָך האָבן זיי לינעצקין געמאַכט קאָמפּלימענטן אָן א שיעור, און א פּאָר פון זיי האָבן אים געלאַדן צו קומען צו זיי צו גאַסט. מען האָט אונז אהיימגעשיקט אין אַ פאַיעטאָן.

ווען מיר זיינען געקומען א היים, האָט צו מיר לינעצקי גע־זאָגט: „גענוג! מער גיי איך צו זיי ניט. כאָטש, אמת, די פאַמיליע גורלאַנד איז די שענסטע, די ליבלעכסטע, וואָס מיר האָבן ביי אידן; די טאָכטער איז א געטלעכע, א זעלטענער דימענט, אָבער מיר האָבן דאָ געשפּילט א קאָמישע ראָלע: ביים עולם זיינען מיר געווען א שפּיל ווי ביי קינדער פייפעלעך, וואָס מען גיט אַ דריק פייפן זיי... מיר זיינען פאַר זיי געווען אידן קבצנים. זיי וועלן אונז ניט אָפּ־שעצן . . .

איך האָב פאַרגעזעצט צו קומען צו דער פאַמיליע גורלאַנד. מיט מיין אריינקומען צו זיי האָב איך כמעט די גאַנצע פאַמיליע געאַי־

דישט; די צוויי זין האָבן אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט דער אידיש־רוסישער ליטעראטור. זיי האָבן געלעזן פרוג׳ן, און ווען זיי האָבן אין „בודאָשנאָסט״, א אידיש־רוסישע צייטונג, געלעזן מאָריס ראָזענפעלד׳ס לידער, איבערזעצט פון אידיש, האָבן זיי קוים דער־וואַרט די מינוט איך זאָל קומען זיי זאָלן מיר ארויסזאָגן זייער מיי־נונג וועגן אים. זיי האָבן די לידער שטארק געליבט. דער איני־גערער גורלאנד איז אליין געווען א דיכטער און האָט געשריבן לידער אין רוסישע זשורנאַלן אונטערן נאָמען סאָשע. דער עלטערער ברודער איז געווען אומצופרידן פאַרוואָס דער יונגערער שרייבט לידער, איידער ער האָט געענדיקט אוניווערזיטעט.

איינמאָל, ווען איך בין געקומען צו די גורלאנדס, האָב איך דאָרט געטראָפן א שטארק געבויטן יונגנמאַן אין יוניפאָרם, מיט א שווארצן קאָפּ האָר, דיקע וואָנצעס און אַן ערנסטן פּנים און א שטרענגן בליק. ס׳איז ניט געווען קיין געזיכט־צוג פון א אידן, און איך בין שטארק איבערראשט געוואָרן, ווען פריילין גורלאנד האָט מיר אים פאָרגעשטעלט אלס קאַפּיטאַן פון א רוסישער שיף, דאכט מיר, אז זי האָט אים אָנגערופן קאַפּיטאַן לעווין. דער נאָמען לעווין איז געווען גענוג אָנצודייטן אז ער איז א איד. ער האָט מיר אויסגעוויזן ווי אַן אויסגעטראכטער העלד פון שמר״ס א ראָ־מאַן און איך בין אביסל געוואָרן פארווירט. א קליינקייט, א איד אין רוסלאנד — א קאַפּיטאַן! די פריילין האָט ווייזט אויס באַ־מערקט מיין איבערראשונג און מיר געזאָגט: „שרעקט זיך ניט פאַר זיין שטרענגן אויסזען — אייך דאכט זיך, אז ער איז דער שיפס־קאַפּיטאַן און מיר זיינען די מאַנשאַפט, אָבער דאָ זיינען מיר דער קאַפּיטאַן און ער איז די מאַנשאַפט. דער קאַפּיטאַן האָט אויף דעם געענטפערט: „גענוג זיך צו וויצלען, קענסט נאָך אויסרעדן א נאַרישקייט״. און צו מיר האָט ער געזאָגט: „זיי האָבן מיר דער־ציילט פון אייך, אז איר זענט א שרייבער, לינעצקיס א פריינט. ער מוז זיין זייער א קלוגער מענטש, לינעצקי, איך האָב פון אים זייער פיל געהערט. איך האָב אמאָל געקענט גוט אידיש, אָבער איך האָב שוין אביסל פארגעסן״. ער האָט גלייך גענומען רעדן א גוטן אי־דיש און געזאָגט: „ווען די שיף וואָלט דאָ שטיין א פּאָר טעג, וואָלט איך זיך געוואָלט באקענען מיט לינעצקין״.

ווען זיי האָבן גערעדט פון דעם וואָס אין די רוסישע צייטונגען

איז אנאַנסירט, אז ארסעני גורלאנד פון מאָסקווע קומט קיין אדעס צו האַלטן עטלעכע לעקציעס אין „נאָווראַסייסקי אוניווערסיטעט", און אז די פריילין גורלאנד האָט באַקומען פון אים א טעלעגראַמע אז ער קומט, האָט מאַדאַם גורלאנד געזאָגט: „וועמען פעלט ער? מיר האָבן פון אים שיין כבוד אין מאָסקווע, דאַרף ער נאָך קומען אהער?" די פריילין גורלאנד איז געוואָרן ערנסט און שטיל געזאָגט: „מאַמעטשקע! צו וואָס לוינט זיך דאָס רעדן? ארסעני איז זייער א פייאיקער מענטש, א גרויסער געלערנטער; פעלערן באַגיין איז מענטשלעך; ער איז ניט אזא שלעכטער ווי מען דענקט", אויף וואָס דער קאַפּיטאַן האָט איר געענטפערט: „פאַר אזא פייאיקן, געניאַלן מענטשן צו באַגיין אזעלכע פעלערן איז אומפאַרצייַלעך", און דערביי צוגעגעבן: „ער איז גאָר ניט געראָטן אין אייער הויז־געזינד. ער וואָלט זיך מער געפּאַסט צום אָנקל יונה גורלאנד'ס פאַמיליע — זיי זייַנען שטענדיק נאָר געלאָפן נאָך טיטולן, וואָס האָט זיי קלענער געמאכט".

פריילין גורלאנד האָט געענטפערט: „אָבער זיי האָבן די טי־טולן געקראָגן! אָנקל יונה האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן". „מיט קליינלעכע נייגונגען", האָט דער קאַפּיטאַן איראָניזירט. די פריי־לין האָט געמאכט א ברוגז'ע מינע. מאַדאַם גורלאנד האָט דאַן גע־זאָגט: „דער קאַפּיטאַן איז גערעכט — זיי זייַנען קליינלעך־גרויס"...

אָן א זייט האָט מיר די אַלטע גורלאנד געזאָגט: „ארסעני'ס קומען מאכט מיר גרויסע אומאַנגענעמלעכקייטן. ער איז אפילו א גרויסע פּערזענלעכקייט און א ברודער פון די קינדער, ער האָט זיך אָבער פאַרלייגט צוצונעמען מיין טאָכטער צו זיך קיין מאָסקווע — און איך וויל דאָס ניט. ווער דאַרף זיי, די משומדים? איך וויל אפילו ניט ער זאָל אייַנשטיין ביי מיר, כאָטש מען גרייט זיך פאַר אים אין אוניווערזיטעט ווי פאַר א קעניג. זאָגט לינעצקין, ער זאָל מיר טאָן א טובה און קומען צו אונז, איך וויל זיך מיט אים באַראַטן ווי איך זאָל האַנדלען. זעט איר, דער קאַפּיטאַן לעווין איז א וואונ־דערלעכער מענטש. ער איז דער אייַנציקער אידישער קאַפּיטאַן אין רוסלאַנד, אָבער ווי באַשיידן ער איז. מען האָט אים פאָרגעשלאָגן ער זאָל זיך שמד'ן, וועט ער ווערן דער קאַפּיטאַן פון א גרויסער פּאַסאַזשיר־שיף — זיין שיף איז א „גראָזעוואָי", וואָס גייט פון

אדעס קיין מאריאפאל — האט ער זיך אנטזאגט. ער האט אפילו זיין פאמיליען־נאמען ניט געוואלט בייטן" . . .

ווען איך האב לינעצקין איבערגעגעבן, אז די פרוי גור־לאנד האט, דורך מיר, אים זייער געבעטן צו קומען צו איר, זי וויל זיך האלטן מיט אים אן עצה וועגן איר שטיפזון ארסעני גורלאנד וואס איז געקומען קיין אדעס, האט ער מיר אויף דעם געזאגט: „וואס קען איך איר ראטן? דער פראפעסאר ארסעני גורלאנד, כאטש א גע'שמד'טער, איז ער זייער שטיף־זון, ער איז איצט אין אדעס. אלע רוסישע צייטונגען קלינגען מיט אים און ער איז איר גאסט. ווי דו אליין דערציילסט מיר, קומט ער אלע טאג צו זיי און ברענגט זיי בלומען און די קינדער גייען מיט אים אויף די באנקעטן וואס מען גרייט פאר אים. פארשטיי איך, אז ער איז פאר זיי גאר ניט קיין אומ'כבוד — נאך אלעמען פארנעמט ער א גרויס פלאץ; ער האט דעם טיטול גענעראל און איז דער דירעקטאר פון דער „קוס־טארני איסקוסטוואָ" איבער גאנץ רוסלאנד, און איז א פארפאסער. אין וואס זי מאכט דעם אנשטעל, אז זי איז אזוי אומצופרידן, גלויב איך, אז אין דעם ליגט די „שטיף־מאמע" — ער איז פארט ניט איר זון — איך בין זיכער, אז ווען ער וואלט זיין איר אייגענער זון, וואלט זי אויף אים געפונען א זכות — און וואלט מיט אים שטאל־צירט".

„איך וויל אהין ניט גיין — באזונדערס איצט — ווען דער זון איז דא ביי זיי. ער איז פאר מיר ניט אינטערעסאנט. ער איז ניט אונזערער. קוקסטו אן דעם קאפיטאן לעווין, וועגן וועמען דו דערציילסט מיר, וואלט איך זייער וועלן קענען, אזא יונגערמאן, א אידישער קאפיטאן, אין רוסלאנד, דאס איז גאר א זעלטנהייט, — אפילו זיין פאמיליען־נאמען ניט געביטן. אים איז כדאי צו קענען".

„ווידער גלויב איך, אז די פרוי גורלאנד וועט נאך מיין עצה טאן ווי זי וועט אליין פארשטיין — ווי יענער וואס האט געבויט א הויז אום שבת — און ווען מען האט אים געפרעגט ווי מעג מען ארבעטן שבת? האט ער געזאגט, אז ער האט געפרעגט דעם רב. נו, פרעגט מען אים, וואס האט דער רב געזאגט? ענטפערט ער: דער רב האט געזאגט, אז מען טאר ניט; נו, הער איך אים?"

„ווידער בין איך א פאלקס־לערער — ניט קיין לערער וואס גיט אפ שטונדן — דאס פאלק וועט ווינציק פארלירן, ווען זיי וועלן

זיך שמד'ן. זיי זיינען אַזוי אויך ווייט פון אידן".

„און זאָגנדיק דיר דעם אמת, קענען מיר דאָ גאָר ניט פסק'ענען: מיר זיינען מיט אונזערע קינדער אַליין ניט זיכער. קען איך דען גאַראַנטירן פאַר מיינע קינדער, וואָס מיט זיי וועט זיין — הלואי עס זאָל זיך ניט טרעפן. און זאַמאָשטשין איז מיט זיינע קינדער זיכער. איז אַבראַמאָוויטש געווען זיכער?"

„מיר לעבן אונטער אַזעלכע אומשטענדן, וואָס מיר קענען גאָר ניט זאָגן פאָראויס: פּלוצים קומט אָן א כוואַליע און פאַרכאַפּט זיי און מיר זיינען הילפלאָז זיי צו ראַטעווען. — אונזערע קינדער זיינען ווייט פון אונז, ווייל זיי געפינען ניט ביי אונז אין וואָס זיי נויטיקן זיך. עס איז ריכטיק ווי דו האָסט מיר אַמאָל דערציילט, אַז דיין באָבע פלעגט דיר זאָגן: ווי מען נעמט נאָר לייענען א אידישן בוך, שטייט דאָרט געשריבן: מען זאָל פיינט האָבן טאַטע מאַמע. אין אונזער ליטעראַטור האָט מען פאַר'מיאוסט טאַטע מאַמע: שמ"ר, אין זיינע ראָמאַנען, האָט שטענדיק באַוויזן די לייענער, אַז די עלטערן זיינען זייערע שונאים. ער האָט עס געטאָן, כדי די קינדער זאָלן זיין די העלדן און זיי זאָלן האָבן מיט וועמען צו קעמפן. די אַנדערע „ראָמאַנען"-שרייבער האָבן אים נאָכגעמאכט. די יוגנט וואָס האָט געלעזן זייערע ראָמאַנען, האָט זיך שפּעטער געווענדט צו דער רוסישער ליטעראַטור און דאָרט געפונען שיינקייטן. זיינען מיר, די אידישע שרייבער, ביי זיי געוואָרן צוריקגעשטאָנענע. מיר גיבן זיי ניט וואָס זיי דאַרפן — גייען זיי אוועק פון אונז!"

„ווי קענען מיינע קינדער האָבן ליבע און רעספּעקט פאַר אידיש און צו אידן, אַז נאָך דעם גרויסן דערפאָלג פון מיין „פּוילישן אינגל", פאַר וועלכן איך האָב געקראָגן צענדליקער טויזנטער פאַרערער, האָב איך אַליין געמוזט גיין אין די הייזער עס צו פאַרקויפן, — פאַרקויפן מיין אייגענעם „לונג און לעבער"; און מרדכי ספּעקטאָר האָט געדאַרפט טאָן דאָסזעלבע און פיל אַנדערע שרייבער האָבן געהאַט דעם זעלבן גורל. נו, וואָס איז דער וואונדער, וואָס די קינדער שעצן אונז ניט אָפּ און גייען אוועק פון אונז?"

„מיר קריגן איצט פון די קינדער דעם פּסק, ווי יענער געשעפטסמאַן, וואָס האָט געלערנט זיינעם א פריינט, א סוחר, אַנצוזעצן, און האָט אים דערקלערט, אַז אַנזעצן איז ניט קיין פאַרברעכן — דו

זעצסט מיר אָן — און איך זעץ אָן יענעם און יענער גיט ניט אָפּ אָן אַנדערן. אַזוי פירן מענטשן געשעפטן — און מען האָט דער־פּאָלג. זאָגט צו אים דער סוחר: וואָס הייסט נעמען ביי יענעם און ניט אָפּגעבן? ווי קען מען יענעם קוקן נאָכדעם אין די אויגן? קוקט מען אים ניט אָן אין די אויגן, ענטפערט ער אים. מען זאָגט: איך האָב ניט! אָדער איך האָב ביי דיר ניט גענומען! אָט וועל איך דיר אויסלערנען דאָס צו טאָן: נאָ דיר הונדערט רובל. יענער נעמט ביי אים דאָס געלט און גיט עס אים גלייך אָפּ צוריק. לאַכט ער פון אים און זאָגט אים: דו דאַרפסט עס מיר ניט וועלן אָפּגעבן. דו דאַרפסט זיך אויסלערנען זאָגן, אַז דו האָסט ביי מיר ניט גענומען. ער האָט אים אַזוי לאַנג געלערנט ניט אָפּצוגעבן, ביז יענער האָט ביי אים גענומען 500 רובל און האָט זיי אים טאַקע ניט געוואָלט אָפּגעבן צוריק, בשום אופן. ווען ער האָט זיך איבער־צייגט, אַז יענער מאַכט טאַקע ניט קיין שפּאַס, אַז ער וויל אים אויף אַן אמת ניט אָפּגעבן דאָס געלט, האָט ער זיך געבעטן ביי יענעם: איך האָב דאָך דיך געלערנט פאַר דיין טובה וועגן, ווי אַזוי צו האַנדלען מיט אַ צווייטן, ניט מיט מיר — איך בין דאָך דיין פריינט — וואָס הייסט דו נעמסט צו ביי מיר די לעצטע 500 רובל? אָבער יענעמס ענטפער איז געבליבן דער זעלבער: איך האָב ביי דיר ניט גענומען, טשעפּע זיך אָפּ פון מיר! מיר האָבן אונזערע קינדער געלאָזט זיך שפּייזן אויף אַ פרעמדער קולטור — און האָבן דערוואַרט זיי זאָלן בלייבן מיט אונז. זיי, אָבער, גייען צוליב דעם אַוועק אין אַן אַנדער לאַגער".

„אַז איך וועל לעבן, וועל איך אָנשרייבן אַ בוך „אָטצי אי דיעטי" (עלטערן און קינדער). די מאַדאַם גורלאַנד וועט שוין איר שטעטל באַשטיין אָן מיר. ווען אירע זין וועלן ענדיקן אוניווער־זיטעט און וועלן ניט קענען קריגן קיין פּראָפעסאָר־שטעלעס, וועלן זיי טאָן דאָס וואָס זייער ברודער, ארסעני, האָט געטאָן — כאָטש זיי זיינען זייער אינטערעסאַנטע מענטשן".

מיין ביכל, „אונזערע ציוניסטן", געדרוקט אין 1899 אין אָדעס, האָט געהאַט גרויס דערפאָלג ביי די לייענער. דאָס ביכל איז געווען געשריבן אין פערזן, מיט הומאָר און סאַטירע, גאַנץ גוטמוטיק, אָבער געבויט אויף לאָגיק.(פאָרם און„מעטער"איז דעמאָלט ניט געווען דער עיקר), אַז אפילו אַזעלכע מענטשן וואָס זיינען גע־

ווען געגוויגט צום ציוניזם, האָבן זיך ניט געקענט אָפּהאַלטן פון לאַכן הויך ביים לייענען מיין דעמאָלסטדיקן ביכל... די פירער פון ציוניזם האָבן עס געפילט און מיר עס אויך געגעבן צו פילן . . .

דאָס ביכל האָט זייער ניט געשמעקט פאַר געוויסע ציוניסטן־קאַריעריסטן, ווי דר. איוואַנאָוויצקי און אנד. פון זיין מין. זיי האָבן מיך אטאקירט אין דער פרעסע, וואָס איז דאַן געווען אינגאנצן ציוניסטיש און זיי האָבן מיר ניט געגעבן קיין געלעגנהייט זיי אָפּצוענטפערן. זיי האָבן אויך אָפּגעקויפט ביי מיין פאַרלעגער די גאַנצע ערשטע אויסגאַבע און האָבן זי פאַרניכטעט, אזוי, אז מיר איז אפילו ניט פאַרבליבן קיין טוץ עקזעמפּליאַרן.

דורך זייער איינפלוס און פאַסקווילן האָב איך אויך געמוזט פאַרלאָזן מיין שטעלע ביי גורלאַנד'ן, וואָס דורך מיין פאַרטשעפּען זיך מיט זיי האָט, אין אמת'ן, פיל געשאַדט דעם געשעפט, וואָס איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט ציוניסטן וואָס האָבן מיט אונז געהאַנדלט. כאָטש גורלאַנד האָט דורך זיין איינפלוס גע'פועל'ט אין דעם הויפּט־קאָנטאָר פון דרעזדין, פון וועלכן ער איז געווען דער פאַרטרעטער, אַז איך זאָל צוריק בלייבן אויף דער שטעלע, האָב איך זיך, אונטער די בעסטע באַדינגונגען, אנטזאָגט.

מיינע קעגנער האָבן אויך אָנגענומען אַלערליי מיטלען אז דער צענזאָר זאָל מיר קיין צווייטע אויפלאגע ניט דורכלאָזן, האָב איך זיך דאַן געווענדעט צו לינעצקין נאָך אן עצה.

לינעצקי האָט מיר דאַן געזאָגט: „אַט די אלע פאַרפאָלגונגען זיינען דיין דערפאָלג! דו ביזט מיין גייסטיק קינד — דו האָסט מיך גע'ירשנ'ט. איך האָב פריער געוואוסט, אז דו וועסט ליידן — אָבער אַ סאָלדאַט מוז קענען פולווער שמעקן. מיין ראַט איז, אז דו זאָלסט אויפגעבן דעם גאַנצן קאַמף, דו ביזט צו יונג און צו שוואַך פאַרצוזעצן דעם קאַמף, עס פאָדערט זיך א ריזיקע ארבעט: אַט זעסטו מיך — ווי איך שווייג, כאָטש איך בין אויך קעגן זיי; איך שווייג, ווייל איך בין ניט גרייט קעגן זיי ארויסצוטרעטן עפנטלעך — ניט קוקנדיק וואָס איך בין מער ציוניסט פילייכט פון זיי — דאָס קען מען זען אין מיין ביכל וואָס איך האָב געדרוקט „אמעריקע אָדער ארץ־ישראל". איך געפין קיינמאָל ניט קיין באַרעכטיקונג פאַר זייערע „יעזואיטישע שטיק" קעגן יענעם וואָס איז מיט זיי

אין עפּעס ניט איינפאַרשטאַנען. איך מוז זאָגן, אז עס גייט זיי אין לעבן — ביי פילע גייט עס גאָר אין פרנסה — און דו מוזט זיין גרייט אויף אלעס".

„כאָטש צו וואָס לוינט זיך דיר איינגאַנצן די ארבעט? דעם גאַנג פונם סאָציאַליזם קענען זיי ניט אָפּשטעלן. פאַרגעס ניט, אז ליטעראַריש האָבן זיי דיך דערווייל געטויט. סיידן עס וועט ארויס אַ צייטונג, ווי מיר פּלאַנעווען. פאַרנעם זיך אויף אַן אנדער וועג. שרייב עפּעס אַן אַ גוטע זאַך וואָס איז נישט פאַרבונדן מיט פאַר־טייען. דו האָסט טאַלאַנט. איך וועל דיר העלפן עס צו דרוקן. אָבער, מיין קינד, — אויב ס'ליגט אין דיר דער גייסט צו זיין אַ קעמפער — טו ווי דו פאַרשטייסט".

„דו קענסט אָפּדרוקן אין דיין צווייטער אויפלאַגע מיין קרי־טיק, וואָס איך האָב געשריבן איבער דיין ערשטער אויסגאַבע „אונ־זערע ציוניסטן". דאָס וואָס דער צענזאָר וויל דיר ניט דורכלאָזן קיין צווייטע אויפלאַגע, איז ער אַ גרויסער פייגלינג און אַ „מלוכה שקלאַף". איך וועל גיין מיט דיר צום צענזאָר, אָבער גלייכער וואָלט געווען, זאָלסט עס אויפגעבן".

אויף מאָרגן זיינען מיר געווען ביים צענזאָר, יצחק וואַרשאַווּ־סקי. ער האָט זיך געראַנגלט מיט אונז, ווי איינער פאַר גסיסה, און האָט דאָך געזאָגט, אז ער קען מיין ווערק ניט דורכלאָזן. ער איז אפילו ווילק עס זאָל אים אויך קאָסטן אַ פּאָר רובל צושטייער צו פאָרן צו דעם וואַרשעווער צענזאָר, וואָס וועט עס מיר דורכ־לאָזן. ער אָבער האָט מורא פאַר דער חברה. ער קען דאָס ניט דורכלאָזן . . . — עס איז איבעריק צו דערמאָנען, וואָס לינעצקי האָט אים ארייינגעזאָגט . . .

ווען דער צענזאָר האָט געזען, אז לינעצקי האָט אויף אים אַ שטאַרקן איינפלוס און אז ער קען ניט לויז ווערן פון אים, האָט ער גענומען צו הילף זיין פרוי, און ביידע האָבן זיך קוים אָפּגעבעטן ביי לינעצקין אָפּצונעמען מיין ווערק צוריק אַן אַ דערלויבעניש פון אים אויף צו דרוקן אַ צווייטע אויפלאַגע.

וואָס מער מען האָט מיך אונטערדריקט, אַלץ מער איז לי־נעצקי פריינטלעכער געוואָרן, ממש פאַטערלעכע צערטלעכקייט האָט ער מיר ארויסגעוויזן.

אין יענער צייט האָט ער פאַר מיר געלעזן זיינע זאַכן, צווישן

וועלכע עס איז געווען אַן אינטערעסאַנט ווערק, וואָס ער האָט גע־האַלטן פאַר פיל בסוד. דאָס ווערק האָט געהייסן „פונם יריד" — זיין לעבנס ביאָגראַפיע. מיט פיל בייסנדיקער סאַטירע, פיל פאַר־ביטערטקייט אויף דער אומגערעכטיקייט צו אים, פון זיינע ליטע־ראַרישע צייט־קאָלעגן.

ער פלעגט מיר אָפט זאָגן: „שרייב עפּעס אַן א נייע זאַך, וועל איך דיר דערפאַר שענקען א מתנה מיינס א נאָך ניט געדרוקט ווערק". איך האָב שוין לאַנג געהאַט פאַרטראַכט א פּאָעמע, האָב איך זי אָנגעשריבן און זי פאַר אים איבערגעלייענט. די פּאָעמע איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט מיט צופרידנהייט מיר גע־זאָגט: „דו קענסט זי מיר ווידמען". און ער האָט מיר געגעבן דעם נאָמען צו דער פּאָעמע. ווען איך בין אָבער געקומען צום צענזאָר מיט דער פּאָעמע און ער האָט דערזען אַז זי איז געווידמעט לינעצקין, האָט ער מיר געזאָגט: „איך קען ניט אָננעמען דעם מאַנוסקריפּט, ביז איר וועט מיר ניט ברענגען א בריוו פון לינעצקין אַז ער איז צופרידן איר זאָלט אים ווידמען די פּאָעמע; עס פעלט מיר צרות?"

איך האָב געבראַכט א צושטימונגס־בריוו פון לינעצקין צום צענזאָר. דער צענזאָר האָט געהאַלטן א פּאָר מאָנאַט מיין מאַנוס־קריפּט, אויסגעמעקט די שענסטע שטעלן וואָס זיינען צו יענער צייט געווען צו פריי און ניט לעגאַל. נאָך פיל קאָנפערירן מיט אים, האָב איך אָפּגענומען מיין מאַנוסקריפּט און די פּאָעמע איז געבליבן ניט געדרוקט.

לינעצקי האָט מיר פאַרטרויט א סוד, אַז מנשה מרגולית איז געקומען צו אים רעדן וועגן אַרויסגעבן א אידישע צייטונג. האָבן זיי געדאַרפט האָבן א קאָנפערענץ מיט מענדעלע מוכר ספרים, וועלכער איז אויך געווען אין דעם פאַראינטערעסירט. נאָך די פאַר־האַנדלונגען אויפן קאָנפערענץ, האָט ער מיר געזאָגט: „מנשה מר־גולית האָט גרויסע פאַרבינדונגען אין די גאָר הויכע קרייזן פון פעטערסבורג און אויב עס וועט אים געלונגען צו קריגן א דערלוי־בעניש אויף א צייטונג — דעמאָלט, מיין קינד, וועסטו זען וואָס לינעצקי קען נאָך אויפטאָן, און דו וועסט אויך אויפגעריכט ווערן.

די צייטונג וועט זיך ניט פארקויפן צו פארטייען און וועט אויך ניט זיין קיין צייטונג אויף געלט צו מאכן. הלואי זאָלן מיר דאָס דער־לעבן. איך באשווער דיך אז קיין מענטש זאָל דערווייל דערפון ניט וויסן. ס'איז א גרויסער סוד" . . .

ווען איך האָב אמאָל לינעצקין ניט געטראָפן אין אָוונט אין דער היים, האָב איך שוין געוואוסט, אז ער איז אויף דער קאָנפערענץ וועגן דער צייטונג, ווייל איך האָב אלעמאָל געוואוסט וואו ער גייט. ער איז צו יענער צייט געווען פריילעכער ווי אלע מאָל און ער פלעגט פאר מיר זינגען זיינע לידער.

קענן-שטראָם

צווייטער טייל:

מיט מיין הומאָריסטיש ביכל אין פערזן, וואָס איך האָב ארויס־געגעבן אין אָדעס, אונטערן נאָמען, „אונזערע ציוניסטן‟, האָב איך זיך פאַרשאַפט א סך פריינט און נאָך מער שונאים אויפן לעבן. געוויסע ציוניסטן האָבן זיך דערזען אין די געשילדערטע כאראק־טעריסטיקן, און די ציוניסטישע פרעסע האָט אָנגעהויבן א העצע קעגן מיר, אזוי אז יעדער שקל־צאָלער האָט געפילט אלס זיין חוב מיך צו באַליידיקן אין נאָמען פון ציוניסטישן אידעאַל. אייניקע פון זיי האָבן אָפּגעקויפט פון דעם דרוקער די גאַנצע אויסגאַבע פון מיין ביכל און זי פאַרניכטעט. דערצו האָבן זיי געזען, אז דער צענזאָר זאָל מיר אויך ניט דורכלאָזן קיין צווייטע אויסגאַבע. ס׳איז אויך אויסגעאיבט געוואָרן איינפלוס אויף געוויסע קונדן, וואָס האָבן געהאַנדלט אין דער ביוראָ פון מיין בעל־הבית אי. פאָן גור־לאַנד, זיי זאָלן באַשטיין אז ער זאָל מיך אָפּזאָגן פון דער שטעלע, אויב ניט וועלן זיי מער ניט האנדלען מיט אים. און צו לעצט האָבן אויך אנדערע פון זיי אויפמערקזאַם געמאַכט דער פּאָליציי, אז איך בין א געפערלעכער סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער . . .

איך האָב אזוי ארום פאַרלוירן מיין שטעלע ביי גורלאַנד׳ן און אויך געמוזט פאַרלאָזן אָדעס, כדי ניט ארעסטירט צו ווערן און אפשר גאָר אויך פארשיקט ווערן. אין אמת׳ן איז מיין ביכל „אונזערע ציוניסטן‟ ניט געווען קיין טעאָרעטישער קאַמף קעגן ציוניזם, נאָר א גוטמוטיקע סאַטירע אין פערזן וואָס האָט אָפּגע־לאַכט פון די עלעמענטן, וואָס האָבן די באַוועגונג אויסגענוצט פאַר אייגענע צוועקן, און פון יענע וואָס האָבן אריינגעבראַכט טומל, אומרו און איבערטריבענע אילוזיעס, וואָס האָבן, ווי מיר האָט זיך געדוכט, אָפּגעצויגן די יוגנט פון דער אמת׳ער ווירקלעכקייט — פון דער קעמפערישער סאָציאַלער באַוועגונג אין ברען פון דער רע־וואָלוציע.

מיין ביכל, „אונזערע ציוניסטן‟ האָט אָפּגעלאַכט בלויז פון די אָדעסער ציוניסטן, ס׳איז אָבער געווען אזוי אמת און בילדלעך, אז אויך ציוניסטן פון אנדערע שטעט, ניט קיין אָדעסער, האָבן זיך

דאָרטן דערזען און ס'האָט אויך ביי זיי ארויסגערופן א כעס קעגן מיר.

אין אידיש איז א חוץ מיין הומאָריסטיש ביכל אין פערזן „אונזערע ציוניסטן", ניט דערשינען קיין אנדערע שריפטן קעגן די ציוניסטן.

אין העברייאיש האָט דער פאַלטאווער רב, א געוועזענער דעלעגאט אויף די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן, ארויסגעגעבן דעם „הפלס", א מאַנאַטשריפט קעגן ציוניזם. אויף רוסיש זיינען אין אָדעס ארויס דריי ביכער, איין בוך פון יוריסט און געלערנטן מנשה מרגולית, אַ בוך פון גרשון בן גרשון, איינער פון די באקאנטסטע שריפטשטעלער און אויך א בוך פון דעם סטודענט ביקערמאַן, וואָס האָט געשפילט אַ ראָלע ביי דער יוגנט אַלס גרויסער אָראַטאָר.

די דריי שריפטשטעלער, ווי איך, האָבן אויך ניט באַלאַנגט צו קיינע פארטייען. זייערע ביכער זיינען, אָבער, געווען שווערע טעאָרעטישע ארגומענטאציעס קעגן ציוניזם און זיינען געווען פאַרשפּרייט צווישן דער אידישער אינטעליגענציע, פאַר וועמען זיי האָבן געוואָלט ארויסצייגן זייער געלערזאמקייט, צום פאָלק האָבן די ביכער ניט דערגרייכט. זיי זיינען שטיל געקומען און שטיל פאַרגעסן געוואָרן. מיין ביכל, אָבער, איז אריין אין פאָלק. מען האָט עס ארומגעזוכט אין אלע בוכהאַנדלונגען. מען האָט מיר געלייענט, געלויבט און געשאָלטן. צווישן ציוניסטן האָט מען זיך געמוזט היטן פון צו לייענען דאָס ביכל, כדי ניט געשטעמפּלט צו ווערן אלס אַנטי־ציוניסט. שטילערהייט האָט אָבער יעדער ציוניסט געלייענט דאָס ביכל . . .

שטיצנדיק זיך אויף דעם גרויסן מאָראַלישן דערפאָלג פון מיין ביכל, און גלויבנדיק אין זיך — אין מיין כוח אויפצוטרעטן אויף אונטערנעמונגען, קאָנצערטן, מיט מיינע פאָרלעזונגען פון מיינע אייגענע הומאָריסטישע שריפטן, מיט אימפּראָוויזאציעס, אימיטאַציעס, וואָס איך האָב א סך מאָל אויסגעפּרובירט מיט דערפאָלג אין אדעס צווישן שרייבער און קינסטלער, האָב איך באשלאָסן אוועקצופאָרן פון אָדעס אויף א שטיקל צייט.

לינעצקין האָב איך צוגעגרייט צום געדאנק וועגן מיין אוועקפאָרן פון אדעס, דערוויזן אים אז אויב איך וועל ניט איבערדרוקן מיין

ביכל „אונזערע ציוניסטן‟, וועל איך, דער זיגרייכער, בלייבן דער באַזיגטער — די ציוניסטישע פּרעסע און אַנדערע וועלן נאָך מאַכן אַ פּאָר בילבולים אויף מיר, און אָפּלייקענען די ליגנס האָב איך ניט וואו, מוז איך דערפאַר דרוקן אַ ביכל וואָס זאָל הייסן „דער ציוניסטישער גלאָק‟, דאָרט אויסצוקלינגען אַ טייל פון מיינע קריוודעס אנטקעגן מיינע פאַרפאָלגער, און אויך אָפּדרוקן בריוו פון באַרימטע פּערזענלעכקייטן, וואָס לויבן מיך פאַר מיין אַרויסטרעטן קעגן די ציוניסטן. אַזעלכע בריוו האָב איך געהאַט פון לינעצקין, איש נעמי און זיין געלערנטן זון, פּראָפעסאָר בעזרעדקי פון פּאַסטער׳ס אינסטיטוט, און נאָך אַנדערע גדולים. אַ זייער גוטע לויבקריטיק אין דאָקטאָר בלאָכ׳ס „עסטרייכישע וואָכנשריפט‟, א.אז.וו.

איידער איך האָב פאַרלאָזן אָדעס בין איך אַ פּאָר מאָל אין וואָך געקומען צו מנשה מרגולית נאָך זייערע אָפּגעהאַלטענע קאָנפערענצן וועגן דער געפּלאַנטער צייטונג, וואו עס האָט זיך אויך באַטייליקט דער זיידע מענדעלע, וואָס איז געווען אַ שטילער קעגנער פון ציוניזם. מענדעלע איז געווען איינשטימיק, אַז מרגולית זאָל ביישטייערן מיט אַ קליינער סומע צו די קאָסטן פון מיין רייזע צו שטודירן די באַציאונג פון דער אָרטאָדאָקסיע צו אַ אידישער צייטונג, וואו עס וועלן אַנטייל נעמען מענדעלע, לינעצקי, איש נעמי און אַנדערע שרייבער. אויפן וועג וועל איך באַזוכן לינעצקיס אַמאָליקע פריינט און דערביי באַזוכן אַנדערע שטעט צו זען מענטשן, וואָס זאָלן שטיצן די צייטונג און זי פאַרשפּרייטן.

צוליב דעם וואָס דער אידישער שיפס־קאַפּיטאַן, לעווין, מיט וועמען איך בין באַפריינדעט געוואָרן, האָט גראָד געפירט זיין שיף צווישן אָדעס און מאַריאָפּאָל, און צוליב דעם וואָס איך האָב גראָד געהאַט אַ יוגנט־חבר, וואָס האָט געוואוינט אין מאַריאָפּאָל און דאָרט אָנגעפירט אַ בעקעריי און מיך אָפט איינגעלאַדן צו קומען צו אים צו גאַסט אויף אַ שטיקל צייט, האָב איך באַשלאָסן צו־ערשט צו פאָרן קיין מאַריאָפּאָל.

באַשלאָסן צו פאַרלאָזן אָדעס, האָב איך נאָך פיל נאָכדענקען, אין אַ פרימאָרגן, געלאָזט וויסן לינעצקין, אַז איך פאָר אָפּ קיין מאַריאָפּאָל, אין אַ שליחות פון מיין געוועזענעם בעל־הבית גורלאַנד. לינעצקי איז געוואָרן טרויעריק. עס האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין

די אויגן, און ער האָט מיך איבערגעפרעגט: „דו פאַרלאָזט מיך?!" װען ער האָט זיך באַרואיקט, האָט ער צו זיך געזאָגט שטיל און געלאַסען: „אַלטער נאַר װאָס דו ביזט! װילסט צובינדן אַ יונג פייגעלע די פליגל? האָט מען דען דיך געקענט צובינדן?" און באַלד האָט ער זיך געװענדט צו מיר: „פאָר געזונט! איך װינטש דיר אַ בעסער מזל פון מײנעם". ער האָט מיר אויסגעשטרעקט די האַנט: „ד' יצליח דרכך", און מיט זײַנע בײדע הענט מיר געדריקט מײַן האַנט.

אויף מאָרגן, װען איך בין צו אים װידער געקומען, פרעגט ער מיר: „נו, װאָס הערט זיך? דו פאָרסט טאַקע קײן מאַריאַפּאָל?" איך האָב ניט װילנדיק געענטפערט: „יאָ, איך פאָר!" „װאָס װעסטו טאָן אין מאַריאַפּאָל", פרעגט ער מיר, „אין אַ שטאָט פון בלויז ניקאָלאַיעװסקי סאָלדאַטן, פראָסטע אומװיסנדע מענטשן? דו װעסט מיך ניט אָפּנאַרן: דו פאָרסט אהין צוליב אַ שטעלע? קען דען אַזאַ אומרואיקע נשמה װי דײַנע אַ שטעלע צופרידנשטעלן? װעסט דאָרט ניט קענען זײַן אפילו קײן אכט טעג. װידער, װאו נעמסטו אויף הוצאות? אין אַ פרעמדער שטאָט דאַרף אַ מענטש ניט פאָרן מיט ליידיקע הענט. פאָלג מיך, שלאָג דיר אַרויס פון קאָפּ מאַריאַפּאָל. בלײַב דאָ, אָדער פאָר אַװעק ערגעץ אַנדערש אין אַ נעענטער שטאָט, אויף אַ פּאָר מאָנאַטן, ביז מען װעט דאָ אין דיר פאַרגעסן, און קום דערנאָך צוריק אַהער. איך בין פּראַקטיש. איך װײס, אַז דו װעסט ניט קענען לעבן אין אַן אַנדער אַטמאָספערע. בפרט אַז דאָ האָסטו אַזוי פיל גוטע פרײַנט". איך האָב אים איבערצײַגט אַז איך קען מער אין אַדעס ניט פאַרבלײַבן און ער האָט, ניט װילנדיק, אײַנגעשטימט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער מיך באַגלײט צו דער שיף. בײַ דער שיף רופט ער מיך אַװעק אויף אַ זײַט און זאָגט מיר אַ סוד: „מײַן קינד! דו האָסט מן־הסתם װײניק געלט, אין אַ פרעמד אָרט קומט געלט צונוץ. נאָ דיר, איך האָב צונויפגעזאַמלט אַ פּאָר רובל, נעם זײ צו און אַז גאָט װעט דיך באַגליקן, װעסטו מיר זײ אָפּשיקן". דערבײַ גיט ער מיר דרײַ גאָלד שטיק צו 7.50 רובל און זאָגט: „דו װײסט דאָך, אַז איך האָב ליב שײנע זאַכן, האָב איך עס געזאַמעלט אין גאָלד". איך האָב דאָס געלט פון אים ניט געװאָלט נעמען, איך האָב זיך אויך ניט שטאַרק געװויטיקט אין דעם, אָבער ער האָט מיך באַשװאוירן אַז איך מוז דאָס נעמען פון אים. װען

איך האָב דאָס געגומען, האָב איך אים שטאַרק געדאַנקט, און איך בין געווען געריררט ביז טרערן פון זיין פריינטשאַפט.

ביי דער שיף האָב איך לינעצקין באַקענט מיט דעם אידישן שיפס־קאַפּיטאַן, לעווין. דער קאַפּיטאַן האָט מיט גרויס רעספּעקט אים אויפגענומען. ביידע האָבן אויסגעדריקט צופרידנקייט, אָבער ס'איז געווען ווייניק צייט צו פאַרברענגען.

דער קאַפּיטאַן איז געווען פאַרנומען מיט אַרויסלאָזן די שיף אין וואַסער. אין יענעם מאָמענט איז צו דער שיף צוגעקומען אַ מיידל, אַ בילד שיינע, מיט אירן אַ ברודער, אַ בחור, און אונז דערציילט, אַז ער, דער בחור איז געלעגן קראַנק אין אָדעסער שפּיטאָל און זי, די שוועסטער, איז אים געקומען אָפּנעמען — איצט ווילן זיי פאָרן אהיים, קיין יוזעווע — אַ פּאָר סטאַנציעס פון מאַריאָפּאָל, נאָר זיי האָבן ניט גענוג אויף הוצאות און אונז געבעטן מיר זאָלן זיי העלפן. מיר האָבן זיך געווענדט צום קאַפּיטאַן וועגן דעם. ער האָט גלייך געהייסן נעמען זייער געפּעק און זיי געהייסן אַרויפגיין אויפן שיף. אָבער די שיף גייט אָפּ באַלד, אין 20 מינוט. דער בחור איז דערווייל געגאַנגען קויפן שנאַפּס און אַנדערע זאַכן, וואָס העלפט צו ים־קראַנקהייט. די שוועסטער האָט אים נאָכגעשריען: „קום גלייך צוריק". אָבער עס האָט געדויערט 15 מינוט. דער בחור איז נאָך ניטאָ צוריק — ווערן מיר אומגעדולדיק, די שוועסטער ווייגט, דער קאַפּיטאַן איז פאַרנומען, דאָס מיידל איז פאַרצווייפלט. לינעצקי טרייסט זי: ער וועט אָפּזוכן איר ברודער און וועט אים אהיים שיקן. די שיף פייפט, גיט סיגנאַלן. אַלע די וואָס פאָרן ניט — מוזן פאַרלאָזן די שיף. לינעצקי אויך. ער צעקושט זיך מיט מיר און שרייט: „שרייב בריוו! איך וועל דיר ענטפערן". און די שיף גייט אָפּ.

די שיף, מיט וועלכער איך בין געפאָרן קיין מאַריאָפּאָל, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג אין סימפעראָפּאָל, סעוואַסטאָפּאָל, ווי אויך אין יאַלטע, אַ באַרימט קוראָרט אין קרימער געגנט. די רייזע איז געווען פאַר מיר אַן אַוואַנטיורע, וואָס האָט מיך באַרואיקט, דערפרישט און דערמוטיקט. די רייזע מיט דער שיף האָט געדויערט דריי טעג. האָב איך געהאַט גענוג צייט איבערצוטראַכטן וואָס אַרום מיר איז ביז אהער געשען און וואוהין און צוליב וואָס איך פאָר איצט.

און סיי ווי דאַרף איך זיך אָפּרוען אַביסל. אויב איך וועל דאָרט ניט קענען בלייבן, האָב איך ביי זיך רעקאָמענדאַציע־בריוו פון דעם באַרימטן אַדוואָקאַט מנשה מרגליות צו דעם דאַמאָלסטדיקן צוקער־פֿאַבריקאַנט און מיליאָנער לאַזאַר איזראַילאָוויטש בראָדסקי, אין קיעוו, און צו זיין איידעם באַראָן גינסבורג, פערזענלעך ביי זיי געוואויר צו ווערן ווי עס האַלט מיט דער אידישער צייטונג, וואָס דאַרף דורך זייער איינפלוס ווערן דערלויבט ארויסצוגעבן.

ווען איך בין אָנגעקומען מיט דער שיף קיין מאַריאָפּאָל, האָט מיין חבר שוין געוואַרט אויף מיר ביי דער שיף און מיך געפירט צו זיך אהיים. מיין חבר האָט געוואוינט אויסער דער שטאָט, נאָענט צו די אייזן־און־שטאָל זאַוואָדן, וואו עס ברענט אן אייביק פייער און מענטשן בראָטן זיך דאָרטן און שקלאַפן פאר א לעבן. ער האָלט אין דעם געגנט א בעקעריי און צעפירט אלע אין דער פרי דאָס ברויט צו די ארבעטער. די ארבעטער זאָגט ער, זיינען גוטע מענטשן, נאָר אז עס קומט זונטיק, האַלטן זיי אין איין שיכור'ן. זיי באַצאָלן אָבער זייערע שולדן און נעמען אים אויף זייער פריינט־לעך, און אז ער פילט זיך דאָ זייער גוט.

זיין פרוי, וועמען איך האָב געקענט פון פריער, א גראָטעסקע און פיינע זינגערין, האָט מיך אויפגענומען מיט פרייד און דורך איר שטימע מיר דערמאָנט, אָז זי קען נאָך זינגען. מיין חבר, מורא האָבנדיק איך זאָל זיך ניט לאַנגווייליקן, האָט מיר צוגעזאָגט: „מאָרגן וועל איך דיך באַקענען מיט א וויכטיקן מענטשן".

ער האָט מיך באַקאַנט מיט אן עלטערן אידן מיט א זייער שיינעם און אינטעליגענטן אויסזען, וואָס האָט, ווייזט אויס, שוין פון מיר פריער געהערט. דער מאַן איז געוועזן אַ לערער פון גימ־נאַזיע, האָט געטראָגן א צייכן אויפן היטל. אין רוסלאַנד האָבן אידן ניט געטאָרט זיין קיין לערער, זיינען זיי געווען לערער פון „זאַקאָן באָזשי", און האָבן געשפּילט א ראָליע אלס „אוטשאָני יעווריי". א טייל פון דעם סאָרט לערער זיינען אויך געווען צענזורן. דער מאַן האָט אויף מיר געמאַכט א זייער גוטן איינדרוק, באַזונ־דערס ווען ער האָט מיר געוויזן זיין גרויסע ביבליאָטעק, וואו עס האָט זיך געפונען אויך מענדעלע'ס „קליאַטשע", לינעצקיס „פּוי־לישע אינגל", אפילו דר. עטינגער'ס „סערקעלע". וואָלט דאָך געווען

גוט, האָט ער אָבער ארויסגענומען גאנצע פעק מיט אייגענע מאַ־נוסקריפּטן און גלייך זיי פאַר מיר גענומען לייענען. איך האָב זיך דערפילט אומהיימלעך און אים געפרעגט, צי ער וויל דאָס מיר איצט אַלץ אויסלייענען? ער האָט אָבער דאָך געלייענט און זייער הנאה געהאַט.

זיין שרייבן איז געווען מיט מוסר און מליצה פון דעם אַלטן שטייגער. ער איז געווען זייער פאַר׳עקשנ׳ט און איך האָב ביי זיך באַשטימט, פאַר אַן אויסנאַם, אים ניט צו זאָגן קיין חסרונות אויס דרך ארץ צו זיין עלטער און געלערזאַמקייט, כאָטש איך האָב מיך געשראָקן פאַר זיין גרויסן פּאַק מאַנוסקריפּטן, ער זאָל מיך ניט צווינגען אַלץ אויסצוהערן.

ער האָט ביי מיר אויך געבעטן לינעצקיס אַדרעס, כדי מיט אים זיך איבערצושרייבן. איך האָב זיך אָבער ניט געאיילט אים צו געבן דעם אדרעס און געזאָגט, אז לינעצקין דינען ניט די אויגן די לעצטע צייט, אז איך בין דער איינציקער מענטש, צוליב וועמען ער שטרענגט אָן די אויגן צו שרייבן, ווייל ער וויל וויסן וואָס מיט מיר קומט פאָר. ער האָט מיר אָפּגעצאָלט מיט לויבן לינעצקין אַלס גרויסן סאַטיריקער.

ער אַליין איז געווען קעגן ציוניזם כמעט פאַנאַטיש, ווי א טייל ציוניסטן. „מען דאַרף זיי באַקעמפן!“ האָט ער געשריגן. ער איז געווען א שטאַרקער אָנהענגער פון „די קאָוונער“, זיך איבערגע־שריבן מיט יענקעלע ליפשיץ און אויסגעשריבן זיינע ספרים.

קיין ציוניסטן זיינען אין מאַריאַמפּאָל ניט געווען און אויב עס וואָלטן אַזעלכע געווען, וואָלט ער זיי באַקעמפט. דער מאַריאַמפּאָ־לער רב איז אויך געווען א קעגנער פון ציוניזם, ווייל דער פּאָלטאַ־ווער רב האָט מיט זיין „הפלס“ זיי באַקעמפט . . .

איך האָב אין מאַריאַמפּאָל זיך ניט אויסגעגעבן אין דער עפנט־לעכקייט אַלס דער „קריטיקירער“ פון די ציוניסטן, ווייל די מענטשן זיינען ניט געווען פון מיין מין. כ׳האָב אויך געבעטן דעם לערער צו פאַרשווייגן מיין ביכל „אונזערע ציוניסטן“, ווייל סיי ווי האָב איך קיין ביכלעך ניט געהאַט צו פאַרקויפן. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. גאַנץ מאַריאַמפּאָל האָט באַלד געוואוסט אז עס איז דאָ אין שטאָט א אידישער שרייבער, א רעדנער און א דעקלאַמאַטאָר, ווי מען האָט עס אַמאָל גערופן.

מיין חבר׳ס פרוי האָט גלייך אויסגעפּלאַנט צו מאַכן אַ קאָנ־צערט, וואו זי זאָל אויך אייגנטייל נעמען. זי האָט שוין אַ פּאָר מאָל אויפגעטראָטן אויף קאָנצערטן אַלס זינגערין. נאָך אין אַדעס האָט זי באַלאַנגט צו אַ דראַמאַטישן קלוב. איך האָב זיך געלאָזט „דרעפּטן״. איבגיכן איז געווען אַ גרויסער קאָנצערט, וואו איך האָב אויפגעטראָטן. דער קאָנצערט איז געווען אַ גרויסער דערפּאָלג, מאָראַליש און מאַטעריעל. עס איז מיר שטאַרק צוגוץ געקומען.

אין מאַריאָפּאָל קריג איך דעם ערשטן בריוו פון לינעצקין, אויף דעם אַדרעס וואָס איך האָב אים געלאָזט. שרייבט ער מיר, אַז ער האָט אויסגעפונען דעם בחור, אים געשאַפן געלט, דורך אינזשיניר גורלאַנד, און אים דעמזעלבן טאָג אָפּגעשיקט אהיים מיטן באַן. און דערביי שרייבט ער מיר: „אַז עס איז באַשערט אַ מענטשן לויפן, לויפט ער. איך בין אַזוי געלאָפן ווי יענער איד, וואָס איז געזעסן ימים ולילה און געלערנט, פון הויז ניט אַרויסגעגאַנגען. אַ וועלט האָט זיך געוואונדערט: ווי אַזוי גייט עס אַ מענטש אַמאָל ניט אַרויס פונעם הויז? אָבער ווען עס איז באַשערט געווען ער זאָל לויפן — האָט אים גאָט צוגעשיקט אַ מציאה אַ האָן. ער האָט איינמאָל געקויפט אַ האָן. כדי דעם האָן צו האָדעווען, האָט ער אויך געקויפט אַ זאַק פּראָסע. מיטאַמאָל האָט דער האָן זיך פּאַרטשעפּעט אין דעם זאַק פּראָסע, אויסגעשאָטן די פּראָסע און איז אַנטלאָפן, איז דער איד געלאָפן כאַפּן דעם האָן. דער האָן איז אַרויס דורך אַ פענצ־טער, איז ער אים נאָכגעלאָפן דורכן פענצטער. איז דער האָן אַרויף אויף אַ בארג, אַראָפּ פונם באַרג און איז ווייטער געלאָפן, און דער איד איז אים נאָכגעלאָפן. אַזוי איז דער איד אויסגעלאָפן זיין צייט, וואָס ער האָט געדאַרפט גיין ווי אַלע מענטשן. מיט מיר איז געווען דאָס זעלבע — לויפנדיק זוכן דעם בחור — אַז ס׳איז באַ־שערט צו לויפן, לויפט מען . . . אַ ברירה האָט מען?״

אין מאַריאָפּאָל בין איך לאַנג ניט פאַרבליבן. עס איז געווען ווי לינעצקי האָט געזאָגט, דער „וואַנדער־גייסט״ האָט מיך באַ־הערשט. איך האָב באַרייזט זייער פיל שטעט. אין אַ פּאָר שטעט בין איך געווען אין די אינטערעסן פון דער צייטונג, וואָס מנשה מרגולית, דער געלערנטער יוריסט, האָט געפּלאַנט אַרויסצוגעבן. לינעצקי האָט מיר געשריבן ווען איך זאָל באַזוכן און וואָס איך

זאָל רעדן מיט די מענטשן. א פּאָר פּאַסירונגען וואָס האָבן גע־טראָפן מיט מיר אין געווויסע שטעט, איז כדאַי צו באַשרייבן.

איך האָב באַזוכט ראָסטאָוו נאַ דאָנו, אַ שטאָט וואו קיין אידן האָבן ניט געטאָרט וואוינען מער ווי 24 שטונדן. ווען מען האָט איינעם געפונען אָן א גענעצלעכער רעכט צו וואוינען, האָט דער אייגנטימער פון האָטעל, אָדער פּריוואַט־הויז, באַצאָלט פינף הונדערט רובל שטראָף און דעם שולדיקן האָט מען אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ. אָנגעקומען קיין ראָסטאָוו בין איך פונקט ערב יום־כיפור. מיינע זאכן האָב איך געלאָזט אויפן וואָקזאַל, מען זאָל ניט באמערקן, אז איך בין א פרעמדער און בין צוגעפאָרן צו א דאָקטאָר, צו וועמען איך האָב געהאַט א בריוו, ער זאָל מיר דערלויבן זיין ביי אים א פּאָר טעג. דער דאָקטאָר, זייער א פריינטלעכער מענטש, כאָטש מורא האָבנדיק זיך איינצורייסן מיט דער פּאָליציי, האָט מיר דאָך דערלויבט צו זיין ביי אים איבער יום כיפור.

דורך א קורצער צייט האָבן מיר זיך זייער באַפריינדעט. איך האָב פאַר אים געלעזן מיין ביכל „אונזערע ציוניסטן" און עס איז אים שטאַרק געפעלן. ער האָט מיר דערציילט, אז אין ראָסטאָוו איז דאָ א ראַבינער. ער איז אמאָל געווען ראַבינער אין פּעטערבורג, וואָס שטייט מיט איין פוס אין ציוניזם, מיט דעם אנ־דערן — נייטראַל.

אזוי איז אוועק דער טאָג יום כפור. יום כפור אָוונט איז דער דאָקטאָר געקומען פון שול מיט א פּאָר מענטשן, געסט, ספּעציעל געלאַדן צוליב מיר, און מיר געזאָגט, אז מען ווייסט אין ראָסטאָוו, אז איך בין דאָ ביי אים — מען האָט שוין געשריבן אַהער פון טאַגאַנראָג, וואו איך בין פריער געווען. זיי האָבן מיך געראַטן איך זאָל גלייך אוועקפאָרן, ווייל איך בין אין גרויס ריזיקע און דער דאָקטאָר קען אויך צוליב מיר ליידן, אָבער ס'איז מעג־לעך, אז איינער, גאָרדאָן, דער רעגירונגס טיפּאָגראַף, זאָל דורך זיין איינפלוס פועל'ן ביי'ן אַטאַמאַן א דערלויבעניש פאַר מיר צו בלייבן אויף א פּאָר טעג.

אין דער פרי קומט צו לויפן א איד און זאָגט, אז ער איז גע־שיקט געוואָרן ספּעציעל פון ראַבינער, אז איך זאָל גלייך קומען צו אים, צום ראַבינער, הייסט עס, ער וויל מיך זען. איך האָב

אין דעם עפּעס פאַרדעכטיקט און האָב ניט געוואָלט גיין צו אים. דער דאָקטאָר און זיין פרוי טענה׳ן מיט מיר איין: וואָס האָט איר־מורא? גייט! ס׳איז כדאַי צו וויסן, וואָס ער פאַרלאַנגט פון אייך. איך האָב זיי צוליב געטאָן און בין געגאַנגען.

איך קום צום ראַבינער און איך שטעל מיך פאַר פאַר אים, שטאַמלט ער עפּעס און ער הייסט מיר אריינגיין אין א וואַרט־זאַל. זאָג איך: „איר האָט נאָך מיר געשיקט״? זאָגט ער „ניין!״ לאָז איך מיך אוועקגיין, שטייט שוין ביי דער טיר א איד און הייסט מיר וואַרטן. א פּאָר שטיגן הינטן הער איך אז עס זיינען פאַראַן מענטשן און עס רעש׳ט זיך. באַלד קומט אַרויף א צעשויבערטער איד און רופט מיך אַרונטער. דער ראַבינער וויל מיך זען. א ברירה האָב איך, גיי איך. איך קום אריין אין א גרויסן זאַל וואו עס זיצן מלמדים מיט קינדער, מיט ווייבער, די קינדער׳ס מאַמעס, און אידן מיט יאַרמעלקעס, — דאָס איז מען געקומען פאַרהערן די קינדער פאַרן ראַבינער. ער איז געווען דער פאָרשטייער פון דער „דוכאָוונע פּראַווליעני״. אַלע האָבן מיך אָנגעקוקט ווי אַן אַרעס־טאַנט, א פאַרברעכער. איך ווענד זיך צום ראַבינער אויף א קול: „דאָקטאָר, איר ווילט מיך פאַרהערן?״ זאָגט ער מיר: „באַלד בין איך מיט אייך״. אין דער מינוט לויפט אריין א איד מיט א בלאַסער נאָז, בייז, צעשויבערט, און פייערט מיט א געשריי:

„ער איז דאָ, דער אפיקורס! דער מיסיאָנער, וואָס האָט פאַר־פאַסט די ביכלעך. מען באַדאַרף אים פאַריאָגן, מען וועט אים אָפּ־שיקן מיטן עטאַפּ! מען דאַרף אים די ביינער צעברעכן. ער איז נאָך געקומען אהער, איז ער! ווער האָט נאָך אים געשיקט? ווער?״ דער דאָקטאָר נעמט מיך בארויקן. דער איד רייסט זיך: „איך וועל אים אויסזעצן די ציין, וועל איך אים!״. איך דערפיל זיך אין גרויס געפאַר, פאַרליר מיין גערולד און איך גיב א געשריי מיט א שטאַרקן כעס, אָבער ער ענטפערט מיר, ווי איינער רעדט, אומשול־דיק: „ס׳איז ניט מיין שולד, אויפגערעגטע מענטשן, וואָס קען איך העלפן? איך בין דאָ אַ נייער מענטש!״ דער עולם גיט זיך אַ לאָז צו מיר. איך דערפיל די געפאַר נאָך שטאַרקער און אַזוי ווי איך האָב שוין לאַנג געהאַט אַן אויג אויף א הינטער־טיר, דורך וועלכער היימישע מענטשן זיינען אריינגעקומען, האָב איך מיט שטורם גע־

עפנט די טיר און בין ארויס פון הויז, געכאפּט גלייך א דראָזשקע און בין געקומען צוריק צום דאָקטאָר, וואו ס׳האָט מיך באגעגנט דעם דאָקטאָר׳ס פרוי, און זאָגט מיר: „כ׳בעט אייך זייער, פאָרט גלייך אוועק פון ראָסטאָוו, מען וועט אייך פאר׳מסור׳ן, און מיר וועלן ליידן״.

איך האָב אין אימפּעט געכאפּט מיינע צוויי רענצלעך, מיין גע־פּעק, זיך מיט זיי געזעגנט אויף גיך און בין ארויס אויף דער גאס, גענומען א דראָזשקע און בין אוועק צום וואָקזאַל. דאָרט האָב איך איבערגעלאָזט מיינע זאכן אויף א „קוויטל״ און זיך ווידער אומגע־קערט אין שטאָט אריין.

איך האָב זיך געלאָזט גיין אין גאָס, ניט וויסנדיק צו וועמען זיך צו ווענדן. דאָך איז ביי מיר געבליבן ניט צו אנטלויפן פון ראָס־טאָוו — אין קיין פאַל ניט, וואָס ס׳זאָל ניט געשען!

אזוי גייענדיק באגעגן איך א שיין געקליידטן מאן, זעט אויס אן אויסלענדער. איך ווענד זיך צו אים אין רוסיש, און פרעג: „וואו קען מען קריגן א האָטעל איבערצושטיין א פּאָר טעג — איך בין א פרעמדער״. „ס׳פעלן דאָ ניט אויס קיין האָטעלן״, זאָגט ער באַאיוו. דערציי׳ל איך אים, אז איך בין א איד און איך טאָר דאָ ניט וואוינען מער ווי א מעת־לעת. פארשטייט ער אלץ ניט די אור־זאַך פארוואָס איך טאָר דאָ ניט בלייבן, אָבער ער פרעגט מיר פריינטלעך: „דו האָסט א פּאספּאָרט?״ „יאָ״, זאָג איך. „אויב דו ווילסט״, זאָגט ער מיר, „קום מיט מיר אריין צו מיין איידעם. ער איז דער פּערסישער קאָנסול — ער איז א גענעראַל, פיליכט וועט ער פאר דיר עפּעס קענען טאָן״.

איך בין ווי אין א חלום. איך גיי אים נאָך. דער קאָנסול נעמט ביי מיר מיין פּאספּאָרט און זאָגט מיר, אז ער וועט זיך דורכ־ריידן מיטן אטאמאן פון ראָסטאָוו וועגן מיר. דער עלטערער מאן פירט מיר צו אין א האָטעל און רעדט דאָרט איבער מיטן האָטעל־אייגנטימער און זאָגט מיר, אז איך קען דאָרט איינשטיין ביז מען וועט מיר לאָזן וויסן. איך בין פריי צו גיין וואוהין איך וויל. איך דערפיל זיך פריי — גערעטעוועט!

איך גיי ארויס אויפן גאס. איך שטיי און טראכט געמיטלעך וואוהין צו גיין. איך וואָלט געגאנגען צום דאָקטאָר, האָב איך מורא, אז ער וועט זיך דערשרעקן. ער וועט עפּעס פארדעכטיקן.

איך גיי אָפּ א פּאָר גאסן, קומט מיר דער דאָקטאָר אנטקעגן און זאָגט צו מיר איבערראשט: „איר זענט ניט אוועקגעפאָרן? גוט! מיר וועלן זיי ווייזן, ווי אזוי צו סטראַשען א אידן — צי מיר וועלן אייך קריגן א דערלויבעניש דאָ צו פארבלייבן א פּאָר טעג דורך דעם טיפּאָגראַף גאָרדאָן". ער איז פארצווייפלט פון דעם אופן ווי אזוי מען האָט אייך באַהאַנדלט". איך בארואיק אים און דערצייל אים דעם צופאל מיט דעם פערסישן קאָנסול. „א נס", זאָגט ער, „קומט מיט מיר". מיר זיינען ביידע געגאנגען צו א פּאָר שטאָט בעלי־בתים אין ראָסטאָוו. ס׳האָט זיך גע׳רעש׳ט מיט מיר פון ביידע צדדים...

איך בין פארבליבן אויף א פּאָר טעג. דער עולם איז געוואָר געוואָרן, אז איך קען פריילעך מאכן, האָט מען געהוליעט. איך בין ארויס דער זיגער.

אָפּגעקראָגן מיין פּאַספּאָרט פון קאָנסול און איך בין אָפּגע־פאָרן פון ראָסטאָוו מיט א היפּש ביסל פריילעכע באגלייטער צום באַן. צווישן זיי זיינען געווען א סך לינעצקי־אָנהענגער, וואָס האָבן אים געדענקט פון דער צייט, וואָס ער איז ביי זיי געווען מיט זיין „אידישער היסטאָריע" פון גרעטץ, וואָס ער האָט דער ערשטער איבערזעצט אויף אידיש.

נאָך די אַלע איבערלעבונגען אין ראָסטאָוו, בין איך דאָך ווייטער געפאָרן קיין קיעוו, וואו אידן טאָרן אויך ניט וואוינען, און בין אהין אָנגעקומען אין דער צייט פון קאָנטראַקטן. איך בין פארפאָרן צום אדעסער רב׳ס זון, האלפערין, וועלכער האָט גע־האָט וואוינרעכט, ווייל דער אדעסער רב יאָסעלע האלפערן איז גע־ווען א „פּאָטשאָטני פּאָטאָמסטווענני גראַזשדאַנין". גראַד די נאכט פון מיין קומען איז אין דעם זעלבן הויז, וואו האלפערן האָט גע־וואוינט, געווען אן „אָבלאָווע", וואו מען האָט ארעסטירט מענטשן אָן וואוינרעכט, צווישן וועלכע ס׳זיינען אויך געווען א פּאָר פּאָ־ליטישע, איך בין אָבער אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. ביי האלפערן האָט מען ניט געזוכט. שפּעטער האָט האלפערנס א שוואָגער, א יוריסט, געמאכט פאר מיר ביי זיך אין הויז אן אָוונט און מע האָט געהוליעט אַ נאכט.

אין יענער צייט איז געווען אין קיעוו דער סאמע ברען פון ציוניזם. פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם איז געשטאַנען אין דער שפּיץ. איך האָב פון מיין ביכל „אונזערע ציוניסטן" מיט קיינעם ניט גע־רעדט, נאָר פאר דעם אַדוואָקאַט יונה כאַראַל, ביי וועמען איך האָב פארבראכט אן אָוונט, האָב איך פאָרגעלעזן מיין ביכל.

ביי דעם אַדוואָקאַט כאַראַל, וואו איך בין זייער באפריינדעט געוואָרן, האָב איך זיך באקענט מיט א רייכער פאמיליע, טאָלטשינ־סקי. די פרוי טאָלטשינסקי איז געווען א רייכע אלמנה, זי האָט געהאט א זאוואָד פון צוקער. צו זיי בין איך מיט דער פאמיליע כאַראַל געווען געלאַדן אויף אן אָוונט.

אויף דעם אָוונט האָב איך געדארפט פאָרלייענען מיין ביכל „אונזערע ציוניסטן", וואָס איז כאַראַל'ן זייער געפעלן, כאָטש די אנדערע מענטשן זיינען געווען נייטראַל, אָבער ווען איך האָב פאר זיי געלייענט דאָס ביכל, האָבן זיי זייער געלאַכט ביי פיל הומאָ־ריסטישע שטעלן און כאראקטעריסטיקן פון געוויסע פּערזאָנען. פּלוצים איז איבערגעריסן געוואָרן די שטימונג און איינגעשטילט געוואָרן דאָס געלעכטער, ווייל ס'איז ארייננעקומען דער בארימטער אויגן־דאָקטאָר, פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם! מען האָט מיך פאר אים פאָרגעשטעלט און ער האָט מיט פריינטלעכקייט מיך געבעטן איך זאָל אָנהויבן לייענען פון אָנהויב.

איך האָב פארשטאַנען, אז זיין קומען איז געווען אָפּגערעדט און עס האָט מיך פארדראָסן וואָס זיי האָבן עס מיר ניט געלאָזט וויסן אין פאָראויס, האָב איך דערפאַר באַין אופן ניט געוואָלט פאָרלייענען מער, אָבער דר. מאַנדעלשטאַם איז דאָך צוגעשטאַנען צו מיר אויף א פריינטלעכן אופן און האָט מיר געבעטן פאָרצוזעצן מיין פאָרלייענען. זיין צוויבערלעכער אויסזען, זיין אינטעליגענטע, פיינע באַציאונג, האָט מיך בארואיקט און איך האָב איינגעשטימט.

איך האָב אָבער געזוכט צו לייענען די מילדע שטעלן פון ביכל. ער האָט עס באמערקט און האָט פון מיר פארלאַנגט איך זאָל לייע־נען ווי עס גייט, ניט פאַרפעלן קיין בלעטעלע, איך האָב דאָס אָבער ניט געקענט טאָן, ווייל ער, מאקס נאָרדוי און אנדערע, זיינען דאָרט געווען דערמאָנט. סיי ווי האָב איך, ניט ווילנדיק, אָנגעטראָפן אויף שאַרפע, סאַטירישע שטעלן און הומאָריסטישע כאַראַקטעריס־טיקען, ווי פון דר. איוואַנאָוויצקי, וואָס האָט זיך טאַקע שפּעטער

ארויסגעוויזן אַלס פּאַררעטער, אפילו א פּראָוואָקאַטאָר. ביי פּילע שטעלן האָבן די אָנוועזנדע זייער געלאַכט.

מאַנדלשטאַם האָט דאַן צו מיר געזאָגט: „איר האָט א גרויסן כוח, איר שאַדט געוויס דעם ציוניזם. ווען איר וואָלט מיך פאָלגן, וואָלט איך אייך געראָטן דעם כוח אָנצוואָווענדן פאַרן ציוניזם, ניט קעגן. איר זענט נאָך צו יונג און ניט גענוג דערפאַרן ארויסצוטרעטן קעגן אזא באַוועגונג".

איך האָב אים צוריק געשלאָגן מיט פאַקטן וואָס זיינען אין יענער צייט געווען טרעפלעך. איך בין שוין דעמאָלט געווען באַהאַוונט אין דעם סאָציאַליזם, און געווען שטאַרק באַקאַנט אַלזייטיק אין ציוניזם. איך האָב גוט געקענט אייניקע פון די דאַמאָלסטדיקע אַדעסער „פירער" פון ציוניזם, און איך האָב געוואוסט וועגן די טעטיקייטן זייערע . . . מאַנדלשטאַם האָט צוגעגעבן, אז קריטיק איז נויטיק אין אַלע באַוועגונגען. „פּאַרוואָס־זשע", האָב איך געפרעגט, „פאַרפאָלגן זיי מיך?" „ווייל איר זענט צו שאַרף און אָנגרייפנד", האָט ער געענטפערט, „און דאָך זיינען זיי נאַראָנים" . . .

מאַנדלשטאַם האָט דאַן פאַרקערעוועט דעם שמועס אויף אַן אַנדער וועג, און זיך נאָכגעפרעגט אויף לינעצקין, וועמען ער האָט געקענט פון קיעוו, וואו לינעצקי האָט אמאָל געוואוינט מיט זיין פאַמיליע. ער האָט מיך אויך געלאַדן צו זיך אין הויז, וואוהין איך בין ניט געגאַנגען. איך בין געווען צופרידן וואָס איך האָב אזוי גוט אָפּגעשניטן מיט אים. ער איז מיר זייער געפעלן מיט זיין טאַקט, מיט זיין טאָלעראַנץ, און ס'איז דאָך ביי מיר געבליבן צו אים נישט צו גיין, צוליב דעם ווייל ער איז געקומען צו די טולטשינסקי'ס אויף מיין אָוונט ווי „אומגעמאָלדן", מען האָט מיר ניט געלאָזט וויסן פריער אז ער וועט קומען. ווידער האָב איך צו אים נישט געוואָלט גיין, כדי זיך דאָרט ניט צו טרעפן מיט היץ־קעפּ . . . איך האָב דאָס געוואוסט פון פּראַקטיק.

ווען איך האָב געשריבן לינעצקין וועגן מיין באַגעגעניש מיט מאַנדלשטאַמען, האָט ער מיר געענטפערט: „איך האָב דיר פריער פאַרגעשטעלט מאַנדלשטאַמס פּערזענלעכקייט, וואָס פאַר א וויכטיקער מענטש ער איז, דאָך ראָט איך דיך אויסצומיידן באַגעגענישן

מיט ציוניסטן, און בפרט מיט פאַרלייענען פאַר זיי דיין ביכל. ווער ניט פאַרכאַפּט פון זייערן אַ גוט וואָרט, ווייל — זיי מיינען עס ניט, און זאָל דיך ניט אַרן זייער טאַדלען. גיי בעסער צום מי־ליאָנער בראָדסקי, און גיב אים איבער פערזענלעך מנשה מרגולית־עס בריוו, דאָס איז וויכטיקער פון אַלץ. בלייב ניט לאַנג אין קיעוו, אין אַ פּלאַץ וואו דו ביזט ניט זיכער״.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך אויפגענומען געוואָרן פון לאַזאַר איזראַילאָוויטש בראָדסקי. ער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין איידעם, באַראָן גינזבורג, וועלכער איז געווען צייטווייליק אין קיעוו, און געקראָגן פון זיי אַ צוזאָג פאַר מרגולית׳ן, איבגיכן גוטע נייעס. איך האָב לינעצקין אַלץ געשריבן וואָס ס׳איז מרגולית׳ן געווען נויטיק צו וויסן. ביי בראָדסקי׳ן אין קאַנטאָר האָב איך זיך אויך באַקענט מיט דעם העברייאישן שריפטשטעלער אליעזר שול־מאַן, וואָס האָט געקענט לינעצקין פערזענלעך, און אים הארציק געגריסט דורך מיר.

צו יענער צייט האָט מ. וואַרשאַווסקי אָפּגעדרוקט זיינע פאָלקס־לידער און איז מיט שלום עליכמ׳ען געגאַנגען אויף קאָנצערטן, וואו ער, מארק וואַרשאַווסקי, האָט געזונגען און באַגלייט אויף דער פּיאַ־נאָ זיינע לידער. איך בין ביי זייערע קאָנצערטן ניט געווען, מורא האָבנדיק זיך איינצוררייסן מיט מענטשן, וואָס קענען מיך פון אדעס, בין אָבער געווען ביי וואַרשאַווסקי׳ן אין הויז און האָב זיך באַקענט מיט אים און זיין פאַמיליע. ער האָט פאַר מיר געזונגען זיינע לי־דער. וואַרשאַווסקי׳ס שוועסטער איז געווען די פרוי פון איינעם פון די רייכע טאַווראַווסקי׳ס, גורלאַנד׳ס שוואָגער, פון יעקאַטערינאָס־לאַוו, ביי וועמען איך האָב שפּעטער פאַרבראַכט אַ מאָנאַט אין געסט.

די צייט וואָס איך בין געווען אין קיעוו, איז אויך אויסגעפאַלן דער גוי׳אישער יום־טוב „קרעסטשעניע״, ווען מען גייט צום דניע־פּער זיך הייליקן . . . ס׳איז געווען דעמאָלט אַ ברענענדיקער פראָסט, די בערג ארום מיט אויסגעפאַלענעם שניי, צענער טויזנ־טער גוים, און פיל אָנגעפאַרענע גלחים, ארכירייען און דער מעט־ראָפּאָליט, אַלע הייליקע, מיט גרויסע צלמים און נאָך גרעסערע יעזוס־בילדער מיט געגילדטע ראַמען. די גלחים פאָראויס, דאָס פּובליקום נאָך זיי, האָבן זיך געצויגן צום קיעווער טייך דניעפּער.

אַ סך װאַיענע אָרקעסטערס האָבן געשפּילט און אומגעהויער גרויסע כאָרן האָבן געזונגען, מיט טויזנטער קאָזאַקן רייטנדיק אויף ברויזנדע פערד אין פּאַראַדס, ממש ערד טרעטעניש, און אינמיטן — איך, — אַ רעכטלאָזער איד, אַ פרעמדער, פון אַן אנדער ראַסע און רעליגיע, פון קינדהייט אָן אַן אַנגעשראָקענער, און פון פּראַקטיק — אַ באַהאַוונטער, אַז ביי אַזוינע רעליגיעזע עקסטאַזן איז בעסער פון ווייטן . . .

מיטאַמאָל האָבן אין דער מינוט אַלע קלויסטערס פון קיעוו גענומען קלינגען אויף זייערע גלעקער: גלין־גלאָן־גלין. צוזאַמען מיטן געזאַנג און גלעקער־געקלאַנג, דאָס באַגייסטערטע אויסגעשריי פון פּסוקים, וואָס די גלחים האָבן אויסגעפּרעפּלט, נאָכדעם האָט גענומען קנאַלן, דונערן, 101 שאָס פון האַרמאַטן; דערביי האָט מען פון פאַרפאַרענעם טייך אויסגעהאַקט אַ צלם און אַוועקגעשטעלט אויפן אייז.

איך האָב איינגעהאַלטן מיין אָטעם. איך בין ווי אַריין אין זיך, און ווען עס איז געוואָרן שטילער, האָב איך מורא געהאַט מען זאָל מיך ניט באַמערקן, איך האָב געפילט אַז מען וועט מיך ניט דאַרפן פרעגן צו וואָס פאַר אַ ראַסע איך באַלאַנג: מיין נאָז וועט גלייך מסור׳ן, און ווער ווייסט וואָס עס קען געשען?

ווידעראַמאָל האָט גענומען שפּילן מוזיק, און טויזנטער פּיס האָבן זיך אַ ריר געטאָן מיט גרויס גערויש, און אַלע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין איין ריכטונג, און כאָטש איך האָב געטראַכט פון אַרויסדרייען זיך פון דער געדיכטער מאַסע און אַנטלויפן פון דער דאָזיגער רעליגיעזער פּראָצעדורע, האָב איך דאָך ווי אַ געצוואונגענער נאָכגעפאָלגט. דאָס האָט מען זיך געצויגן צו וולאַדימיר דעם הייליקענס דענקמאָל. דאָרט אויף דער פּראָמינענטער גאַס קרעסטשאַטיק האָב איך זיך אַרויסגעדרייט און האָב ווי אַ באַפרייטער אָפּגעצויגן . . .

אין קיעוו האָב איך זיך אויך באַקענט מיט אַ יונג בחור׳ל, איינעם — פוקס, אַ בערדיטשעווער. ער האָט געאַרבעט פאַר דעם אַדוואָקאַט יונה כאַראַל. פוקס איז געווען אַן עקספּערט אין אייגמאָנען איבערגעצאָלטע באַן־טאַריפן פאַר פּראַכט וואָס איז געשיקט געוואָרן איבערן לאַנד. דאָס איז געווען אַ פאַך פאַר ספּעציאַליסטן, וואָס האָבן אָפּגעקראָגן צוריק די סומען געלט פון

דער באַן־אַדמיניסטראַציע. אַט דער פּוקס האָט געדאַרפט האָבן אַגענטן וואָס זאָלן פאַר אים אָפּקויפן די „באַקלאַדנעס", האָט ער מיר אויך אויסגעלערנט דעם פאַך ווי אַזוי צו דערקענען אויף וועלכע מען קאָן נאָך איינמאָנען עפּעס. איך האָב זיך אויסגעטויגט צו דעם און איך האָב ניט שלעכט פאַרדינט. דערצו פלעג איך נאָך געבן קאָנצערטן — מיט מיינע אימפּראָוויזאַציעס.

אין אַמאָליקן רוסלאַנד איז די פּראָווינץ געווען זייער גאַסט־פריינטלעך צו מענטשן מיט שוישפּילערישן טאַלאַנט. דאָס פאַר־ווערטע אידישע טעאַטער האָט איבערגעלאָזט פּלאַץ פאַר די רייזנדע טאַלאַנטן, פאַרלייענער, דעקלאַמאַטאָרס, און איך האָב זייער גוט פאַרבראַכט, אָבער מערערע מאָל האָבן זיך געפונען שטערער, אָנ־גרייפער, וועלכע האָבן מיר פאַרפאָלגט, באַזונדערס ווען איך האָב פאַרגעלייענט פון מיין ביכל „אונזערע ציוניסטן", האָט עס כמעט געהאַלטן ביי אַ געשלעג.

פון וועג האָב איך זיך איבערגעשריבן מיט לינעצקין. אין אַ בריוו שרייבט מיר לינעצקי: „איך האָב געליינט אין „המליץ" וואו איינער עפּעס אַ מינסקער, האָט זיך געווענדעט צום אַדעסער ראַבי־נער, יאָסעלע האַלפּערן, מיט אַ טענה: פאַרוואָס ער, ר' יאָסעלע האַלפּערן, דערלויבט צו אַדרעסירן דיינע בריוו אויף זיין אַדרעס? ער שרייבט דאָרט אין „המליץ", אַז האַלפּערן האָט אים געענטפערט, אַז פיל מענטשן אַדרעסירן אויף זיין אַדרעס, ביזטו אויך איינער פון זיי".

„כאָטש איך האָב אין דעם טאָג געפילט זייער שוואַך, דאָך בין איך צוגעגאַנגען צו האַלפּערן און אים געפרעגט, ווי קומט ער אַז ער זאָל דאָס טאָן? דיך שטעלן אין אַזאַ פאַרלעגנהייט. ער וואָלט גע־דאַרפט זאָגן דעם אמת, אַז דו ביזט יאָרן־לאַנג זיין הויז־פריינט, און דו האָסט אַדרעסירט דיינע בריוו מיט זיין צושטימונג. ער האָט זיך פאַר מיר שטאַרק פאַרענטפערט און געזאָגט: עס זיינען געקו־מען צו מיר אַ פּאָר יונגעלייט מיט אַ גוואַלד, פאַרוואָס דערלויב איך גראַנאָווסקין צו פּובליקירן אין דעם רוסישן „אָדעסקי נאָוואָס־טי" אַז זיינע בריוו זאָל מען אַדרעסירן אויף מיין נאָמען? איך האָב זיך ניט געקענט אָריענטירן אויף דער מינוט וואָס זיי אָפּצוענטפערן, און זיי האָבן מיך חוצפּה'דיק באַליידיקט, ווי זיי קענען, און געזאָגט,

אז איך גיי אין גראַנאַווסקיס וועגן און זיי וועלן מיך באשרייבן אין זייערע בלעטער. איר קענט דאָך די חברה אויף וואָס זיי זיינען פּויאיק. איך האָב אפילו ניט אָפּגעענטפערט, נאָר מיין ווייב, די רבי׳צין, האָט עס זייער פאַרדראָסן, און זי האָט זיי אַרויסגעטריבן. איר ווייסט דאָך, אז מיין רבי׳צין איז גראַנאַווסקיס חסידה״.

„איך האָב דערקלערט האַלפערן אז ס׳איז פאַר דיר אַן אומכבוד צו שטעלן זיך אין אַ לאַגע פון אומפּאַרטרויען, און אז עס איז אונטער זיין ווירדע ניט צו זאָגן דעם אמת. ער האָט צוגעגעבן אז איך בין גערעכט, און מיר צוגעזאָגט אז ער וועט עס פאַרריכטן דערמיט, וואָס ער וועט אָנשרייבן אַ בריוו מיט זיין זיגל, צו באַשטעטיקן אז ער קען גראַנאַווסקין יאָרנלאַנג פאַר אַן אָנפּאַרטרויעטן, ערלעכן מענטשן, און גראַנאַווסקי קאָן זיין נאָמען ריידן וואָס ער וויל, און ער האָט טאַקע גלייך אין מיין קעגנוואַרט, דעם בריוו אָנגעשריבן, אַרויפגעלייגט זיין זיגל און מיר אים געגעבן. איך שיק אים דיר איצט מיט זיין דערלויבעניש, אז דו קאָנסט דעם בריוו ביי יעדער געלעגנהייט אָפּדרוקן. דער בריוו איז פאַר דיר אַ וויכטיקער דאָקומענט. האַלפערן איז באַרימט איבערן לאַנד אַלס ערלאַכער מענטש, אַלס גרויסער למדן״.

„דו פאַרשטייסט, מיין קינד, וואָס פאַר אַ שטיקל אַרבעט איך האָב אָפּגעטאָן פאַר דיר? איצט מעגסטו זיין רואיק, ערגער זיך ניט ווען זיי באַליידיקן דיך אין זייערע פּאַרטייאישע ציימונגען. יעדער ווייסט אז קיין פּאַרטיי שאַנעוועט ניט אירע קעגנער, ובפרט דיך, וואָס דו האָסט ניט וואו זיי צו ענטפערן, און דאָס וואָס זיי קעמפן מיט דיר אזוי שטאַרק, איז אַ סימן, אז מען מוז זיך מיט דיר רעכענען״.

„ווי דו שרייבסט מיר, ווילסטו טאַקע פאַרט איבערדרוקן דיין ביכל „אונזערע ציוניסטן״ אין אַ צווייטער אויפלאַגע. איך וועל דיר ניט אָפּראָטן פון דעם, אָבער אויך ניט צוריידן. איך האָב דיר שוין אַ סך מאָל געראָטן אויפצוגעבן דעם קאַמף מיט די ציוניסטן. דאָס דאַרף געטאָן ווערן פון אַ גאַנצער פּאַרטיי. איינציקע קעגנער קענען זיך ניט אַריינוואַרפן אין קאַמף מיט זיי, מיט אייניקע אויסנאַמען, ווי מנשה מרגולית, גרשון בן גרשון, וואָס זיי ביידע האָבן אַרויסגעגעבן ביכער אין רוסיש קעגן ציוניזם — אויך דר. האָפּמאַן אין דייטש, אין העברייאיש — אַ פּאָר פון דעם אָרטאָדאָקסישן קלאַס, אָבער אין אידיש ביזטו דערוויל דער איינציקער . . . פאַרן

אמת האָסטו שוין דיינס אָפּגעטאָן״.

לינעצקי איז געווען עלטער און פּראַקטישער פון מיר. אים איז אויסגעקומען צו פירן א קאמף קעגן חסידיזם, וואָס ביי מיר האָט עס אויסגעזען אז ס׳איז ניט אזוי נייטיק געווען. סיי ווי האָט די בייע צייט פון השכלה און פּראָגרעס אָפּגעשוואכט דעם חסידיזם, בעת ביי מיר איז דער סאָציאַלער קאמף געווען א גאנצע טעאָריע, אן אידעאַל ארונטערצעוואַרפן דעם יאָך פון דער רוסישער רעגירונג, באפרייען דעם ארבעטער־קלאַס, פאָלק און פעלקער, האָב איך זיך דערפאר ניט שטארק צוגעהערט צו זיין פּראַקטישקייט, כאָטש ער האָט מיך שטענדיק געוואָרנט, אז איך וועל אויך אין דעם קאמף פארלירן מיין ליטעראַרישע קאַריערע, וואָס איז ערשט געווען ביים אָנהויב. קעגנער שטעלן זיך ניט אָפּ פאר קיין זאך. ווי די יעזואיטן זאָגן: „דער ציל הייליקט דעם מיטל״. דאָס זיינען אַלעמאָל געווען זיינע ווערטער, אָבער עס האָט זיך ניט געקלעפּט צו מיין יוגנטלעכן ברען. מיך האָבן די רדיפות ניט געשראָקן, נאָר גערעגט.

אַלס ענטפער אויף מיין בריוו פון ראָסטאָוו, וועגן דער גרויסער שרעק און אומאַנגענעמלעכקייטן, וואָס איך האָב דאָרט איבערגע־לעבט, האָט ער מיר געענטפערט און געשריבן צווישן אַנדערעס: „דיין איבערלעבונג איז ריטעריש, העלדיש, און כמעט לעגענדאַריש. כ׳האָב די בריוו איבערגעלייענט פאר מיינע געסט פון מיין הויז, און איך האָב דיר גלייך געענטפערט א גרויסן בריוו, און ווי איך זע פון דיין שרייבן, האָסטו אים נאָך ניט געקראָגן. איך בעט דיר, זיי אין פּאָטשט און פרעג זיך נאָך״.

פון קיעוו בין איך געפאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאָוו, צו גור־לאַנד׳ס משפּחה. איך בין פארפאָרן צו איינעם טאַווראַווסקי׳ן, ח״י גורלאַנד׳ס אַ שוואָגער, וועמענס פרוי איז געווען דעם דיכטער מארק וואַרשאַווסקי׳ס א שוועסטער. די פאַמיליע טאַוואראַווסקי זיינען געווען אסימילאַטאָרן.

ביי די טאַווראַווסקי׳ס, וועלכע האָבן מיך געקענט פון אדעס, וואו זיי זיינען געווען צו גאַסט ביי די גורלאַנד׳ס, האָט מען פאר מיר געמאכט וועטשערינקעס, און זיך ארויסגעשטעלט מיט זייער רייכקייט און אריסטאָקראַטישקייט, און נאָך מיין גאנץ פארברענ־גען, איז מיר דאָרט געווען ענג ווי א פויגל אין א שטייג.

פון יעקאַטערינאָסלאַוו האָב איך געשיקט מיין געפּעק קיין וואַרשע, און א האַנט־רענצל מיט אייניקע זאכן האָב איך מיט זיך מיטגענומען, און איך בין געפאָרן קיין קאָוונע, וואוהין איך בין, דורך בריוו, געווען געלאַדן צו קומען.

איך בין אָנגעקומען צו דעם קאָוונער וואָקזאַל שפּעט אין אָוונט. ביים וואָקזאַל האָבן מיך באגעגנט צוויי זשאַנדאַרן, מיך געאַרעמט אריינגעפירט אין א באַזונדער צימער, געפאָדערט צו ווייזן מיין פּאַספּאָרט און האָבן מיך דורכאויס באַזוכט, אויפגעעפנט מיין רענצל, ארויסגענומען אַלע ביכלעך, פּאַפּירן און בריוו. זיי האָבן גענומען מיין אדרעס, און מיר געזאָגט: „מען וועט אַלץ דורכקוקן און מיר אָפּשיקן צוריק". א פּאָר ביכלעך פון מיין ערשט ווערק, „דער ריכטיקער שפּיגל פון היינטיקער צייט" האָבן זיי דורכגעבלעטערט און האָבן זיי מיר געגעבן צוריק, ווייל זיי זיינען געווען צענזורירט.

יעקב הלוי ליפשיץ איז יאָרן לאַנג געווען סעקרעטאַר ביי דעם קאָוונער רב, רב יצחק אלחנן ביז דעם גאונ'ס טויט. ער האָט געהאַט א חוש פאַר קהל'שע ענינים, מיט א גרויסער פּראַקטיק פאַר פּאָליטיק, און א קעמפער, טעמפּעראַמענטפול. ער איז אין יענער צייט אויך געווען איינער פון די פירער פון דער „לשכה השחורה", זיך באַטייליקט אין אַלע רבנישע אסיפות און צוזאַמענפאָרן אין רוסלאַנד און אייראָפּע. מיט די ציוניסטן האָט ער אָנגעפירט אן אָרגאַניזירטן קאַמף, דורך אַרטיקלען אין דער אָרטאָדאָקסישער פּרעסע, ווי „הכרם", „הפלס" און „אור־לישרים". און אַזוי האָבן זיי מיך אויך דערגרייכט, מיינענדיק אַז איך בין פון זייער מין . . .

יעקב ליפשיצ'ס זון, נאָטע, וואָס איז געווען דער געוויסער נאָטע, די רעכטע האַנט פון פאָטער, זיין סעקרעטאַר, האָט מיך באגעגנט ביים וואָקזאַל.

נאָטע איז געווען א שיינער בחור, שטאַרק געבויט. מען האָט גלייך דערקענט אַז ער שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך, דאָך איז ער אומרואיק געוואָרן ווען ער האָט דערזען אַז איך בין פאַרדעכטיקט פון די זשאַנדאַרן, און זיי זוכן מיך אונטער.

ביי מיין ארויסקומען צוריק — פון די אונטערזוכער, — האָט ער מיך באגעגנט פריינטלעך, ארויסגעוויזן טאָלעראַנץ, מיך באַ־

רואיקט און אויף א פריינטלעכן אופן מיך געפּאָרשט, און מיך גע־פרעגט צי זיי האָבן ביי מיר ניט געפונען קיין טריפענע זאַכן? איך האָב אים פּאַרזיכערט, אז א חוץ ליטעראַרישע בריוו, צווישן זיי א פּעקל בריוו פון דינעזאָן, און א פּאָר ראָמאַנטישע בריוו פון מיידלעך, מיט ערשט אָנגעשריבענע לידער פּאַרנדיק אין שיף, און אנדערע כשר׳ע זאַכן, וועלן זיי ניט געפינען, האָט ער זיך בארו־איקט. איך האָב זיך אָבער געזאָרגט טאָמער וועט מען מאַכן אן אָביסק אין וואַרשע אויף מיין באַגאַזש, וועל איך פון דאָרט ארויס גאָר ניט כשר . . .

נאָכמע האָט מיך געבראַכט צו זיין באַרימטן פאָטער, דעם אויבן דערמאָנטן יעקב הלוי ליפּשיץ, וועלכן מען האָט — די קעגנער זיי־נע, נאַטירלעך, און ער האָט זיי געהאַט געגנוג — גערופן „יאַנקעלע" ליפּשיץ, וואָס האָט שוין אויף מיר געוואַרט מיט נייגיר. יענקעלע איז געווען פון מיטלמעסיקן וואוקס, א שטאַרק געבויט מענטשל, מיט טיפע, שאַרף־בליקנדיקע אויגן, פון וועלכע עס האָט געבליצט ענערגיע, קוראַזש און עקשנות. זיין קוק האָט מיך אָפּגעמאָסטן, ווי ער וואָלט מיר אונטערזוכט צי טויג איך פאַר א סאָלדאַט אין זיין אַרמיי. ער האָט טאַקע, עפּעס, ווי באַשטימט צו א וואָסער קעמפנדיקער אָפּטיילונג איך באַלאַנג, און ער האָט גלייך מיט מיר גענומען שמועסן אויף א היימישן שטייגער, כמעט אינטים, פון די אפיקורסים און ציוניסטן, וואָס ווילן ברענגען משיח׳ן, דערביי א טאַפּ געטאָן אין וואָגן צו הערן מיין מיינונג.

איך האָב אים גלייך געלאָזט וויסן אז מיין קעגנערשאַפט פון ציוניסטן איז ניט פון א רעליגיעזן גרונט. אויף דעם האָט ער מיר געזאָגט: „איך זע שוין, אָבער עס מאַכט ניט, איר זענט זייער נוצלעך. שוין לעזנדיק אייער ביכל, האָט זיך מיר געדאַכט, אז איר זענט אידיש געזאָנען. עס ווייזט אויס, אז די זשאַנדאַרן האָבן געהאַט מער ידיעה פון אייך ווי מיר . . . די פּאָליציי, ווייזט אויס, האָט אייך געשטודירט, דאָך זענט איר מיין גאַסט. איך בעט אייך בלויז, האַלט זיך ניט זייער פריי פאַר אונזערע מענטשן, מיט וועמען איך וועל אייך באַקענען. זיי דאַרפן אויך ניט וויסן, אז איר האָט געהאַט אן אביסק. אויף ווייטער זייט פּאָרזיכטיק, ווייל עס איז זייער א שטורמדיקע צייט, בפרט אז איר זענט ארומגערינגלט מיט שונאים".

זיין לעקציע איז געווען זייער פּראַקטיש, לויט זיין שטאַנד־פּונקט, אָבער אויף מיר האָט עס קיין איינדרוק ניט געמאַכט. די ווערטער האָב איך שוין געהערט פון אַנדערע, ווי אויך פון מיינע עלטערן און משפּחה. אָבער יענקעלעס פּערזענלעך איז מיר געוואָרן געפעלן, ווייל ער איז געווען דערפינדעריש און קלוג אויף זיין שטייגער.

איך האָב פאַרבראַכט אין קאָוונע אַ פּאָר וואָכן ביי יענקלען אין הויז. מען האָט מיר באַקענט מיט אידן למדנים, — אַזעלכע טיפן וואָס מען זעט איצט בלויז אויף אַרטיסטישע, מאַלערישע בילדער,ביים פּילפּולן זיך איבער אַ גמרא. פרומע אידן. זיי זיינען אַלע געווען קעגן ציוניזם, און האָבן עס געמיינט זייער ערלעך. אויך ער, יעקב ליפשיץ, ווי מען האָט אים גערופן „יענקעלע", האָט מיך געחידוש'ט, אַ איד אַ למדן, אַ חכם, אַ מחבר פון צענדליקער ספרים (פאַרצייכנט אין זלמן רייזענס לעקסיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור); נאָך זיין טויט אין יאָר 1926, האָט ער איבערגעלאָזט אין כתב־יד זיינע „זכרונות", וואָס נעמען אַרום אַ משך פון פופציק יאָר פון זיין טעטיקייט, און האָבן אַ גרויסן קולטור היסטאָרישן ווערט. דאָך איז ער געווען אַן אָרימאַן און איז אויסגעשטאַנען רדיפות, בילבולים, געלעבט ממש מיט מסירת נפש אינם קאַמף מיט די „אפיקורסים" און די ציוניסטן. זיין שאַרפע צונג, און זיין סיסטעם ווי אָנצופירן אַ קאַמף איז געווען ווי פון אַ רעגירונג אין מלחמה־צייט. שטענדיק אויף דער וואַך, אַ מענטש וואָס איז געווען שריפטלעך פאַרבונדן מיט אַ גאַנצער אידישער וועלט־טייל, קיינמאָל ניט גערוט. פאַרוואָס? צוליב וואָס? מיט אים איז אויך געווען זיינער אַן עלטערער ברודער, אַ למדן, וואָס האָט געשריבן די ספרים, וואָס יענקעלע האָט אים דיקטירט.

זיין זון, נאָטע, וועלכער איז דעמאָלט געווען נאָך גאָר אַ יונגער בחור, אַ פּייאיקער, געראָטן אין טאַטן, האָט געפירט די קאָרעספּאָנדענץ. ער קען יעדנס כאַראַקטער פון די ענטפערס פון די בריוו־שרייבער, ער ווייסט ווי זיך צוצופּאַסן צו יעדן, און צוליב וואָס אַ מענטש מיט אַזעלכע פייאיקייטן, מיט זיין אויסזען, וואָלט געקענט געווען קריגן אַ בכבוד'יקע שטעלע און יעקב ליפשיץ דאָסגלייכן, דאָך פירן זיי אַ ווינט־מיל קאַמף; פאַרוואָס? איך האָב עס מיר ניט געקענט דערקלערן.

נאָטע איז געוואָרן צו מיר זייער נאָענט, ווייל ער איז געווען אין מיינע יאָרן, פלעגן מיר שפּאַצירן ביז שפּעט אין דער נאַכט, ריידן, פילאָסאָפירן, אָבער זיין אויפגאַבע איז געווען מיך אַלץ צו דערנעענטערן צו זיי, צו זיין מיט זיי אין פאַרבינדונג. אַז ס׳וועט ווערט זיין, וועט מען שטיצן, ניט מיט קיין סך, חלילה, זיי זיינען אָרים, אָבער סע וועט מיר ניט שאַדן זייער פריינטשאַפט. ביים דערשיינען פון מיינע ביכלעך וועלן זיי צולייגן א האַנט דורך זייער גרויסע פאַרבינדונג מיט דער וועלט.

דאָס האָט נאָטע צו מיר אַלץ גערעדט ביינאַכט, שפּאַצירנדיק. ביי טאָג, כדי ניט צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, בין איך געזעסן אין הויז און האָב געשריבן, ווייל יעדער ניי אָנגעקומענער מענטש קיין קאָוונע, וואָס איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט יענקעלען און זיין פאַמיליע, איז געווען פאַרדעכטיקט פאַר עפּעס א פירער, א בויער, אָדער א צעשטערער. ניט איך און ניט יעקב ליפשיץ האָבן געוואָלט אַז אין שטאָט זאָל מען וויסן פון מיין באַזוך אין קאָוונע.

אין נאָטעס צוגעלאָזנקייט צו מיר האָב איך פאַרדעכטיקט אַז ער זוכט עפּעס פון מיר אַרויסקריגן, דורך זייטיקע וועגן געוואָלט ביי מיר געוואָר ווערן, צי בין איך אַליין אין מיין קאַמף, אָדער איך האָב א פּאַרטיי וועלכע שטיצט מיר. מיין באַגעגעניש מיט די זשאַנדאַרן האָט אים אָפּט באַאומרואיקט, און ער האָט מיר גוטמוטיק געוואָרנט.

ווען איך האָב אים דערציילט, אַז לינעצקי איז מיין סימפּאַטיי־זער, און אפילו מיין אינטימער פריינט, מיט וועלכן איך שרייב זיך איבער, האָט ער געפרעגט צי אין די בריוו שרייבט מיר עפּעס לי־נעצקי קעגן ציוניזם. און ווען איך האָב אים צוגעגעבן, אַז א פּאָר בריוו זיינען אויסגעשפּראָכן אַנטי־ציוניסטיש, האָט עס אים שוין ניט געלאָזט רוען. „דרוקט אָפּ די בריוו״, — האָט ער געשריען. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב ניט קיין מאָראַלע רעכט דאָס צו טאָן, אָן לינעצקיס צושטימונג. „די בריוו זיינען אייער אייגנטום. ווען לינעצקי זאָל ניט וועלן דאָס איר זאָלט זיי פאַרעפנטלעכן, וואָלט ער זיי אייך ניט געשיקט״. ער האָט עקשנות׳דיק געוואָלט אויף מיר אַרויפצווינגען זיין מיינונג, אָבער עס האָט אים ניט געהאָלפן. ווען איך האָב אים געזאָגט א תירוץ, אַז די בריוו זיינען אין מיין

געפּעק אין ווארשע, האָט ער מיר פאַרגעשלאָגן א פּלאַן, אז איך זאָל פאָרן אויף זייערע הוצאות קיין ווארשע און זיי שיקן די בריוו. איך האָב ניט געוואָלט וויסן פון קיין פּלענער און זיי האָבן די בריוו ניט געקראָגן.

איינמאָל האָב איך גערעדט מיט נאָטען צווישן פיר אויגן, און געוואָלט פון אים ער זאָל מיר זאָגן וואָס אים באַוועגט אָנצופירן אזא רעליגיעזן קאמף פאר אידישקייט, אוועקצוגעבן זיין יוגנט פאר א ווינט־מיל געדריי, ווען ער אליין, ווי עס זעט אויס, איז גאָר ניט אזוי פרום, און קיין עקזיסטענץ און קיין פּרנסה גיט עס אים אויך ניט, און זיין צוקונפט גייט אויך פאַרלאָרן פאר גאָרניט. מיט זיינע פייאיקייטן וואָלט ער געקאָנט דערגרייכן צו א שטופּע פון דער־פאָלג. פּלעגט פּלוצלונג דער פריילעכער, לעבעדיקער נאָטע ווערן טויט־ערנסט און מיר ווען דערוויזן, אז ער מיט זיין פאָטער, מיט זיין אָנקל זיינען די וויכטיקסטע מענטשן אין דעם אידנטום, ווען ניט זיי, חלילה, וואָלט דאָס אידנטום אונטערגעגאנגען . . . איך האָב פארשטאנען, אז עס איז אומזיסט מיין ריידן, און אפשר איז דאָס ביי זיי אן איינגעבאָרענע זאַך, עס ליגט אין זייער בלוט צו זיין קעמפער פאר דער אידישקייט.

יעקב ליפשיץ, אין א שמועס מיט מיר פאר מיין אָפּפאָרן פון קאָוונע, קיין ווארשע, האָט מיר געזאָגט: „עס פארדריסט מיך וואָס איך האָב מיט אייך ניט געטראָפן. דאָך, ווען איר זאָלט מיך פאָלגן, וואָלט איר זיך צוגעפּאסט און וואָלט געשריבן א פּאָר שטעלן וואָס עס זאָל מער פאסן צו דעם אידישן קלאס, וואָלט איך געזען מען זאָל אייך שטיצן, ניט בלויז איבערצודרוקן אייער ביכל „אונזערע ציוניסטן", איר וואָלט געקאָנט דרוקן א ריי בראָשורן, און דורך אונזער סיסטעם — ווי אזוי עס צו פארשפּרייטן — וואָלט איר נאָך פארדינט געלט, און אייערע ביכער וואָלטן געלייענט געוואָרן פון גאנצן אידישן פאָלק".

„איר זענט קעגן ציוניזם פון אן אנדער שטאַנדפּונקט ווי מיר, אָבער מיטלען קענט איר באַנוצן אונזערע. ווי אזוי טוען שרייבער אין א רעדאקציע? קיינער שרייבט ניט וואָס ער וויל, נאָר ווי די רעדאקציע דיקטירט. אויב איר ווילט עס ניט טאָן אלעמאָל, טוט עס דאָס מאָל, זייט ניט פאר'עקשנ'ט, אייער שרייבן איז צוגעפּאסט פאר פּאָלעמיק, צום פּראָסטן פאָלק קען מען ניט קומען מיט טעאָ־

ריעס. מיט ציפער קען מען אויף דעם ניט ווירקן. די ציוניסטן קומען צו זיי מיט סענטימענטן: ירושלים, דאָס הייליקע לאנד, די הייליקע וואנט פון בית המקדש, מיט פסוקים פון די נביאים, כאָטש זיי אליין גלויבן אפשר ניט... אייער סאַטירע איז די שטארקסטע „אונזערע ציוניסטן", מוז זיך א מענטש אונטערגאַרטלען צו קענען וואפן קעגן זיי. נאָכדעם ווי איינער לייענט איבער אייער ביכל נעמען ביי אים א „שקל" . . .

איך האָב אים, נאַטירלעך, אָפּגעזאָגט. געמיינט ער'ט זיין ברוגז, ער האָט אָבער מיך ניט אָפּגעשטויסן פון זיך, נאָר נאָך מער גערעדט שארפע, גאַליקע ווערטער קעגן די ציוניסטן. דערמיט האָט ער, קענטיק געוואָלט אויך מיך באווירקן, עס זאָל עפּעס בלייבן ביי מיר פון זיינע ווערטער . . .

פארן אוועקפאָרן פון קאָוונע האָבן זיי מיר מיטגעגעבן בריוו צו פּראָמינענטע מענטשן, זייערע פארערער, און א בריוו צו א רב אין ווארשע, מיטן נאָמען העלד, און מיך געראָטן, איך זאָל צו דעם רב פארפאָרן אויף סטאַנציע. ער איז, האָבן זיי געזאָגט, א קלוגער, געבילדעטער, וועלטלעכער מענטש, און אזוי ווי איך בין אין ווארשע אן עלנטער, א פרעמדער, א פרייער, און נאָך א אָדעסער דערצו, וועט דער רב מיר א סך דינען. דערביי האָבן זיי אויך צוגעגעבן, אז די רבי'צין איז זייער א געלערנטע, זי קען אפילו שפּראכן, און זייער בחור'ל, מענדעלע, איז גאָר אן אנטיקל, און אזוי ווי זיי האָבן מיטן רב העלד געשעפטלעכע פארבינדונגען, און אין וועמען זיי האָבן א גרויסן צוטרוי, וועט ער מיר זייער נוצן.

איך האָב לינעצקי גלייך געשריבן א בריוו און געשילדערט די פאמיליע, יענקעלע ליפשיץ, און אים אָנגעצייגט מיין אדרעס.

ווען איך בין געקומען קיין ווארשע, בין איך פארפאָרן צום רב, וואו איך בין אויפגענומען געוואָרן זייער גאסט־פריינטלעך. יענ־קעלעס רעקאָמענדאציע־בריוו האָט, ווייזט אויס, אויף זיי געהאט א גרויסע ווירקונג. זיי האָבן מיר אָפּגעגעבן א פיינעם צימער און איך האָב זיך גלייך געפילט היימיש ווי ביי זיך אין דער היים.

אויף מאָרגן האָב איך געשיקט אָפּנעמען מיין באגאזש און מיין הארץ האָט געפלאַטערט פון שרעק, טאָמער האָט מען מיין באַגאזש געעפנט, און פיליכט קאָנפיסקירט פון דער פּאָליציי. צו מיין אומ־

רואיקייט איז ניט געווען קיין גרענעץ. ווארטנדיק אויפן באגאזש האָבן זיך מינוטן ווי יאָרן לאנג געצויגן, אָבער ס׳איז אַלץ דורכ־געגאנגען בשלום. איך האָב זיך דערפילט פריילעך, זיך גלייך גע־נומען ווייצלען אויף מיין שטייגער.

די רבי׳צין האָט אויף א היימישן שטייגער גענומען ריידן צו מיר פריינטלעך, גאָר אָן אויפהער. זי האָט גערעדט פון זיך, פון איר מאן דעם רב, פון איר טאטן, דעם געוועזענעם רב, כמעט א רבי און א צדיק, און פון איר זונדעלע — מענדעלע, וואָס וואקסט א רב, — א כלי, און זי האָט מיר געוויזן אז זי איז ניט „אבי־ווער״. ניט נאָר קען זי העברייאיש, זי קען אפילו א בלאט גמרא. ווארשע־ווער רבנים מעגן זיך ביי איר לערנען, און דאָס איז נאָך ניט אַלץ, זי קען אפילו פראנצויזיש, און האָט גלייך מיר א זאָג געטאָן א פּאָר פראנצויזישע ווערטער, אויף וועלכע איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — איינשטימיק . . .

הרב העלד איז אויך ניט קיין שיפּע זיבעטל. א איד א פאר־שויך, שיין און שטארק געבויט, נאָך גאָר א יונגערמאן, מיט א שווארצער שייגער באָרד, פארקאמט ריין, שיין, כמעט פארפוצט. ער רופט זיך הרב העלד. ער האָט סמיכה אויף רבנות. דערווייל איז ער א גמרא מלמד. ער איז אויך א משולח פון ארץ־ישראל און א קאָלעקטאָר פון יענקעלע ליפשיץ.

יענקעלע מיט זיין דינאסטיע דרוקן ספרים און מען צעשיקט זיי צו די ווארשעווער רבנים, אויך גבירים, פארמעגלעכע און פרומע אידן, און אפילו אויך צו פרייע אידן. דער עיקר — פארמעגלעכע מענטשן. הרב העלד גייט מיט א בריוו פון יענקעלען איינמאָנען דאָס געלט פאר די צוגעשיקטע ביכער, און ער קריגט א היפשן פּראָ־צענט קאָמישאָן. און ניט בלויז יענקעלע האָט דעם סיסטעם פון פארשפרייטן אויף אזא שטייגער זיינע ספרים. א סך ליטווישע רבנים שיקן זייערע פארפאסטע חבורים מיט בריוו און ווען מען שיקט זיי ניט אָפּ קיין געלט פארן ספר, גייט דער רב העלד קאָלעקטן. דאָס איז דערווייל זיין פרנסה.

זייער זונדל, מענדעלע, א בחור׳ל פון א יאָר פופצן, איז א לאנגס, און אן אויסגעדאַרטס, מיט א מילך־ווייס פּנימ׳ל, מיט שוואר־צע ווי סאמעט אויגעלעך, וואָס ווילן יעדן דורכדרינגען, כדי אויס־צופאָרשן יענעמס רעליגיעזן צושטאַנד, און פרומקייט, א הויך

העלזעלע מיט א גערגעלע, וואָס אינעווייניק באוועגט זיך עפּעס ווי א קנעפּל, געקרייזלטע פּייקעלעך וואָס לאָזן זיך אויסציען ביז דער שפּיץ באָרד, מיט א לאַנג זיידן קאַפּאָטקעלע, ארומגעבונדן מיט א גאַרטעלע, מיט צוויי באַמבלענדיקע קאָטעסלעך, אויפן שפּיץ קאָפּ א זיידענע יאַרמעלקע, וואָס גייט כמעט קיינמאָל פון דאָרט ניט אראָפּ, און פרום איז עס — מורא׳דיק. ס׳האַלט זיך אין איין וואַשן די הענט און זאָגן ברכה. עס שעפּטשעט שטענדיק מיט די ליפּן, און די מאמע, די רבי׳צין, הייסט עס, ציטערט איבער אים ווי איבער אן אבן־טוב. פּאַרט א בן־יחיד׳ל, אן אויג אין קאָפּ! . . .

די רבי׳צין מיטן זונדל ארבעטן מעשים, דורך פּאָליטיק, אז ע׳ר הרב גאָלד, זאָל קריגן א רבנות אין ווארשע גופא, טאַקע אויף טווארדע גאַס, וואו ער איז זייער פּראָמינענט. רעדט די רבי׳צין אין קלייט, וואו זי קויפט איין, אוןביים קצב ערב שבת, וואו ס׳איז דאָ א סך קונאים, און שבת אין דער ווייבערשער שול, וואו זי איז א פּאָרזאָגערין, רעדט זי פון איר טאַטן דעם צדיק, פון איר מאַן דעם גאון, און פון איר זונדל, וואָס האָט שוין באַלד סמיכה. אויפן זונדל ליגט די גאַנצע האָפענונג. אזוי ווי ווארשעווער אידן האָבן זייער פיינט ליטוואקעס, דערציט מען מענדעלען אויפן ווארשעווער שטייגער, און ער פירט זיך ווי די איינגעבאָרענע ווארשעווער. אפילו זיין לשון פאַרווארשעוועט ער. דערביי איז דאָ א ווייטער קוק: מען וועט זיך משדך זיין מיט א ווארשעווער גביר, וועט דורך דעם איינפלוס הרב העלד אויך געהאָלפן ווערן, וועט ער ווערן אן אמת׳ער רב, קריגן א שטעלע.

ביים רב אין הויז איז מען, חוץ מענדעלען, ניט זייער פרום. דער עיקר — נאָר פאַר פרעמדע מענטשן. מיין פרייקייט דולדן זיי, און צוליב זיי בין איך אביסל שפּאָרעוודיק. איך וואַרף זיך ניט מיט מיין פרייקייט פאַר פרעמדע אין די אויגן, און זיי שעצן עס אָפּ.

אין ווארשע האָב איך געקראָגן פון לינעצקין א בריוו אויף וועלכן איך האָב געוואַרט, ווייל איך האָב פאַרדעכטיקט אז א בריוו איז פאַרלאָרן געגאַנגען. דאָרט שרייבט ער מיר: „עס וואָלט זייער גלייך געווען איך זאָל זיין א פּאָר וואָכן אין ווארשע, און נאָכדעם זאָל איך פאָרן צוריק קיין אָדעס. דערביי לאָזט ער מיר וויסן, אז זאַמאָשטשין מיט זיין פרוי פאָרן אָפּ קיין בערלין, צו וואוינען דאָרט מיט זייערע קינדער, און עס וואָלט געווען א יושר איך זאָל קומען

מיט זיי זיך געזעגענען. ווידער האָט ער פאַר מיר אינטערעסאַנטע נייעס, און אַמענדע פרעגט ער מיך: וויפיל צייט דאַרף נעמען צו דרוקן אַ בראָשורע? און ער גיט צו: צוויי, אָדער דריי וואָכן, ניט מער. צו וואָס־זשע זיין אין דער פרעמד? מען בענקט נאָך דיר זייער אין אַדעס, מען פרעגט זיך נאָך. קום צופאָרן. עס וועט דיר ניט באַנג טאָן!

ווען לינעצקי האָט פון מיינעם אַ בריוו צו אים זיך דערוואוסט אַז איך האָב געהאַט אין „אָביסק" אויפן וואָקזאַל אין קאָוונע, שרייבט ער מיר: „דיין אָביסק האָט מיך זייער שטאַרק באַאומרו־איקט. אַ דאַנק גאָט וואָס דו ביזט אָפּגעקומען מיט דעם פאַרלוסט פון דיינע עטלעכע בריוו, ווי דו שרייבסט. אָבער איך קען זיך ניט בארואיקן; איך טראַכט איבער, אפשר זיינען מיינע בריוו צו דיר אויך צווישן די פאַרלאָרענע? און אַז בלויז פון שלום וועגן טרייסט דו מיך און זאָגסט אַז דו האָסט זיי אין וואַרשע. איך וועל זיך קיינ־מאָל ניט בארואיקן, ביז איך וועל ניט זיין זיכער, אַז זיי זיינען דאָ ביי דיר. פאַרגעס ניט אַז די בריוו זיינען דאָקומענטן, מיט וועלכע מען וועט זיך באַנוצן נאָך מיין טויט. זיי וועלן אַמאָל שפּילן אַ ראָלע ביי דער וועלט, און איך וויל ניט אַז מיין פאַמיליען לעבן, אין וועלכן דו ביזט דער איינציקער אין וועמען איך האָב זיך אָנפאַר־טרויט, זאָל ארויסגעטראָגן ווערן אין דער עפנטלעכקייט. איך בעט דיר, מיין קינד, אויב דו האָסט מיינע בריוו, שיק זיי מיר אָפּ צו־ריק, און ווען דו וועסט וואוינען אויף דיין אָרט, וועל איך זיי דיר צוריקגעבן. איך בין זיכער, אַז דו וועסט ניט אויסטייטשן מיין פאַרלאַנג צום שלעכטן, און דו וועסט מיר פאַרשטיין. ווידער האָב איך זיך דאָרט פיל מאָל אויסגערעדט שריפטלעך קעגן דער רעגי־רונג, און עס לוינט זיך ניט אַז מיינע בריוו זאָלן זיך אומבלאָנקען, ווען דו ,מיט זיך אליין, ביזט נאָך ניט זיכער, צו וואָס שטעלן אַנ־דערע אין געפאַר?"

ווי נאָר איך האָב איבערגעלייענט לינעצקיס לעצטן בריוו, האָב איך גלייך צוזאַמענגענומען אַלע זיינע בריוו, זיי געהאַלטן אַ פּאָר טעג, איבערלעזנדיק פיל מאָל, פאַרטיפט זיך אין זיין וואונ־דערלעכן שרייבן, באוואונדערט זיין האַרציקייט און ליבע, וועלכע ער האָט מיר אויסגעטיילט, און ניט קוקנדיק וואָס ס'איז מיר זייער שווער געוועז זיך צו שיידן מיט דעם אוצר, האָב איך זיך דאָך

באַהערשט, און אין אַ פּאָר טעג אַרום זיי אים אָפּגעשיקט פאַר־סטראַכירט, זיי זאָלן ניט פאַרלאָרן גיין. בלויז איין בריוו, וואָס האָט גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט זיין פאַמיליען־לעבן, האָב איך איבער־געלאָזט.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך פון אים געקראָגן אַן ענטפער, וואו ער האָט מיר האַרציק געדאַנקט, און דערביי געשריבן, אַז דאָס אָפּשיקן אים זיינע בריוו האָט אים איבערצייגט, אַז איך האָב פאַרדינט זיין פריינטשאַפט און צוטרוי; ער האָט געוואוסט די צאָל בריוו וויפיל ער האָט מיר געשיקט, און ער האָט זיי אַלע צו־ריקגעקראָגן. ער דערלויבט מיר דעם לעצטן בריוו אָפּצודרוקן ווען עס וועט נויטיק זיין. איך זאָל אים אָפּט שרייבן, ניט קוקנדיק דערויף וואָס ער וועט מיר ניט באַלד ענטפערן, „עס איז פאַר מיר שווער צו שרייבן, און עס דינען מיר ניט גוט די אויגן די לעצטע צייט", האָט ער געשריבן.

לינעצקי'ס בריוו

אָדעס, 28־טער סעפּטעמבער, 1900

„ייטיב לך אלקים. הכתיבה והחתימה טובה.
הבֵן יקיר לי ראובן! אם ילד שעשועים גראַנאָווסקי.

דיין שווייגן ביז אַהער האָט מיר געמאַכט שרעקלעכע יסורים. איך האָב שוין איבערגעטראַכט, גאָט דער האַר ווייסט, וואָס מיט דיר איז דאָרט פאָרגעקומען, א.אַז.וו.

„שטענדיק זאָלסטו פאַר די אויגן האָבן די געציילטע זעקס ווער־טער: „אם אין אני לי, מי לי" (ווען איך אַליין בין ניט מיט זיך, ווער־זשע איז מיט מיר?). קודם כל מוז יעדער וויסן און פילן זיין „איך" און אַלע זייטיקע אומשטענדן, ווּפּעטשאַטלעניעס [איינדרוקן — ר.ג.] און אַוואַנטיורעס זאָל ער אימפּאָרטירן און עקספּאָרטירן נאָכן מאַסשטאַב, נאָך דער מאָס פון זיין „איך". אָט נעם מיך, כאָטש מיין לעבן פאַר אַ ביישפּיל מבית ומחוץ, איך זאָל געוועזן פאַרלירן מיין „איך", אויף וואָס וואָלט איך שוין איצט פּאַכאָזשע [ענלעך — ר.ג.] געווען? — אויף אַ ליטווישן גאַרנישט, אויף אַ גאַליציאַנער שנאָרער,

אַ פוילישן פאַקטאָר . . . צי אויף אַן אדעסער מעקלער בדור הזה.

אַ, ניין, מיין קינד! — אַן מיטלען, אַן אַ לונג, אַן געזונט, אַן לייב און לעבן, אַן גוטע פריינט בין איך געבליבן, זאָגאָר אַן „אָפּגע־לעבטער", א „עליו השלום" הייס איך שוין ביי דער וועלט, איך האָב אָבער מיין „איך" ניט פארלאָרן, איז גאָר ניט פארלאָרן . . .

אז די ווּיסטע רעאַקציאָן האָט מיר שוין גאָר איבערגעשלאָגן מיין וועג, האָט זי דען געקאָנט מיין מוזע פארטושן? . . . בלאָטע! איך האָב נאָר דעם עמוד פאַרלאָרן, אָבער דער זעלבער באַהאַרצטער בעל־תפילה . . . וואָס פריער . . . מען האָט מיר נאָר דעם דאָקטאָ־רישען דיפלאָם אַוועקגענומען, אָבער דער אַלטער פראַקטישער מומחה בין איך אַלץ געבליבן. איך דרוק נאָר ניט מיינע רעצעפּטן, אָבער שרייבן, שרייב איך זיי כסדר, אומאויפהערלעך עד היום . . .

„דו מיין קינד ווייסט, אז איך זאָג קיין ליגן ניט, האָסט אַלע מיינע שריפטן געזען, און פילעס געלעזן: נאָ, בין איך ניט קיין וויזיטן דאָק־טאָר, אָבער אַן אַקאַדעמיקער געוויס . . . איך זע מיינע פאָלקס־חולאים אַרום און אַרום מיט אַלע סימפּטאָמען און סטאַדיען, און באַ־שטים פון יעדער קרענק איר דיאַגנאָז . . . איך זע גוט מיין ערבי־דעריקט ציגיינעריש פאָלק, מיט זיינע יעצטיקע משיחים, פּאַטריאָטן, מגידים, און פאָלקס־לערער, און יעדעס סצענקעלע, יעדעס קאַרטינ־קעלע ווערט באַלד ארייגעטראָגן מיט בלוטיקע ווערטער אין מיין ספר הזכרונות, וועלכן איך לייען מיר פאַר זיך, און פאר אייניקע יחידי־סגולה, און בלוטע אויס מיין הארץ אין זיי . . . וואָס האָט נעבעך געזאָלט טאָן דער ערלעכער נח אין זיין פאַרדאַרבענעם דור, וואָס האָט זיך אויסגעלאכט פון אַלעס הייליקעס, מאַראַלישעס, שיי־נעס און ערנסטעס, מער ווי נאָר פארשליסן זיך אין זיין תיבה, „זיין אינערלעך וואָרט". אָט דאָס זעלבע טו איך שוין העכער פופצן יאָר, און עס אַרט מיר כלל ניט וואָס דאָס פאָלק האלט מיך שוין פאר איין „אָפּגעדאַוונט פערד", פאר איין „אָפּגעשפּילטן פידל", ווייל איך באַווייז מיך ניט אין דרוק . . .

„איך קאָן פאָרט ניט לאָזן הערן מיין פידעלע אונטער אזא גרילצערייי פון פויקן און טאַצן, חוץ וואָס די שפּילער צום „עגל טאַנץ" וועלן דאך אויסלאַכן מיין פארצווייפלטן קרעכץ, און וועלן מיר פארלוימדן ביים פאָר׳שיכור׳טן פאָלק פאר א „איזמעניק" [פאַר־רעטער—ר.ג.], און א „כופר באלהי הזהב" און זינגען זיי דעם משיח־

מאַרש, דאָן ווען מען דאַרף גאָר קלינגען נאַגוואַלד—קאָן איך פּאָרט ניט! איך קאָן ניט צושרייבן דעם חולה מאַלינע־סאָק, ווען ער ברויכט גאָר כינע מיט „מישיאַק". נו, וואָס זאָל איך מיר שטופּן אָן אָבל צווישן ליטעראַר חתנים? . . . וואָס זאָל, נעבעך, טאָן דער סאָ־לאָוויי, אַז דעם אייזל געפעלט בעסער דעם האָנ׳ס קוקורעקו פון זיינע טרעלן? לאָזט ער די הענער קרייען אינמיטן שטאָט. די חזירים כריוקען אינמיטן מאַרק, די סאָראָקעס קראַקען אויפן שול־דאַך, און אליין פאַרקלייבט ער זיך, נעבעך, אין פינצטערן טיפן וואַלד, און זינגט זיך דאָרט פאַר זיך . . .

יאָ, מיין קינד, אימענאָ [דערהויפּט—ר.ג.] נאָר אויף דער איצ־טיקער צייט, אויף דעם איצטיקן כאַאָס אין דער פאָלקס־באַוועגונג מיט אירע שנעל־געבאַקענע פאַטריאָטן אָן אידישקייט, מגידים אָן תרבות, לערער אָן א תורה, משיח׳ן אָן אַ גאָט, און שרייבער אָן סאָ־ווּעסט [געוויסן—ר.ג.], — גייט ערשט דער פסוק: „והמשכיל בעת ההיא—ידום", ביי אזא נאַריש באַרבאַריש־ליטעראַריש געזינדל ווי יעצט, איז איין מיטל נאָר — שווייגן! נאָ, שווייג איך; ווי קען איך פאַר אַזאַ דור סורר ומורה דרוקן מיינע ראַדיקאַלע רעצעפּטן דאָן, ווען זיינע נביאי־השקר רעדן אים גאָר איין, אַז ער איז דער איינצי־קער — אתה בחתנו׳ניק און שרייבן אים צו „ראָזשענקעלעך מיט מאַנדלען" אפילו אָן א ברכה . . .

אוי, לאותה בושה, ולאותה כלימה! ארץ־ישראל אידן — אָן אידן! . . . ווי דעם חולה ווען ער וועט זיך אויסניכטערן פון דער שיכרות . . . אָ, דעמאָלט וועט ער פּלוצים בלייבן אין דער לאַגע, וואָס אידן ביים ים־סוף: רעכטס—א מדבר, לינקס—חיות רעות, פון פאָרנט א ים, פון הינטן—דער שונא . . . און קיין משה איז ניטאָ ארויסצופירן זיי פון אָט דעם וויסטן, פוסטן געפערלעכן לאַבירינט. אָ, דעמאָלט, אז ווי אונז אלטע צאַפּעס צוצוקוקן, ווי די ציגן וועלן זיך ווארפן „סטראָם האַלאָוואָי" [ראַשיק—ר.ג.] אין פרעמדן האָבער אריין. און מיר וועלן גאָר ניט קענען העלפן דערצו.

מיר, אלטע משכילים, קולטור־קעמפער, האָבן געהאַט פאַר זיך דעם זאָוועטני (אַלטן—ר.ג.) אידישן אידעאַל, נאָר פאַר דער רעאַק־ציאָן, און דעריבער האָט אונז דער ערשטער פּלוצלונגדיקער שטיין אין פענצטער אריין, כלל ניט אנטוואָפנט . . . דו וואַרפסט מיר דעם גט. — איך נעם אים אָן, און גיי מיר צוריק צו מיין אלטן

מאַן — מיין אַלטן אידעאַל, מיין „פינטעלע איד". דאָס אסימילאַ־ציאָנס געזינדל אָבער, כמעט דאָס גאנצע אידישע ערב־רב איז ביים ערשטן קלאַפּ געבליבן אָן א שום אידעאַל. זיינען געקומען נביאי־השקר, און האָבן פאר זיי געשאפן א נאָכגעמאכטן, געקינצלטן אידע־אַל אַ־לאַ־מאָד . . . מיטן נאָמען — „נאַציאָנאַליטעט". — היינט אז דאָס וועט פאַלן, פארשטיי ווי גרויס די „ראַזאָטשאַרוואַניע [אַנ־טיושונג—ר.ג.] וועט זיין „וו פאַגאַניע זאַ נאָוואָם—אידעאַלאָם" [אין געלאַף צו א נייעם אידעאַל —ר.ג].

דאָס זעען מיר, געציילטע אַלטע משכילים פאַראויס, דאָס זע איך, אידישער קרבן אויך, און מוז שווייגן — אולי ירחם! . . .

זיי מיר, מיין טייער קינד, געזונט און שטאַרק און מונטער, און שרייב מיר אָפט פון אַלעס ווי עס ווינשט דיר דיין דיך הייס־ליבנדער פאָטער,

י. י. לינעצקי".

אין ווארשע האָב איך זיך באקענט מיט דינעזאָנען, מיט וועמען איך האָב זיך דורכגעשריבן א פּאָר יאָר אומבאקאַנטערהייט. ער האָט מיך זייער פיין אויפגענומען, מיר האָבן געשמועסט, גערעדט פון לינעצקין, פון וועמען ער האָט זייער געהאַלטן, און שטארק זיך אינטערעסירט מיט יעדער קלייניקייט פון לינעצקיס לעבן. דינעזאָן האָט מיך אויך באקענט מיט י. ל. פרץ, צו וועמען איך פלעג אָפט שבת אריינקומען, און זיך דאָרטן טרעפן מיט שרייבער. מערערע שרייבער האָבן זיך ביי מיר נאָכגעפרעגט וועגן לינעצקין, א סך האָבן זיך דערמאָנט אין זיינע סאַטירישע זאכן, און א טייל האָט זיך גע־דאכט, אז ער לעבט שוין ניט מער, און זיי האָבן מיט גרויס אינטע־רעס נאָכגעפרעגט איינצלהייטן וועגן אים. איך האָב אים וועגן דעם געשריבן. לינעצקי האָט געוואוסט וואָס מען דענקט וועגן אים. לי־נעצקי האָט געוואוסט, אז ווער עס ווייזט זיך ניט אין דרוק מוז פאר־געסן ווערן, ווי א מלבוש וואָס מען טראָגט ניט מער. ווי א נביא האָט ער געפילט וואָס עס טוט זיך ארום אים, ווי ער פלעגט זאָגן: „דער נאָמען לינעצקי וואָלט ניט פארגעסן געוואָרן, ווען ער וואָלט קענען איינגיין אויף קאָמפּראָמיסן, זיך צופּאסן, אָבער ער איז ניט פון דעם טייג געקנאָטן, און די אומשטענדן האָבן אויך דערצו גע־פירט, סיי ווי, ווען מען דערמאָנט מיין נאָמען, שווימט ארויף אויף

דעם זכרון מיין פאַרגאַנגענהייט, מיין אמאָליקער קאַמף, — פּולווער שיסט זיך אויס!״

אויף מיין רייזע איבערן לאַנד ,האָב איך זיך אויך געטראָפן מיט אַ סך פּראָגרעסיווע אידן און משכּילים. איך האָב נאָר געדאַרפט דערמאָנען דעם נאָמען לינעצקי, איז שוין געווען אַ טעמע איבער וואָס צו ריידן. מען האָט פון אים גערעדט ווי פון עפּעס אַ וואונדער. זעלטן ווען איינער וואָס האָט געקענט לייענען אידיש, זאָל ניט וויסן פון לינעצקיס „פּוילישע אינגל״. און מערערע האָבן אויך געלעזן זיי־נע וויציקע קאַלענדאַרן, און אפילו זיינע לידער פון זיין „בייזן מאַר־שעליק״, ווי „דער מאַי״, און אַנדערע לידער, געדענקען, אפילו, נאָך ניט קיין גאָר עלטערע מענטשן. זיין איינפלוס וואָס ער האָט געהאַט אויף מענטשן, איז אומבאַשרייבלעך. איך האָב דאָס אים אַלץ גע־שריבען.

מיין צווייטן וויזיט האָב איך געמאַכט אין וואַרשע ביי דעם בוכהענדלער לידסקי, מיט וועמען איך האָב זיך דורכגעשריבן נאָך פריער, ווען איך בין געווען אין אָדעס, וואוהין ער פלעגט מיר צו־שיקן ביכער, ניט לעגאַלע, אין רוסלאַנד. דאָרט ביי לידסקי׳ן אין בוך־געשעפט האָב איך זיך באַקענט מיט אברהם רייזען, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען באַרימט. ווען לידסקי האָט דערציילט רייזענען אַז איך האָב שוין צוויי געדרוקטע ביכלעך, האָט ער זיך געוואונדערט, נאָך מער איז ער געווען אַנטציקט, ווען איך האָב אים געלייענט לינעצקיס בריוו צו מיר. ער האָט ממש געגאַפט, זאָגנדיק: „אַזאַ יונגער מאַן און שוין לינעצקיס אַ חבר״. דערביי האָט ער מיך איינ־געלאַדן אין אַ קאַפע. „קומט״, זאָגט ער, „אין קאַפע וועלן מיר פאַרברענגען״. מיר האָבן דאָרט געטרונקען קאַפע און צוגעביסן.

אַ גליקלעכער בין איך די נאַכט אַ היים געקומען. איך האָב ניט געקאָנט איינשלאָפן. ס׳איז מיר ניט אַרויס פון געדאַנק מיין בייע באַקאַנטשאַפט מיט אברהם רייזענען. ס׳איז מיר געפעלן זיין איינ־פאַכקייט, ניט אַרויסשטעלן, ווי אַנדערע, דעם שרייבער, ווי אַ שילד פאָראויס. ביים וועלן פאַרגלייכן רייזענען מיט אַנדערע שרייבער, איז מיר געקומען אויפן זינען מאַקסים גאָרקי, פון וועמען איך בין געווען אַן אָנהענגער. רייזען, ווי ער, איז אַ פאָלקס־מענטש, מיט אַ פילנדער נשמה, די איינפאַכקייט אַליין, האָב איך געטראַכט.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך זיך מיט רייזינען באגעגנט אויף די נאַלעווקעס. „דאַכט זיך, גראַנאַווסקי?" האָט ער זיך צו מיר געווענדט, „קומט מיט מיר אין קאַפע", האָט ער מיך איינגעלאַדן, „כ'וועל אייך דאָרט באַקענען מיט שרייבער", פון וואָס איך האָב זיך דערפילט דערהויבן. פּלוצים האָט ער מיך א פרעג געטאָן: „איר דאַרפט אפשר עפּעס געלט?" איך האָב אויף אים געקוקט פאַרדעכטיקט, ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט דערמיט. ער האָט צו מיר גערעדט אין אזא טאָן, ווי ער וואָלט מיר געקומט א חוב . . . ווען ער האָט באַמערקט מיין פאַרוואונדערונג, האָט ער געזאָגט: „איך וויל אייך באָרגן געלט. טאָמער נויטיקט איר זיך. איך האָב ערשט געקראָגן צען רובל האָנאָראַר פון דער צייטונג „דער יוד". די צען רובל האָט ער געהאַלטן פאַרקנייטשטע צווישן די פינגער אין דער פאַרמאַכטער האַנט.

אין דער קאַפע האָבן מיר געטראָפן שלום אש, נאָמבערג, ליפּ־מאַן לעווין, און אנדערע שרייבער, מיט קלוגע אויסדרוקספולע פּנים'ער. רייזען האָט מיך פאַר זיי אַלע פאָרגעשטעלט, מיט גוטע ווערטער, און האָט דערביי כמעט יעדן מכבד געווען, אנדערע געבאָרגט געלט און חובות געצאָלט. די קעלנערינס טרינק־געלט געגעבן. ער האָט אַלעמען אויפגעלעבט און איך האָב זיך געפילט גליקלעך. ביים אוועקגיין האָט מיר רייזען געגעבן זיין אדרעס און געבעטן קומען צו אים אין הויז ווען איך וויל.

איך פלעג אָפט קומען צו רייזענען. ווען איך האָב אים אין הויז ניט געטראָפן, בין איך געזעסן אין זיין צימערל מיט די פּאַפּיר־לעך פון זיינע שריפטן, וועלכע האָבן זיך ארומגעוואַלגערט ארום טישל, ווי אָפּגעפאַלענע בלעטלעך פון א בוים . . .

איך האָב א פּאָר טעג געטראָפן אויף רייזענס טישל ליגן א פּאַר'יתומ'טן בריוו פון משה טייטש, וועלכער איז שוין איצט, צום באַדויערן, אויפן עולם האמת. מיט דעם בריוו האָט ער זיך גע־ווענדט צו רייזענען ער זאָל אים זאָגן מבינות אויף זיינער א ליד, זיין ערשטע שאַפונג. „מען רעדלט די מצה", אזוי האָט דאָס ליד געהייסן. רייזען האָט זיך פאַרענטפערט פאַרוואָס ער ענטפערט ניט אָפּ טייטש'ן. „יאָ, מען דאַרף אים ענטפערן!" האָט ער געזאָגט באַשליסנדיק, און ווי עס ווייזט אויס האָט ער אים טאַקע געענטפערט, ווייל איך האָב שוין אויפן טיש דעם בריוו ניט געפונען.

שפּעטער מיט א צייט האָב איך ערגעץ וואו געלעזן אין א זשורנאַל „מען רעדלט די מצה“ פון משה טייטש.

איך האָב רייזענען א פּאָר מאָל געטראָפן שבת בייטאָג ביי פּרצ׳ן אין הויז, וואו ער, פּרץ, איז געווען דער רבי. איך האָב אָבער ליבערשט זיך באַגעגנט מיט רייזענען אין זיין צימער, אָדער אין דער שרייבערישער קאַפע, וואו רייזען האָט זיך געפילט היימיש, און געפירט די גרענדע.

איך פלעג צומאָל זיצן ביי רייזענען אין צימער שעה׳ן לאַנג און שרייבן, ווארטנדיק אויף אים. אמאָל זאָגט מיר רייזען: „גראַ־נאָווסקי, איר האָט באַמערקט א מיידל אָט־דאָ קעגנאיבער, אין בו־פעט, וואָס פאַרקויפט סעלצער־וואסער; א יאָ א שיין מיידל?“ „זייער א שיינע“, גיב איך צו. „אָבער זי איז זייער א מאָדנע“, זאָגט רייזען, „זי וויל ניט טאָן קיין שמייכל. פאַר א בעלנות, קומט מיט מיר אהין עפּעס טרינקען און צובייסן. איר זענט דאָך א וויצ־לער, מאכט זי לאַכנדיק“. מיר האָבן געטרונקען וואסער, אויך צו־געביסן. איך האָב געזאָגט א פּאָר וויצן פון וואָס זי האָט גע־שמייכלט. זאָגט מיר רייזען, כמעט ערנסט: „איר זענט א מזל־דיקער, מענטשן האָבן ליב פריילעכקייט“..

די צייט פון מיין זיין אין ווארשע האָב איך זיך מיט קיינעם אינטים ניט גע׳חבר׳ט, חוץ מיט דינעזאָן, אברהם רייזען און אויך מיט לידסקי׳ן דעם בוכהענדלער. זיי האָבן מיך מאָראליש באמת געשטיצט. אברהם רייזען האָט מיין באזוך אין ווארשע אויך פאַר־אייביקט אין זיינע „עפּיזאָדן פון מיין לעבן“. די ליטעראַרישע דער־אינערונגען, צווייטער באַנד. ער שרייבט דאָרט צווישן אַנדערעס:

. . . „מיר איז דער גאַנצער ענין שטארק געפעלן. ר. גראַנאָווסקי, א טעמפּעראַמענטפולער, א קעמפער, א גלויביקער אין דער גערעכ־טיקייט פון זיין קאַמף. נאָך מער, קעמפן קעגן ציוניסטן איז ביי מיר דעמאָלט געווען פאַררעכנט פאַר א מצוה. דער ציוניזם וואָלט מיר אפשר ניט אזוי דערווידער געווען, ווי געוויסע ציוניסטן, מיט זייער רעאַקציאָנערער טאַקטיק. מילא, אידן ווילן א לאַנד — און נאָך דערצו ארץ־ישראל — מהכא תיתא, גוט. הגם איך אליין האָב געגלויבט אז וואו די סאָציאַלע פראַגע וועט ניט געלייזט ווערן, קען

אויך קיין אייגן לאַנד, אפילו מען זאָל עס באַקומען, ניט העלפן . . . אָבער, וואָס איז שולדיק אידיש? אויב אַן אייגן לאַנד, פאַרוואָס דווקא נאָר העברייאיש?"

„און פאַרוואָס איז דער ציוניזם אַזוי פיינטלעך צום סאָציאַליזם? און פאַרוואָס איז דער ציוניזם אַזוי לעגאַל, אַז מען דערלויבט זיי אַפילו אַ קאָנגרעס אין מינסק, די באַרימטע מינסקער אסיפה?" . . .

„און פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי פּאַני־בראַט מיט די אַלע רעאַק־ציאָנערע מיניסטאָרן און פּאָליטיקער אין אַלע לענדער?" . . .

„און פאַרוואָס האָבן זיי אַזוי מורא פאַר אַ ביסעלע קריטיק, און פאַרפאָלגן אַזוי זייערע קעגנער?"

„און נאָך, און נאָך טענות האָב איך צו זיי געהאַט, זיינען מיר, איך און לידסקי, און שפּעטער דינעזאָן, בסתר, ווייל עפנטלעך זיין אַן אַנטי־ציוניסט, האָט ער, דער שטילער דינעזאָן, ניט געוואַגט: געקומען גראַנאַווסקי'ן צו הילף מיט וואָס מען האָט נאָר געקענט"...

„באַטירלעך, האָב איך פריער אויסגעפאָרשט ווער ער איז, און צי איז ער ניט אַ קעגנער פון זעלבן מין וואָס געהערן צום פרומען לאַגער, וואָס פאַר זיי איז ציוניזם טריף געווען פון גאָר אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. ערשט וואו: פאַרקערט, ער גראַנאַווסקי אַליין, איז אַ סאָציאַליסט, אַן אַרבעטער־פריינט, ער האָט בריוו פון י. י. לינעצקי, ביי וועמען ער איז אין אָדעס געווען אַ בן־בית, און האָט צו דער־ציילן פון דעם אַלטן סאַטיריקער פיל און פיל. דערצו האָט ער מיר באַוויזן, אַז מענדעלע מוכר ספרים אַליין, איז אים, גראַנאַווסקין, אמת, ניט עפנטלעך, געקומען צו הילף".

„זיכער פון אַלע זייטן מיט אים, האָב איך אים אַפילו געהאָלפן מיט עטלעכע אויסדרוקן אין זיין פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפ־לאַגע „אונזערע ציוניסטן". זיין (גראַנאַווסקי'ס) „פאָרוואָרט" האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:

„שוין פינף יאָר זייט די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך פאַר־שפּרייט צווישן אונזערע אידן, שוין פינף יאָר זייט די אָנפירער זאָגן־צו דעם געדריקטן אידן גאָלדענע בערג, שוין פינף יאָר זייט די אידישע מאָדערנע גבאים און גבאי'טעס ריידן איין דעם אָרימען אידן צו פאָרן אויף קבר אבות קיין ארץ ישראל; שוין פינף יאָר זייט אונזערע שאָוועניסטן האָבן אָנגעהויבן פריי און אָפן צו ריידן שלעכטס אויף די הייליקסטע אידעאַלן, פאַר וועלכע ערלעכע, דער־האַבענע מענטשן, האָבן אימער מיט לייב און זעל געקעמפט" . . .

„ווייטער דערמאָנט ער באַרימטע נעמען, ווי מנשה מרגולית, וועלכער איז פריער געווען א חובב־ציון), דעם באוואוסטן פובליציסט, גרשון בן־גרשון, און אנדערע באַרימטע פערזענלעכקייטן, אלס קעגנער פון דער טאַקטיק פון די ציוניסטן" . . .

און נאָך ווייטער:

„געוויינלעך, ווי אַלע אמת־זאָגער, זיינען מיר אויך אויסגעלאַכט געוואָרן אין דער אידישער שאָוועניסטישער פרעסע, וועלכע האָבן זיך משונה געווערטלט אויף אונזער רעכענונג, דען זייער גאַנצער כוח באשטייט אויף איבערקערן ווערטער, פארדרייען דעם אמת".

און דאָס פאָרוואָרט ענדיקט זיך אזוי:

„דערצו דער געדאנק, אז יעדעס ביכל איז ווי א ליכטל אין א שטאָק־פינסטערער נאכט, ווען עס בלאָזן „בייזע ווינטן", און רוחות און לצים טרייבן זייער שפיל, — דאָס אַלץ צוזאמען וועקט אונז צו דרוקן די צווייטע אויפלאגע, און הערן דעם משפט פון דעם אומפארטייאישן פובליקום, און נישט בלויז פון די יעניקע, וואָס צוליב זייערע פערזענלעכע אינטערעסן לאכן זיי אויס יעדער אמת וואָרט".

„רירנד איז אָבער געווען א בריוו וואָס ר. גראַנאָווסקי האָט באקומען פון י. י. לינעצקי, און איז פארעפנטלעכט אין זיין צווייטער סאטירישער פּאָעמע „דער ציוניסטישער גלאָק". לינעצקיס בריוו האָט אויף מיר דעמאָלט געמאכט א שטארקן איינדרוק . . . עס האָט זיך געפילט גרויס ווייטיק אין זיי, און איך האָב גראַנאָווסקי'ן, זיין יונגן תלמיד, געשעצט ווי ווייט מיין מעגלעכקייט איז געווען".

„אויך יעקב לידסקי, — דערציילט רייזען אין זיינע עפּיזאָדן, — האָט, ניט צוליב געשעפט, נאָר אויס מיטגעפיל צום יונגן קעמפער, זיך געפלייסט די דאָזיקע צוויי אנטי־ציוניסטישע בראָשורן פארשפרייטן וואָס מער, און א דאנק זיינע גרויסע פארבינדונגען מיט בוכהענדלער אין אַלע גרעסערע שטעט, איז דאָס אים געלונגען"..

ווי איך האָב שוין געשריבן, האָב איך די צייט פון מיין זיין אין וואַרשע, אויסגעמיטן נאָענטע באקאנטשאפט, כדי ניט געשטערט צו ווערן אין מיין ארבעט, חוץ דעם האָבן אין יענער צייט מאַנכע וואַרשעווער אידן ניט געהאט קיין צוטרויען צו אן אונזעריקן. אַלע

צוגעקומענע קיין וואַרשע, האָבן ביי זיי געהייסן „ליטוואַקעס", און צומאָל האָבן זיי בייזווילליק, אויף א גאָר ניט עטישן אופן, גערופן א פרעמדן, „ליטוואַק" און מיט א צונאָמען... יעדער האָט געהייסן „ליטוואַק" . . . ער האָט געמעגט זיין א אוקראַינער, אַן אָדעסער, איז ער געווען ניט געגנוג פרום פאַר זיי . . .

ציטונגס־שרייבער האָב איך אויסגעמיטן, כדי ניט אריינצופאַלן אין דער וואַרשעווער פרעסע, וואָס האָט געמוזט זיין ציוניסטיש אפשר צוליב צירקולאַציע, אָדער גלאַט אזוי ניט וועלן איינרייסן זיך מיט דער לעגאַלער מאַיאָריטעט.

דורך א צופאַל האָב איך זיך באַקענט מיט א פּאָר בונדיסטן און בונדיסטקעס, ניט אָנגעבנדיק זיי אז איך בין אין דער שרייבערישער פּראָפעסיע. דאָרטן האָב איך זיך דערפילט היימיש, כמעט א קאָפּיע פון אדעסער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָוונטן. אויף די אָוונטן האָט מען געזונגען אומלעגאַלע לידער, און לידער פון אברהם רייזען, וועלכע זיינען גראָד געווען צענזורירטע, כשר'ע. ווען איך האָב זיי געזאָגט אז א טייל פון די געזונגענע לידער זיינען אָפּגעדרוקט אין רייזענס ביכל, וואָס איז ניט לאַנג צוריק דערשינען, זיינען זיי געוואָרן פארגאַפּט, און דער איינדרוק פון די לידער איז אביסל אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זאכן וואָס מען מעג לייענען, פאַרכאַפּן ניט אזוי שטאַרק ווי פאַרווערטע . . . ווען איך האָב דערציילט רייזענען, אז מען זינגט זיינע לידער אויף רעוואָלוציאָנערע פאַרזאמלונגען, האָט ער זיך געוואונדערט: „טאַקע?" ער האָט זיך עס גאָר ניט פאָרגעשטעלט.

ווי אינטערעסאַנט די פאַרווערטע אָוונטן זיינען געווען פאַר מיר ערגעץ וואו אויסער דער שטאָט, פאַרבאַהאַלטן אויף א פערטן שטאָק, אונטער פאַרשלאָסענע טירן. אינעווייניק — א בופעטל, וואו מען האָט סערווירט טיי מיט היימישע געבעקס צו פאַרבייסן, מיט רעוואָלוציאָנערע געזאַנגען פון באַגייסטערטע יוגנט. דאָך האָב איך זיך באַהערשט, און בין מער אהין צו אָפט ניט געקומען, אויס מורא ס'זאָל ניט זיין קיין פּלוצימדיקער איבערפאַל.

מיין אויפגאַבע איז געווען דורכצופירן מיינע פּלענער, וועלכע איך האָב גערעכנט פאַר זייער וויכטיק, און ווען איך האָב אָפּגעגעבן דעם דאַמאָלסטדיקן צענזאָר מיין געדרוקט ביכל „אונזערע ציוניסטן", ער זאָל מיר דערלויבן דרוקן א צווייטע אויפלאַגע, האָט מיר שטאַרק

געהאָלפן רייזענס צושריפט צו אים, מיט א צולייג — א פּאָר גאָלד־שטיק . . . און כ'האָב שוין דערביי מיט אים געהאנדלט וועגן מיין צווייטן ביכל „דער ציוניסטישער גלאָק", וואָס איך האָב פאַר־פערטיקט צום דרוק בסוד סודות . . .

אָבער דערווייל האָב איך געמוזט זאָרגן פאַר פּרנסה, פון וואָס צו עקזיסטירן . . . נאָך דעם ווי איך האָב זיך געווענדט צו מיין געוועזענעם פּרינציפּאַל, אינזשעניר גורלאנד, נאָך אן עצה וואָס צו טאָן, האָב איך געקראָגן פון אים א פּאָר רובל, און א רעקאָמענדאַציע בריוו צו א פּאָר פּראָמינענטע מענטשן אין ווארשע, וועלכע זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דעם בארימטן „מאַגיסטער" ח. גור־לאנד, דעם איצטיקן גורלאנד'ס פאָטער. דער בריוו האָט מיך גע־פירט צום ווארשעווער ראבינער, דר. צילקאָוו פון טאָלמאַצקי שול. דאָרט האָב איך זיך אויך באקענט מיט דעם ווארשעווער חזן גריי־צהענדלער, וועמעס טאָכטער איז א בארימטע אָפּערע זינגערין געוועזן.

איך בין אויפגענומען געוואָרן פון דר. צילקאָוו'ן גאסטפריינט־לעך. א שטערונג איז נאָר געווען מיין אידיש ריידן, וואָס האָט אונז אביסל פארפרעמדט. זיין פּויליש האָב איך ניט געקענט. רו־סיש איז ביי זיי געווען טריף. אידיש — וואָס מען האָט דעמאָלט גערופן — זשארגאָן, — איז זיי ניט געווען פּאסיק. האָב איך גע־מוזט ברעכן מיין צונג אויף דייטש, וואָס איך און זאמאָשטשין פלעגן אָפט ריידן אין אָדעס מיטן אינזשעניר גורלאנד, ווייל אונ־זער קאנטאָר פאר בייע דערפינדונגען איז געווען די פארטרעטער־שאפט פון בערלין און דרעזדן. דאָך, ווען איך בין מיט זיי היימישער געוואָרן, און איך האָב א פּאָר מאָל פארגעלעזן א טייל פון מיינע שריפטן, האָב איך זיי דערמיט געאידישט, און זיי האָבן געדולדעט מיין אידיש ריידן. דר. צילקאָוו, א גרויסער געלערנטער אליין, א שרייבער און איבערזעצער פון תנ"ך אין פּויליש, האָט זיך צו מיר גוט צוגעהערט און מיר געזאָגט, אז ער וועט מיר לאָזן וויסן דורך א בריוו ווען אים ווידער צו באזוכן. עס האָט מיר שטארק דער־מוטיקט. איך האָב געפילט אז איך האָב אויף אים געמאכט א גוטן איינדרוק.

ביים חזן גריצהענדלער, וועלכער האָט געוואוינט אין הויז פון דער טאָלמאַצקי שול, אנטקעגן דר. צילקאָוו'ן, בין איך געוואָרן אן

אַפּטער באַזוכער, זיך געטראָפן מיט חזנים, זינגער. ווען זיי זיי־נען געוואָר געוואָרן אַז איך קען פריילעך מאַכן מיט מיינע אימיטאַ־ציעס. גריצהענדלער האָט זיך געוואונדערט וואָס איך בין ביי ציל־קאָוו׳ן אַ באַזוכער און ער זעט מיך אָפּט מיט אים, אָבער כ׳האָב עס געמוזט האַלטן פון אים בסוד . . .

ענדלעך האָט מיר דאָך געגליקט אַ צופאַל: הרב העלד, ביי וועמען איך האָב געוואוינט, ווייל ער האָט געדענקט דורך מיר עפּעס צו געניסן, האָט זיך דאָך געשראָקן, ווען ס׳האָבן אים מענטשן, פון דער אַרטאָדאָקסיע, געפרעגט: ווי קומט עס ער זאָל האַלטן ביי זיך אין הויז אַ גליח, אַ פרייען, דייטשמעריש געקליידט, וואָס איז פאַר־דעכטיקט אַלס אַ ליטוואַק, און סיי ווי, אויב אַן אדעסער איז אוואַ־דע ניט כשר . . . און אפשר נאָך אַן אדעסער ליטוואַק, און אַ ליט־וואַק, אפילו אַ רב, איז מען מיט אים אויך ניט זיכער, וואָרום, ווער ווייסט ניט אַז אַ ליטוואַק איז אַ „צלם־קאָפּ?" ער האָט זיך גע־מוזט אויף דעם פאַרטראַכטן. ער האָט זיך מיט מיר דורכגעשמועסט, און כדי זיך איינגאַנצן צו כשר׳ן, האָט ער פאַר מיר אַן עצה: ער וועט מיך באַקאַנען מיט אַ מענטשן, ביי וועמען ער קאַלעקטירט פאַר יאַנקל ליפשיצ׳ס ספרים, אַ יונגערמאַן וויינגאַרט, אַ גערעאַ־טענער, אַ למדן, און אַ וועלט־מענטש, פרום, — נאָר ניט פאַר־פרומט, ניט פאַנאַטיש. זייער אַ קלוגער, און איז שטאַרק קעגן ציוניזם, כאָטש ער איז דעם באַרימטן נחום סאָקאָלאָוו׳ס אַ ערשטן קאָזין, און איז מיט סאָקאָלאָוו׳ן זייער באַפריינדעט. אָט דער יונ־גערמאַן איז אַ מעכאַניקער, אַ דערפינדער פון אַ סך זאַכן, מאַשינקעס אַזעלכע. איצט אַרבעט מען ביי אים אין אַ פאַבריקל אַ שפּאָגל נייע דערפינדונג: „אײל־ברענערס". עס איז דערביי פאַראַן אַ גרויס פאַר־דינסט.

איך האָב דעם יונגען מאַן דערציילט, אַז איך האָב יאָרנלאַנג געאַרבעט אַלס אַגענט ביי אינזשעניר גורלאַנד אין אַ טעכנישער ביוראָ פון נייע דערפינדונגען, האָט ער מיר גלייך געפירט צו זיך אין פאַבריקל, און מיר געגעבן אַ מוסטער פון זיין פאַבריקאַציע, וואָס איז מיר זייער געפעלן, און איך בין געוואָרן זיין פאַרטרעטער פאַר אָדעס און כערסאָנער גובערניע. איך האָב זיך שריפטלעך פאַרבונדן מיט גורלאַנד׳ן, און ס׳איז גלייך פאַר מיר געווען אַ גע־שעפט, ביי וואָס איך האָב פיין פאַרדינט. שפּעטער אָבער האָבן זיך

געוויזן אויפן וועלט־מארק פּראַקטישערע זאַכן פון דעם מין, און דאָס איז פאַר מיר אונטערגעגאַנגען.

דער פאַבריקאַנט־דערפינדער האָט מיך, אין יענער צייט וואָס איך בין מיט אים געווען פאַרבונדן געשעפטלעך, באַקענט מיט דער אָרטאָדאָקסיע, וועלכע איז געווען פרימער פון פּויבסט, און אַזוי ווי איך האָב גע׳חלומ׳ט פון מנשה מרגולית׳עס אידישער צייטונג, וואָס מיר האָבן געפּלאַנט, איז מיר געווען נו׳טיק צו וויסן וואָס עס טוט זיך אין דעם חלק „אידיש וועלטל״. דער יונגערמאַן האָט מיך גע׳כשר׳ט פאַר זיי, און זיי האָבן צו מיר געקראָגן צוטרויען. זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז מיין קאַמף איז ניט זייערער, אָבער זיי האָבן זיך געוואָרעמט אַרום מיין פייער. דער דערפינדער איז פאַר זיי געשטאַנען אויף דער וואַך.

שפּעטער האָט מען מיך אויך באַקענט מיט די גדולים רבנים, מיט ר׳ חיימ׳קע בריסקער, וועלכער האָט מיך געשיקט אין שליחות צום באַרימטן לאָדזשער רב, הרב עליע חיים מייזל. שפּעטער האָט מיר באַזוכט דער פּאָלטאַווער רב, דער רעדאַקטאָר פון „הפּלס״, וואָס איז געווען קעגן ציוניזם און געווען ביי די ערשטע ציוניס־טישע קאָנגרעסן דער פאַרשטייער פון אָרטאָדאָקסישן ציוניזם.

ס׳האָט אַלץ געהאַט צו טאָן מיט ציוניזם. זיי האָבן מיך גע־זוכט מיט עפּעס אויסנוצן פאַר זיי. איך האָב אָבער מיט קיינעם ניט איינגעשטימט, ווייל מיר זיינען געגאַנגען אויף שייד־וועגן.

איך האָב וועגן דעם געשריבן לינעצקין, אָבער זיינע ענט־פערס זיינען געוואָרן אַלץ זעלטענער און קירצער, און ווי ער האָט מיר געשריבן, ווערן אים זיינע אויגן טונקעלער און ער טאָר זיי צופיל ניט נוצן, ס׳איז ניט פאַר זיינע כוחות. איך האָב פאַרשטאַ־נען, אַז ער וויל מיך האָבן לעבן זיך.

מיין ביכל „דער ציוניסטישער גלאַק״, און ענטפער די ציו־ניסטן, מיינע פאַרפאָלגער, האָט זיך געדרוקט אין וואַרשע ביי איי־נעם אַ געוויסן דרוקער, א איד — אַ דרייקאָפּ. אויפן קאָפּ — א קליין היטעלע, געפּוצטע שטיוול מיט גלאַנצנדיקע כאָליאַווער־קעס. עפּעס איז אין אים געווען הפקרות און בעל־הבית׳ישקייט אינאיינעם. איך האָב פאַרדעכטיקט, אַז ווען מען זאָל אים ביין

מאכן, איז ער גרייט אייך צו נהרג'ן. פאר אים האָט ניט געדינט קיין אגרימענט ביים צעשרייבן זיך. ער איז אליין געווען געזעץ. קיין אנדער דרוקעריי פאר מיין ביכל האָב איך ניט געהאַט. עס האָבן זיך שוין געפונען אזעלכע וואָס האָבן באַוואָרנט איך זאָל ניט האָבן וואו צו דרוקן. אָט דער דרוקער האָט מיך ממש געפייניקט. וויסנדיק, אז איך בין ארומגערינגלט מיט שונאים, קומט ער איינמאָל צו מיר צולויפן מיט א האלב פארפרומטן פנים, און מיט שטרענגקייט זאָגט ער מיר: „איך טאָר אייער ביכל ניט דרוקן. ביי מיר ווערן געדרוקט ספרים פון ערלעכע אידן, לומדים, רבנים ציוניסטן, און ווען זיי האָבן באמערקט, אז עס דרוקט זיך ביי מיר אייער ביכל אנטקעגן ציוניזם, פרעגט שוין גאָרניט וואָס ס'טוט זיך דאָרטן!" . . .

מיט גרויס מי און אָנשטרענגונג, מיט „זכות אבות", און מיט א היפשער הוספה, האָב איך קוים גע'פועל'ט ביי אים פאָר־צוזעצן דאָס דרוקן, און ביז אין דער לעצטער מינוט האָב איך געמוזט שטיין אויף דער וואַך, עס זאָל עפּעס ניט געשען, און כמעט דורך נסים האָב איך ארויסגעקראָגן דאָס ווערק געדרוקט.

מיט מיין צווייטער אויפלאגע פון „אונזערע ציוניסטן", געדרוקט אין פּעטריקאָוו, איז אלץ געגאנגען בשלומות דורך א פאראנט־וואָרטלעכן מענטשן. לידסקי האָט ביידע ביכלעך צעשיקט און צעטיילט אין אלע אידישע בוכהאנדלונגען איבער שטעט און שטעט־לעך. עס איז געווען א גרויסער פארקויף. די געלט־פראגע האָט דאָ קיין ראָלע ניט געשפּילט. א רענדל אראָפּ — א רענדל ארויף, אָבי איך בין זיכער געווען אז מען וועט עס ניט פארניכטן ווי מיין ערשט ביכל „אונזערע ציוניסטן".

איך האָב געשריבן לינעצקין בריוו, אָבער ענטפער האָב איך זעלטן געקראָגן: אונטער זיין שטילשווייגן איז געלעגן א שטילער רוגז אויף מיר, פאָר מיין ניט קומען צוריק קיין אדעס, ווי ער האָט פון מיר פאָרלאַנגט. ער האָט אינסטינקטיוו געפילט אן ענדערונג אין מיר צו אים, און אין אמת'ן האָט עס געהאַט צו טאָן מיט מיין יוגנט, מיט מיין באַגייסטערטער נאַטור, מיין ווערן באַאיינפלוסט פון די נייע איינדרוקן, פון די באַגעגענישן אויף דער רייזע איבער שטעט און שטעטלעך. מיינע באַגעגענישן אין וואַרשע מיט באַרימטע שריי־

בער: פּרץ, דינעזאָן, רייזען, און אויך מיט רעוואָלוציאָנערן, בונדיסטען, קעמפער, וואָס האָט מיר געוועקט צו ווייטערדיקער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. און א חוץ דעם — זיין שטילשווייגן . . . איז ווי מען זאָגט: „פון די אויגן — איז פונם האַרץ״.

נאָר ראָמאַנטיקער זאָגן: „אַלטע ליבע זשאַווערט ניט״. האָט זיך טאַקע אין מיר אָפּט דערוועקט אַ בענקעניש נאָך דעם אַלטן סאַטירי־קער לינעצקי, און איך האָב מיר אומשולדיקערהייט דערפילט שולדיק קעגן אים. ס׳איז ביי מיר געבליבן צו פאָרן צוריק אהיים, קיין אדעס, זיך צו זען מיט אים, אים אָפּגעבן א גרוס פון דער אידישער וועלט, פון זיינע אַלטע פאַרערער, וועלכע געדענקען אים נאָך, זאָל ער זיך פילן געטרייסט. און אזוי איז עס געווען.

מיין באַגעגעניש מיט אים איז געווען דראַמאַטיש. ער האָט זיך מיט מיר צעקושט ווי ביים אוועקפאָרן, לאַנג געדריקט מיין האַנט אין זיינער, און האָט אויף מיר צערטלעך געקוקט, און נאָכדעם מיט פרייד געזאָגט: „אַוועקגעפאָרן אין דער פרעמד אַן עלנטער, א גערודפ׳טער, און אָן געלט, געהאַט שטערונגען און קריג, און געקומען צוריק אַ זיגרייכער, צוויי ווערק מיט איינמאָל אָפּגעדרוקט, און דו קוקסט אויס שיין, דרייסט און מונטער. איך האָב געוואָלט זיין אויף דיר ברוגז, איך האָב אפילו געטראכט דיר שטארק אויסריידן, האָסט אַנטקעגן מיר געזינדיקט, דו ביזט אין וועג אַביסל קאַליע געוואָרן, האָסט שוין מן הסתם אָפּגעשפּאָרט עפּעס א מיידל אויך, אויב ניט ווארום האָסטו לעצטנס אזוי זעלטן צו מיר געשריבן, און ווען דו האָסט יאָ געשריבן, פאַרוואָס אזוי קורץ? — אָבער איך בין דיר מוחל, אבי איך זע דיר שוין, האָסט אָפּגעטאָן אַ פיינע ארבעט. יונגע כחות קאָנען דאָך עפּעס אויפטאָן!״

איך האָב אים דערציילט פון מיינע באַגעגענישן אין וועג, און ער האָט זייער אויפמערקזאַם און גערן מיך אויסגעהערט. איך האָב אים אויך דערציילט אַז דער נאָמען לינעצקי איז אומפאַרגעסלעך. ווען און וואו איך האָב נאָר דערמאָנט זיין נאָמען פאַר זיינע אַמאָליקע לייענער, וועלכע זיינען זיינע פארערער, האָבן אלע דערמאָנט זיין „פוילישע איינגל״, די וויציקע קאַלענדאַרן, דעם „וואָרים אין כריין״, ער איז ווי א דענקמאָל וואָס דינט פאַר דער אייביקייט ביי די מענטשען פון זיין דור, און ביי דעם אינגערן דור איז ער ווי א לעגענדע;

ער איז ווי אַ זייגער וואָס איז ניט קאַליע געוואָרן, נאָר צווישן גייעג־דיקע זייגערס איז ער געבליבן ניט אָנגעצויגן.

ער האָט צוגערופן זיין פרוי: „קום אהער, זאָגט ער צו איר, הער נאָר וואָס גראַנאַווסקי דערציילט פון מיין דערפאָלג. ביי מיר איז דאָס קיין נייעס ניט, דערפאר איז די שנאה צו מיר אזוי גרויס פון דער „כנופיא".

אָט אזוי האָב איך די ערשטע... טעג נאָך מיין קומען צוריק קיין אדעס געזעטיקט לינעצקין מיט זיין אמאָליקן דערפאָלג, און ער האָט געפילט פרישער, מונטערער. ער האָט געבליצט מיט שאַרפע ווערטער, ווי זיין שטייגער.

מיין זיין איןווארשע איז געווען נאָך פרצ׳עס יובילײ, האָב איך לינעצקין געבראכט פרצ׳עס שריפטן. ער האָט זיי געליייענט, און געהאט גאָר אַ הויכע מיינונג וועגן זיי און זיי שטאַרק געלויבט. וועגן אברהם רייזענ׳ס לידער און דערציילונגען האָט ער געזאָגט: „רייזען איז אַ גאָט־באַגאַבטער דיכטער".

פון דעם צעטל וואָס ער האָט מיר מיטגעגעבן צו זען מענטשן אין גרויסע שטעט, ביי וועמען ער איז אמאָל געווען אין הויז, זיי־נען אַ טייל פון זיי שוין לאַנג געווען אויפן עולם האמת. ווען ער האָט מיך אויף זיי געפרעגט, און איך האָב אים געזאָגט אז זיי זיי־נען שוין ניט צווישן די לעבעדיקע, האָט ער שטאַרק באַדויערט און געקרעכצט, און פלוצים א זאָג געטאָן: „וואַרט צו אביסל". און גלייך געקומען צוריק מיט אַ דיקן געבונדענעם בוך, מיט פיינע טאָוולען, אויף וועלכע עס זיינען געווען האַנט־געשריבענע אותיות מיט סידור־כתב: „ספר הזכרונות", און ער האָט אויפגעמישט די נעמען וועלכע זיינען שוין געווען עליו השלום, און פאר מיר גע־לייענט די כאַראַקטעריסטיק פון די מענטשן, וואָס זיינען דאָרט גע־ווען פארצייכנט מיט זיין האַנטשריפט.

פאר מיין אוועקפאָרן האָט ער מיר געוואָלט געבן דעם „ספר הזכרונות" פאר א וועג־ווייזער. איך האָב מיר דעמאָלט אָנטזאָגט עס מיטצונעמען פאר מורא, טאָמער וועל איך עס ערגעץ פארגעסן, אָדער גאָר פארלירן, וואָלט עס געווען ביי אים א גרויסער פאר־לוסט. ער האָט אָפּגעשעצט מיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דערביי זאָגט ער: „אָט דאָ אנומעלט, האָב איך זיך געפאָרעט אין מיינע אַרכיוו־שריפטן, טרעף וואָס האָב איך געפונען?"

„דיין פּאָעמע, וואָס דו האָסט מיר געווידמעט פאַר דיין אוועק־פאָרן, און וואָס דער צענזאָר, דער טרוס, האָט ניט דורכגעלאָזט. איך זאָג דיר באמת, ס'איז א מייסטערווערק. איך האָב גאָר ניט געוואוסט אז דו ביזט אַזאַ פילאָזאָף, דו ביזט מיין יורש. ס'איז מיין איינפלוס, מיין שטייגער דענקען. איך גיב דיר נאָכאַמאָל מיין צושטימונג מיר עס צו ווידמען. איך האָב שוין פאַר דעם א נייעם נאָמען, אויב דו וועסט צושטימען, זאָל די פּאָעמע הייסן: „אויס מענטש!" אָדער — „אַן אל־מלא צו דער לויה נאָך דער פאַרשטאָרבענער מענטשהייט!" איך האָב אין דער פּאָעמע געענדערט א פּאָר שטעלן צום גוטן, זי איז פאַרטיק צום דרוקן".

לינעצקי ברענגט מיר צו די פּאָעמע. איך וויל זי נעמען צום לייענען, זאָגט ער שמייכלענדיק: „כאַפּ ניט, איך וועל זי דיר פאָרלייענען, וועסטו זיך אויסלערנען ווי צו לייענען". איך פיל גליקלעך פון זיין שטימונג, און ער האָט פאַרגעלייענט מייסטעריש. איך האָב אים אָפּגעדאַנקט, און ער זאָגט: „אָט אויף דעם סטיל וואָלסטו געדאַרפט שרייבן דיינע הומאָריסטיש־סאַטירישע פּאָע־מען, מייד אויס זאמאָשטשיגס סטיל, ער דערהויבט ניט". איך האָב ווי איינשטימיק, געשוויגן. נאָכן איבערלייענען האָט ער אָפּגעדעכעט און זיך פאַרהוסט, און געזאָגט: „ניטאָ אמאָליקער כח נאָך צו גיין, מען מוז זיך נאָכשלעפּן, מיין אסטמא מאטערט מיך". דאָך האָט ער מיר באַלד דערציילט וועגן שטוב־זאכן, קריוודעס, אז ער האָט געהאט א פּאָר בריוו פון זאמאָשטשין פון בערלין, ניט גאָר קיין פרייל‏עכע. זאמאָשטשין מיט זיין פרוי „בת מלכה" זיינען דאָרט אויף קעסט ביי זייערע קינדער.

ווען איך האָב לינעצקין אָפּגעגעבן דעם חוב, די דריי גאָלד־שטיק, וואָס ער האָט מיר געליען ביי מיין אָפּפאָרן קיין מאַריאַפּאָל, האָט ער דאָס געלט גענומען אין האנט און דאָס געהויבן, ווי ער וואָלט דאָס געוואויגן צי עס פעלט ניט קיין גאָלד אין דעם . . .

דערביי האָט ער געשמייכלט און געזאָגט: „האָסט אָפּגעבראַכט דעם חוב אין גאָלד, איך דאנק דיר זייער. אָט דאָס הייסט א בטוח!" ער באַקוקט יעדן גאָלדשטיק באַזונדער, ווי ער וואָלט עס גע־לייענט, און פרעגט מיר: „דאָס געלט איז דיר צונויץ געקומען?" אוודע, ענטפער איך אים. שמייכלט ער און זאָגט: „ס'איז

ניט אמת, דו האָסט זיך אין קיין געלט ניט געַנויטיקט״. איך בלייב פאַרוואונדערט און פאַרשטיי ניט וואוהין ער צילט. זאָגט ער: „אָט דעם גאָלדשטיק האָסטו ניט גענוצט״. איך גיב עס צו, און זאָג: „ס׳איז אמת. „פאַרוואָס, — פרעגט ער, האָסטו אים ניט גענוצט? כ׳האָב אים געהאַלטן פאַר אן אָנדענק, זאָג איך. לאַכט ער, און זאָגט: „אָבער איך ווייס, האָ? מיך נאַרט מען ניט אָפּ!״ און ער גייט צו זיין שרייב־טיש, און ער ווייזט א שטיקל באַש־ריבענע פּאַפּיר, וואו ס׳זיינען פאַרצייכנט די נומערן פון די גאָלד־שטיק, וואָס ער האָט מיר געגעבן.

ווען איך בין צוריק געקומען קיין אדעס, האָב איך שוין מיינע ביכלעך געטראָפן אין די בוכהאַנדלונגען, ביי שוכמאַן, בלאַטניצקי, ריווקין—כמעט אויספאַרקויפט. איך האָב זיך ניט געוויזן פאַר קיין באַקאַנטע, בלויז פאַר לינעצקין. כ׳האָב אים באַזוכט כמעט יעדן טאָג. לינעצקי האָט געמיינט אז איך בין צוריק זיינער. ער איז א סך מונטערער געוואָרן, האָט אויף מיר געוואַרט יעדן טאָג, כמעט ארויסגעקוקט. מיך האָט אָבער אָנגעהויבן ציען צו דער יוגנט, צו די אַלטע באַקאַנטע, צווישן זיי — מיידלעך־קורסיסטקעס, סאָציאַ־ליסטקעס, און איינמאָל, פאַרבייגייענדיק די קאַפע „פאַנקאָני״, די פּראָמינענטסטע קאַפע אין אדעס, בין איך אריינגערופן געוואָרן פון דעם יונגנמאַן פוקס, פאַר וועמען איך האָב אמאָל געאַרבעט אלס אגענט איינצוקויפן די איבערגענומענע טאַריפן. ער האָט זיך מיט מיר ארומגעכאַפּט און געפרייט. נאָך א פיין צובייסן האָט ער מיר איינגעלאַדן איך זאָל זיך גלייך איבערקלייבן צו אים אין האָ־טעל „בריסטאָל״, דער פּראָמינענטסטער האָטעל אין אָדעס, וואו ער באַוואוינט דריי צימערן. ער האָט שוין דעמאָלט פאַרדינט מער ווי צען טויזנט רובל א יאָר. דעם זעלבן אָוונט האָט ער פאַר מיר גע־מאַכט א באַנקעט. אין א פּאָר טעג ארום האָט זיך מיין קומען צע־טראָגן צווישן באַקאַנטע.

מיט מיין עקזיסטענץ בין איך שוין אביסל זיכער געווען, ווייל פוקס האָט מיך געדאַרפט ביי זיך אין געשעפט. איך האָב זיך א פּאָר טעג שפּעטער געזען מיט לינעצקין און האָב אים אַלץ דער־ציילט. ער האָט מיך אָפּגעראַטן. עפּעס האָט ער ניט געהאַט קיין צוטרויען צו פוקס׳ן. איך האָב אים דערביי געזאָגט, אז טאָמער

וועל איך ניט קומען אזוי גיך, זאָל ער ניט איבערטראַכטן. אויף דעם האָט ער מיר געזאָגט: „אזוי גאָר, דו גייסט ווערן הוליאַקע מיט הפקר מענטשן? ווער ווייסט ווער זיי זיינען? נאַר, מיילע, זאָגט ער, איך האָב איבער דיר קיין דעה ניט, טו ווי דו פארשטייסט, אָבער קום צוגיין, איך האָב פאר דיר בייעס״.

איך האָב באזוכט די דענטיסטישע שולע, וואו ס׳זיינען געווען פיל פון מיינע פריערדיקע באקאנטע מיידלעך, שטודירנדיקע יוגנט, דענטיסטקעס, סאָציאַליסטקעס. זיי האָבן זיך מיט מיר ארומגע־כאפט. א טייל פון זיי האָט מיר געלאדן אין זייערע היימען, ביי זייערע עלטערן אין די הייזער, וואו מען האָט צוליב מיר געפייערט פריילעכע וועטשערינקעס, וואו איך האָב פאר זיי פאָרגעלייענט מיינע ביכלעך. ביי איין וועטשערינקע אזא האָט מיין „ציוניס־טישער גלאָק״ שטארק אויסגענומען און ארויסגערופן דעבאטעס: צי עס לוינט זיך אָנצופירן א קאמף קעגן ציוניזם? צו שרייבן קעגן ציוניזם אויף א לעגאלן אופן איז איצט א גרויס געפאר, פונקט ווי צו שרייבן קעגן דער רעגירונג, און דערביי זיך געווענדט צו מיר חבר׳יש: „מען האָט נאָך אין אדעס ניט פארגעסן אייער ערשט ביכל „אונזערע ציוניסטן״, און איצט, דער „ציוניסטישער גלאָק״ איז פיל אָנגרייפנדער, אין מערער פונקטן — פארשארפטער. ווער ווייסט צי איר וועט גוט אָפּשניידן פון דעם. ס׳זיינען שוין דאָ אזעלכע וואָס וועלן עס אונטערטראָגן דער אדעסער מאכט. ס׳איז איצטער שטרענגער ווי צוריק מיט צוויי יאָר, און איר האָט היינט ניט די פארבינדונגען וואָס פריער, זייט פאָרזיכטיק!״

אנדערע האָבן געזען ווי איך פיל זיך געפלעפט, האָבן זיי מיך דערמוטיקט, אָבער איך האָב געפילט אז איך מוז זיך באדענקען, טאָמער וועט עפּעס טאקע געשען, דעמאָלט וועט זיך יעדער פון מיר אָפּטרייסלען אויס מורא. איך בין אוועק פון דער פריילעכער וועטשערינקע כמעט א פארלאָרענער. איך האָב זיך דערמאָנט אָן די פריערדיקע רדיפות פון די ציוניסטן, און וויפיל מי און מאטער־ניש איך האָב געהאט מיטן צענזאָר, ביז איך האָב אלץ ארויסגע־קראָגן, אָבער איך האָב זיך דאָך געמוטיקט זיך ניט צו פארלירן.

אויף מאָרגן אינדערפרי בין איך געקומען צו מיין געוועזענעם פרינציפאל, אינזשעניר גורלאנד. ער איז געוואָרן איבערראשט

מיך צו זען, אָבער ער האָט זיך צו מיר באַצויגן ווי צו אַן אייגע־נעם. נאָך אביסל מיך אויספרעגן, האָט ער מיך געראַטן ניט צו פאַרווײַלן צו לאַנג אין אדעס, ווײַל מען האָט זיך ביי אים נאָכגע־פרעגט אויף מיר פון דער פּאָליציי. ווידער זײַנען אַנטי־ציוניסטן איצט פאַרדעכטיקט . . . ביזט ניט זיכער, און ס׳איז קיינער פון אייערע ראַדיקאַלן ניט זיכער, מען דאַרף גאָר קיין פאַקטן ניט. ס׳איז גענוג נאָר א פאַרדאַכט אויף אַרעסטירט צו ווערן. איך וואָלט דיך געראַטן זאָלסט אוועק איבער א גרעניץ. גלײַכער וואָלט געווען, ווי עס האָט דיר אמאָל געצויגן, קיין אַמעריקע. איך וועל דיר שאַפן א גובערנאַטאָרסקי פּאַס, וואָס היינט איז זייער שווער צו קריגן; נעם עס גוט אין זינען״.

ער האָט מיר געלאַדן אין א רעסטאָראַן, און דערנאָך צו זיך א היים, וואו איך האָב שוין ביי אים איבערגענעכטיקט. ער האָט מיך שטאַרק געוואָרנט ניט צו פאַרבלייבן אין אדעס. אויב איך נויטיק זיך אין עפּעס, וועט ער מיר העלפן.

מיינע ביכלעך זײַנען כמעט געוואָרן ווי אומלעגאַל, ווײַל קעמפן אַנטקעגן ציוניזם האָט באַדײַט, אַז איך וויל פאַרבייטן דעם ציוניזם פאַר עפּעס אַנדערש, און וואָס קען עס זײַן, אויב ניט סאָ־ציאַליזם?

אין א פּאָר טעג אַרום בין איך געקומען צו לינעצקין און האָב אים דערציילט, אַז איך מוז פאַרלאָזן אדעס, צוליב פּאָליציי־אישער אויפזיכט אויף מיר אַלס סאָציאַליסט. ער האָט געצויגן מיט די אַקסלען, פאַרשנורעוועט דאָס מויל און האָט מיר געזאָגט: „דו האָסט גוטע פריינט, זיי ראַטן דיך זייער גוט. — איך האָב אַנדערש געטראַכט: א מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. הערסט וואָס איך וועל דיר זאָגן: פאָלג מיך און זוך דיר אָפּ אַ מיידל, א היימיש מיידל, ווי פּראָפעסאָר כוואָלסאָן האָט אמאָל געשריבן: „ווען ער זאָל וועלן חתונה האָבן, וואָלט ער חתונה געהאַט פאַר א צאַינה־וראינה מיידל״, און טאָמער ניט אזעלכע, איז כאָטש א היימישע, ווײַל וואו קריגט מען אין אדעס א צאינה־וראינה מיידל? ס׳איז ניט בנמצא!״ און

ער לייגט צו א פינגער צום מויל, און פאַרטראַכט זיך, און זאָגט ווי באַשטימט: „מעכאַלינעו! די מיידל וואָס איך האָב דיר אַמאָל געראַטן, ווען דו האָסט זיך געקלוצעט מיט דער כיטרער דענטיסטקע! דו זעסט זי נאָך אַמאָל? איך זוך זי ניט! ענטפער איך אים, „איך האָב וועגן אונזער ליבע אָנגעשריבן א ראָמאַן".

„אַזוי גאָר? — וואָס־זשע שווייגסטו? לייען מיר פאָר א טייל פון ראָמאַן, כ'וויל זען ווי דו שרייבסט פּראָזע", זאָגט ער. וואָרום, — זאָג איך, — לייענט איר ניט פאָר עפּעס? איר מוזט האָבן בייע זאַכן. „ביזט גערעכט, זאָגט ער, איך פאַרמאָג א נייע אַרבעט, אַן איבערזעצונג פון רוסיש. דער נאָמען מוז דיר זיין באַקאַנט, „אין הונדערט יאָר אַרום", פון בעלאַמי. מען זאָגט, אַז ס'איז מיר געלונגען. די איבערזעצונג. קום מאָרגן, וועל איך עס פאַר דיר לייענען".

— פאַרוואָס גאָר מאָרגן, — זאָג איך, און ניט היינט?

דערציילט ער מיר אַ וויץ:

— אַן אָרימאַן איז אַריינגעקומען צו א קאַרגן גביר, ווען מען האָט געגעסן מיטאָג, הייסע פאַרפל־זופּ. פרעגט דער גביר דעם אָרימאַן: איר האָט ליב קאַלטע פאַרפל? „אַוואַדע האָב איך ליב קאַלטע פאַרפל." „אויב אַזוי, וועט איר מוחל זיין קומען מאָרגן, ווייל איצט זיינען די פאַרפל נאָך הייס" . . . איך מוז נאָך עפּעס פאַרריכטן אין דער איבערזעצונג, קום, כ'בעט דיר, מאָרגן, וועל איך פאַר דיר לייענען הייסערהייט" . . . און אַזוי איז עס געשען.

די געפּלאַנטע צייטונג דורך מנשה מרגולית, האָט פאַרלאָרן אַלע שאַנסן צו קריגן א דערלויבעניש, און שפּעטער, נאָכן קישעניעווער פּאָגראָם, איז שוין קיין רייד ניט געווען פון א צייטונג. אָט די ענדערונג איז פאַר מיר געווען א שטאַרקער קלאַפּ, ווי לינעצקי פלעגט זאָגן: „ניט אהין — און ניט אהער, ניט ביים טאַטן, ניט ביים שווער!" און גורלאַנד האָט מיך געוואָרנט וואָס שנעלער צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און וואוהין פאָרן, אויב ניט קיין אַמעריקע, וואו איך האָב שוין געהאַט א שוועסטער?

איז געבליבן ביי מיר צו פאַרווירקלעכן מיין פּלאַן פון אוועקפאָרן. גלייך איז דאָס באַוואוסט געוואָרן צווישן מיינע קרייזן. אַלע גוטע פריינט האָבן מיך געראַטן וואָס גיכער אוועקצופאָרן, אויב ניט קיין אַמעריקע, איז כאָטש אַרויספאָרן ווייטער פון אַדעס.

לינעצקי האָט געראַטן: „אז יאָ פאָרן, איז נאָר קיין אַמעריקע, און ניט אַליין, נאָר מיט א חבר׳טע . . . א שותפ׳טע. זוך נאָך, — זאָגט ער, — וועסטו האָבן א סך בעלנ׳טעס!״

איך האָב ניט געדאַרפט לאַנג זוכן. צו מיינעם א חבר, א סטודענט, דער מענעדזשער פון דער גרעסטער בוכהאַנדלונג פון אָדעס, א געוויסע פירמע ראַספּאַפּאָוו, איז געקומען אין געסט א שוועסטער פון זיין געבורט־שטעטל און איבערגעבנדיק אים גרוסן פון זיינע יוגנט־חברים און חבר׳טעס, האָט יענע אים פאַרליובט א מיידל אַלס זייער א שיינע און א פיינע. דו מיינסט אודאי רחל׳ע סענדערס? — האָט מיין חבר אויסגעשריען. איך האָב פאַר איר א שידוך. לאָמיר זי שדכנ׳ען גראַנאָווסקי׳ן. איך האָב שוין דאָס אויך געטראַכט, האָט זי געענטפערט. מיין חבר האָט גלייך אָוועקגעשיקט א בריוו צו איר פאָטער וועגן דעם. אין א פּאָר טעג ארום זיינען זיי געקומען צופאָרן קיין אָדעס און דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן.

איז דאָס געווען ווי לינעצקי האָט מיך געראָטן צו נעמען — א צאינה־וראינה מיידל . . .

קומען אזוי אָפט צו לינעצקין איז פשוט קיין צייט ניט געווען. דאָס „צאינה־וראינה מיידל״ האָט געוואָלט איך זאָל אינגאַנצן באַלאַנגען צו איר. האָט זי אויסגעפירט. איך בין ארויסגעפאָרן אויסער אָדעס, צו אַ וואָקזאַל, און געשטעלט א חופּה כדת משה וישראל. אירע עלטערן האָבן דאָס פאַרלאַנגט.

איך בין אוועקגעפאָרן צו מיינע עלטערן, וועלכע האָבן געוואוינט ארום אָדעס, שפּעטער אין שטעטלעך צו מיין פרוי׳ס משפּחה. אין אָדעס האָב איך איבערגעלאָזט רעדן דעם עולם וועגן מיר. די פּראָגרעסיווע סטודענטקעס, קורסיסטקעס, רעוואָלוציאָנערן האָבן גע׳חוזק׳ט פון מיר, ווען זיי זיינען געוואָר געוואָרן, אז איך בין געשטאַנען אונטער דער חופּה. נאָך מער האָט זיי פאַרדראָסן וואָס איך האָב ניט „געסטייעט״, ניט מיט יעדן זיך געזעגנט, אָבער דער שכל האָט זיי אונטערגעזאָגט, אז איך האָב געדאַרפט, ווי מען זאָגט — אָפּציען פון אָדעס, זיך ניט וואַרפן אין די אויגן . . .

אין א שיינעם טאָג בין איך געקומען צו לינעצקין מיט א מזל־טוב. לינעצקי האָט מיך באַקוקט פון אויבן ביז אַרונטער און מיך באַדויערט, און געזאָגט שמייכלענדיק: „אָט דאָס איז דער סוף פון דעם מענטשן״ . . . מיר געדריקט די האַנט, און זיך מיט

מיר צעקושט, געקרעכצט און געזאָגט: „ס'טוט מיר באנג נאָך דיר, ווייל איצט איז ניטאָ מער פאר מיר קיין האָפענונג אז דו וועסט בלייבן אין אדעס מיט מיר. דו פאָרסט אוועק קיין אמעריקע. איך ווינטש דיר גליק און א ליטעראַרישע קאַריערע. איך גלויב אז דו וועסט האָבן דערפאָלג, נאָר לאָז וויסן פון זיך, פאַרגעס ניט".

ער האָט פאר מיר אויך געלייענט זיין איבערזעצונג פון בעלאמי, און ער האָט מיר געזאָגט נאָכן לייענען: „איך וועל עס דיר מיטגעבן קיין אמעריקע, דאָרט עס אָפּצודרוקן, נאָר איך וויל האָבן באצאָלט, ס'איז א גרויסע ארבעט!"

פאר מיין אוועקפאָרן קיין אמעריקע, בין איך געקומען קיין אָדעס זיך געזעגענען מיט אלעמען. כ'האָב געהאַט הוליאַנ־קעס, וועטשערינקעס. א פּאָר חברים און חבר'טעס האָבן געפּעלט צו די קערמישלעך. זיי זיינען געווען צייטווייליק ארעסטירט. איך האָב, דורך גורלאַנד'ס איינפלוס, אויף שנעל געקראָגן א גובערנאַ־טאָרסקי פּאַס אָן אונטערזוכונגען.

ווען איך בין שוין געקומען זיך געזעגענען מיט לינעצקי'ן, איז ער געווען זייער אומעטיק צוליב מיין אוועקפאָרן. זיין מאנוסקריפּט האָט ער מיר ניט געגעבן, ווייל ער האָט מער ניט געהאַט ווי איין קאָפּיע. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אז איך זאָל דרוקן מיין פּאָעמע „אויס מענטש" און אים שיקן א קאָפּיע, און מיט טרערן אין די אויגן האָבן מיר זיך צעשיידט.

אָנגעקומען קיין בערלין, בין איך גלייך מיט דער אונטער־ערד באַן געפאָרן צו זאַמאָשטשינען . . . ער האָט געוואוינט, אונטער די לינדן. איך האָב געטראָפן זאַמאָשטשינען זיצן אין דרויסן, מיט זיין אייניקל, א קינד פון זיין טאָכטער. ער האָט אויסגעזען שטארק געענדערט. ער איז געגאַנגען מיט א שטעקן, ווי אלע מאָל, אונטערגעהונקען. ער האָט מיט מיר גערעדט האַר־ציק און פריינטלעך, באדויערט וואָס ער האָט ניט קיין ליטעראַרישע סביבה און ער לעבט מיט זיין פרוי ביי די קינדער, וועלכע, סיי דער זון, און אויך דער איידעם, זיינען מיטארבעטער פון דייטשישע צייטונגען. דער זון האָט חתונה געהאַט פאר א קריסטין, א גע־נעראַל'ס א טאָכטער, און דורך איר זכות, איז ער מיט איר אַנט־לאָפן פון סיביר און וואוינט אין בערלין. פרוי זאַמאָשטשין, בת־מלכה, איז אויך געווען א סך געענדערט, דאָך איז זי געווען, ווי

אלעמאָל, א סך פריילעכער, מוטיקער ווי פלטיאל. זי האָט זיך שטארק געוואונדערט אויף מיין ריזיקאלישער ארבעט פון אָפּדרוקן מיינע ביכלעך, און האָט מיך מקנא געווען וואָס איך פאָר קיין אמע־ריקע.

מיין פרוי, ווען איך האָב איבערגעלאָזט אין האָטעל ווארטן איז ביי מיין צוריקקומען געווען שטארק פארוויינט, מורא האָבנ־דיק, אז מיין רעדן דייטש וועט מיך פארפירן ווער ווייסט וואוהין, אָבער דערזעענדיק מיר צוריק מיט זאמאָשטשינער, האָט זי זיך בארואיקט און געפילט גליקלעך.

א טאָג שפּעטער האָט מיך זאמאָשטשין באגלייט צום וואָק־זאל. מיר האָבן גערעדט פון פריערדיקע צייטן, פונם אמאָל און פון איצט, פון לינעצקין, פון ווען ער קריגט אמאָל בריוו. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף שלום עליכמ'ען, מיט וועמען ער האָט זיך צייטן לאנג איבערגעשריבן ביים אָנהויב פון דער אידישער „פאָלקס ביבליאָטעק". ביים געזעגענען זיך, האָבן מיר ביידע גע־וויינט. ער — נאָך מער, און ער האָט געבעטן איך זאָל אים שרייבן.

קומענדיק קיין אמעריקע מיט א יונגער פרוי, ערשט נאָך דער חתונה, א מענטש ניט קיין פראָפעסיאָנעלער, אָן געלט, מיט פאר־פליכטונגען, בין איך ארייגעפאלן ווי אין א תהום, אזוי, אז איך האָב מיך אליין ניט געקענט געפינען.

אין דעם כאָאָס פון אמעריקע, אין דעם קעסלדיקן ניו־יאָרק, האָב איך פארגעסן אָן זיך און אין לינעצקין. איך האָב א פּאָר מאָל לינעצקין אָנגעשריבן א בריוו, און א צווייטן, געמאָלט מיין לאגע אין זייער שווארצע פארבן. איך האָב אָבער פון אים קיין ענטפער ניט געקראָגן. צי די בריוו זיינען צו אים ניט אָנגעקומען, אָדער זיינע ענטפערס צו מיר זיינען פארלאָרן געגאנגען, ווער ווייסט?

מיין רעקאָמענדאציע פון דינעזאָן צו זעווין (תשר"ק), האָט מיר געגעבן א געלעגנהייט געוואָר צו ווערן, אז מיינע ליטערארישע חלומות וועלן אזוי גיך אין אמעריקע ניט פארווירקלעכט ווערן. מיך שפּייזן — אָוואָדע ניט. אינם „אמעריקאנער", וועלכער איז אין יענער צייט געבאָרן געוואָרן, האָב איך געדרוקט אין אן ארטיקל, א קריטיק איבער דינעזאָנ'ס „יאָסעלע", וועלכעס מען האָט צר־

געגעבן אַלס אַ פּרעמיע צום „אמעריקאנער". איך האָב געקראָגן מיין ערשטן האָנאָראַר אין אמעריקע — 4 דאָלער . . . אין אַ בריוו צום „טאָגעבלאַט" האָט דינעזאָן געשריבן, אַז ער איז צו־פרידן מען זאָל דרוקן מיין קריטיק. מיינע ביכלעך קעגן ציוניזם וואָס איך האָב אָפּגעדרוקט, האָב איך פאַר קיינעם ניט באַוויזן. דאָס איז געווען די באַדינגונג פון מיין יונגער ווייבל, זיך מיט קיינעם ניט איינצורייסן אין אמעריקע . . .

אין יאָר 1915 האָב איך געלייענט אין די אמעריקאנער אי־דישע צייטונגען, אַז לינעצקי איז געשטאָרבן, און עפּעס האָט זיך ווי אָפּגעריסן ביי מיר אין האַרצן.

ווען דער באַרימטער שריפטשטעלער מרדכי ספּעקטאָר, איז ביי זיינע עלטערע יאָרן, געקומען קיין אמעריקע, האָט ער מיר דערציילט אַז ער האָט געזען לינעצקין ווען ער איז שוין געווען שוואַך און קראַנק, ווען מען האָט אים שוין זעלטן באַגעגנט אין דער עפנטלעכ־קייט.

ביז דער לעצטער מינוט פאַר זיין טויט, איז לינעצקי מיט זיין פרוי אויסגעהאַלטן געוואָרן, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, פון זיין עלטסטן זון, אַן ארכיטעקט, אַ גרויסער פאַרדינער, דאָך האָט ער איינמאָל געזאָגט צו ספּעקטאָר'ן: „עס גייט מיר גוט, נאָר איך וואָלט וועלן פאַרמאָגן אייגענע פינף רובל". זיינע זין וואָס ער האָט געהאַט, האָבן זיך אַלע באַשעפטיקט מיט ארכיטעקטור. זיין איינ־ציק טעכטערל, מאַריקע, איז געווען זיין ליבלינג. „דעם טאַטנס טאָכטער", האָט מען זי גערופן אין הויז, און ווי מרדכי ספּעקטאָר האָט מיר איבערגעגעבן, איז זי געווען אַ באַדייטנדיקע רוסישע דראַמאַטישע שוישפּילערין. ספּעקטאָר האָט זי געזען שפּילן אין אָדעס אויף דער רוסישער בינע, וואו זי האָט שטאַרק אויסגענומען, און ווען זי האָט באַמערקט ספּעקטאָר'ן אין טעאַטער, איז זי נאָכן שפּילן צו אים צוגעקומען, און האָט זייער פריינטלעך מיט אים פאַרבראַכט.

ווען מען האָט געפייערט מענדעלעס יובילײ אין אָדעס, האָט זיך ספּעקטאָר דערמאָנט אָן דעם פאַרגעסענעם לינעצקי, האָט ער זיך געווענדט צו די פאַרזאַמלטע און האָט געזאָגט: „עס וואָלט גע־ווען אַ יושר, אַז אַ קאָמיטעט זאָל גיין באַזוכן לינעצקין!" אַ פּאָר

שרייבער האָבן איינגעשטימט און זיי, צוזאמען מיט ספעקטאָר׳ן, האָבן אים באזוכט, פאר וואָס לינעצקי האָט ספעקטאָר׳ן זייער גע־דאַנקט וואָס ער האָט זיך אָן אים דערמאָנט.

לינעצקי איז געשטאָרבן אין סאָמע ברען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס איז געווען א גרויסע לויה, און ספעקטאָר איז געווען איינער פון די מיטה־טרעגער. עס זיינען געווען א סך הספדים אין די אדעסער צייטונגען, ווי די „נאָוואָסטי״ און אנדע־רע, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן א סך פּלאַץ פאר אָפּשאצונג וועגן דעם מערקווירדיקן מענטשן און קינסטלער — יצחק יואל לינעצקי.

א צייט נאָכדעם ווי איך האָב פארעפנטלעכט אין „פנקס״ פון וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט א טייל פון מיינע עראינערונגען וועגן לינעצקין, איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין א סאָוועטישער אויסגאבע „פארצייכענונגען וועגן מיין פאָטער״ פון לינעצקיס טאָכטער מאַ־ריקע, איצט גראדענבערג, אין וועלכע זי שרייבט צווישן אנדערעס:

„אין דעם לעצטן פעריאָד פון זיין לעבן האָט זיך מיין פאָטער פארנומען מיט איבערזעצונגען, מיטן איבעראַרבעטן זיינע פריער־דיקע ווערק, ברענגען אין אָרדענונג זיין ליטעראַריש פארמעגן. אזוי, צ.ב. האָט ער איבערגעאַרבעט דעם „פוילישן אינגל״ אונטערן טי־טול „דאָס חסידיש אינגל״, „דעם וואָרעם אין כריין״ און „ניט טויט, ניט לעבעדיק״. ער האָט איבערגעאַרבעט זיין איבערזעצונג פון גאָרדאָנ׳ס „קוצו של יוד״, ער האָט איבערגעאַרבעט א דייטשע קליינע קאָמעדיע, „דער נעפּע אלס אָנקל״, ער האָט ארויסגעגעבן א קליין ביכעלע לידער, „די פערעלעך״. אין 1896־97 האָט ער, ווי שוין דערציילט, פארשריבן אלע זיינע מעלאָדיעס. דאן האָט ער אויך ארויסגעגעבן זיין „פארשטויסענע לירע״. יענע צייטן האָט ער אויך א סך געאַרבעט איבער פּאָעטיק, אָנגעהויבן אָפּגעבן א סך אויפמערקזאמקייט דער פאָרם און איבעראַרבעטן אין דעם זינען זיינע פריערדיקע לידער.

איצט איז אנטשטאַנען ביי אים דער וואונטש איבערצוזעצן אין אידיש רוסישע און אויסלענדישע קלאַסיקער. אזוי איז אנט־שטאַנען א זאמלונג „די אייראָפּייאישע מוזע״, וואָס איז אין כתב־יד אויפגעהיט אין אדעסער מוזיי, מיט איבערזעצונגען פון לער־מאָנטאָוו, פּושקין, שילער, הייגע, נעקראַסאָוו.

ער האָט אויך איבערזעצט די הגדה, דעם סידור אין פערזן, תהלים און ענדלעך „די עטיק פון תלמוד״. די לעצטע ארבעט, א מין קאָמפּילאַציע פון די עטישע ארויסזאָגונגען פון תלמוד. איבער דער עטיק פון תלמוד האָט דער פאָטער געארבעט ביז זיינע לעצטע טעג און דאָס ווערק ניט פארענדיקט. דער כתב־יד געפינט זיך ביי מיין ברודער אברהם לינעצקי.

קורץ פאר דער מלחמה האָט ער אביסל אויפגעלעבט. אין אדעס האָט אָנגעהויבן דערשיינען א אידישע צייטונג, „אונזער לעבן״ און דער רעדאקטאָר, האָכבערג, האָט אים איינגעלאַדן מיטצוארבעטן. אין ערשטן נומער איז טאקע געווען אָפּגעדרוקט לינעצקיס רעדע אויפן באנקעט לכבוד דער גרינדונג פון דער צייטונג. אָבער אין קורצן האָט האָכבערג דערקלערט לינעצקין, אז ער מוז זיך אָפּזאָגן פון זיין מיטארבעטערשאפט, ווייל געוויסע קרייזן האָבן עס פון אים, פון האָכבערגן, קאַטעגאָריש געפאָדערט״ . . .

די ווערק וואָס ווערן דערמאָנט אין די „פארצייכענונגען״ פון לינעצקיס טאָכטער וועגן איר פאָטער, ביי וועמען זי איז געווען זיין ליבלינג, זיינען מיר באקאנט, ווי לינעצקי דריקט זיך אויס אין זיינעם א בריוו צו מיר: „דו האָסט אלע מיינע בערג שריפטן געזען און געלייענט״.

צום קליינעם גרופּן-בילד

דאָס בילד איז אַרונטער גענומען געוואָרן אין אָדעס, 1899. רעכטס: זינאַ גאַבשטוב, דאמאָלט א סטודענטן אין א דענטיסטן שול. לינקס: אירע א יונגערע שוועסטער, פאַניע, אַ קורסיסטקע, איצט אַ פּראָמינענטע טוערן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — אַ פאַרוואַלטערן פון אָדעסער בארימטע נוירסעריס פאר קינדער. אין מיטן: דער שרייבער פון די שורות.

די דענטיסטן־שולע, וואו די מיידלאך האָבן געשטודירט איז געווען מיט אַ שטאָק העכער איבער דעם קאָנטאָר פון אינזשענער גור־לאַנדס טעכנישע ביוראָ, וואו איך בין געווען אַ באַאמטער. די דער־מאָנטע שולע איז געווען דער זאַמל־פּונקט, וואו די דאמאָלסדיקע שטודירנדע יוגנט פלעגט זיך צוזאַמענטרעפן. אַלע סטודענטן, פון הויכשולעס און אוניווערסיטעטן, אינטעליגענטע, באַלעזענע, באַהאַ־וועגטע אין דער קלאסישער און מאָדערנער ליטעראטור; אַלע זיינען זיי געווען פול מיט לוסט צו לערנען און געשטרעבט צו וויסן. מערערע פון זיי זיינען שוין געווען געשטימט סאָציאַליסטיש און געריסן זיך צום קאַמף פאר א שענערע וועלט.

די צוויי דערמאָנטע שוועסטער, זינאַ און פאַניע, און זייערע א חבר׳טע — א זייער געראָטענע מיידל: אָלגאַ, וואָס האָט אויך באַ־זוכט די דענטיסטישע קורסן, און אויך געהערט צו דער זעלבער גרופּע, — זיינען געווען מיינע נאָענטע פריינט. יעדן פרימאָרגן פלעגן זיך די דריי מיידלאַך באַווייזן פארביי דעם גרויסן פענסטער פון אונזער קאָנטאָר, מיט די „סומקעס" אין די הענט, זיך עלעגאַנט פארנויגן צו אונז און איך פלעג זיי באַגריסן מיט הויבן די האנט ווי עס סאַלוטירט אַן אָפיציער פאר א גענעראל . . . נאָך דעם פלעגן זיי מיט מיידלשן חן, זיך א דריי טאָן אויפן קנאַפל און אריין אין קאָרידאָר פון דער גרויסער זאל פון דער דענטיסטן־שולע.

ארום 12 דעם זייגער פלעגן זיך די מיידלאך ווידער באַווייזן, פארביי דעם פענסטער פון אונזער קאָנטאָר. עס איז געווען א צייכן

אַז עס איז שוין מיטאָג־צייט פאַר מיר אויך. האָב איך זיך געגעבן אַ לאָז צו זיי אין איילעניש, ווי איינער וואָס האָט פאַרשפּעטיגט צו דער אָפּעראַ . . .

די צוויי שוועסטער פלעגן גיין צו זיך אַהיים אויף מיטאָג, ווייל זיי האָבן געוואוינט דערביי, אינם „סקווער״. אָלגאַ פלעגט מיך אַ כאַפּ טאָן אונטערן אָרעם, און מיר ביידע פלעגן גיין אין סטודענטן רעסטאָראַן עסן מיטאָג. באַמערקנדיג אָלגאַ׳ס באַנעמונג צו מיר, האָבן אַנדערע פאַרדעכטיקט אַז מיר זיינען ניט גלייכגילטיק איינע צו די אַנדערע . . . און זינאַ פלעגט עס באַמערקן שפּאַסיק . . . און אויך, אין שפּאַס, גע׳שדכנ׳ט . . .

אין דעם סטודענטן רעסטאָראַן פלעגן מיר, נאָכן עסן, נאָך פאַר־ווײַלן אַביסל. ס׳האָבן זיך דאָרטן געפונען פאַרשידענע גרופּעס, וואָס האָבן דעבאַטירט איבער אַלערליי פראַגן. אין די דעבאַטן האָט מען געמוזט זיין פאָרזיכטיק, ווייל מען האָט דאָרט באַמערקט „פרעמדע״, ווערמען מען האָט פאַרדעכטיקט אין שפּיאָנעריי און עס איז שוין פאָרגעקומען אַ פּאָר אַרעסטן. נאָך מיטאָג זיינען די מיידלאַך ווידער געגאַנגען אין שולע און איך צוריק אין קאָנטאָר.

נאָך פינף דעם זייגער זיינען שוין די מיידלאַך, ווי פויגל, גע־שטאַנען אויף דער שוועל פון קאָנטאָר, מיך „פּיקעטן״. האָט שוין פּלטיאל זאַמאָשטשין, וואָס איז געווען דער הויפּט פאַרוואַלטער פון דער טעכנישער ביוראָ, אויך געכאַפּט אַ שמועס מיט זיי. די מייד־לאַך זיינען אים אויך געפעלן געוואָרן און ביי זיי איז געווען אָן ערע מיט אים צו רעדן. ער איז געווען שיין געבויט, שלאַנק, און גערעדט וויציק און שאַרפזיניק. זיי האָבן אויך געוואוסט אַז „מאַרק פּאַוור־לאָוויץ״, אַ סטודענט, און אַ פירער פון אַ סאָציאַליסטישער גרופּע, איז זיין זון.

באַלד בין איך מיט די מיידלאַך געגאַנגען עסן וועטשערע און נאָך דעם געגאַנגען מיט זיי אין דער קאַפעי פון וועלכער איך בין געווען איינער פון די גרינדער.

אין דער נייער קאַפעי־הויז האָבן שוין אויף אונז געוואַרט חברים, אַנהענגער פון אידיש, און דאָרט האָב איך שוין באַנוצט מיין רעפּערטואַר פון הומאָר און אַנדערע זיינען אויך ניט געבליבן הינטער־שטעליק און עס איז געווען פריילאַך. אין קאַפע־הויז איז אָבער

דאָך געווען צו ענג, ניט גענוג פריי צו קענען רעדן וואָס אונז איז נויטיק געווען, האָבן מיר זיך אַלע ווי איין מענטש אויפגעהויבן און זיך אוועקגעלאָזט צום שטאָט־פּאַרק. דאָרטן האָט מען שוין גע־זונגען רעוואָלוציאָנערע לידער און געשאָלטן ניקאָלאַיען און געדופן: „נידער מיטן צאַר!"

געוואָרן באַגייסטערט, האָט מען שוין פאַרלאַנגט פון מיר איך זאָל עפּעס אימפּראָוויזירן אין אידיש אָדער פאַרלעזן פון מיין ביכל „אונזערע ציוניסטן". אַלגאַ האָט אויפגעכאַפּט א סטראָף פון מיינעם א פערז, וואו איך קריטיקיר גראָד די ציוניסטקעס, און זינאַ, האָט געשריען איך זאָל דעקלאַמירן מיינע א רעוואָלוציאָנערע ליד. איך האָב פאַרגעלייענט מיינס אַ ליד „שפּעט, דער קבצן זיצט, דער וויס־טער" און אזוי ווייטער.

כמעט אַלע באַקאַנטע פון דער גרופּע, האָבן דעקלאַמירט די רע־וואָלוציאָנערע לידער, און א יונגער פּאָעט, האָט אין יענער צייט אי־בערזעצט אויף רוסיש א פּאָר פערזן פון מיין ביכל „אונזערע ציו־ניסטן".

אַזוי האָבן מיר יעדן אָוונט פאַרבראַכט אין דעבאַטירן, און פּאָר־לייענען . . . צומאָל — געגעבן אָפּשאַצונגען איבער שרייבער, אויך האָט מען זיך בסוד איבערגעגעבן אויפן אויער, ווער ס'איז לעצטנס אַרעסטירט געוואָרן, און וועמען מען האַלט אין פאַרשיקן. אויך פלעגן מיר אָפּשמועסן וואו זיך צו באַגעגענען א צווייטן מאָל.

מיך מיט די מיידלאַך האָט מען גערופן „די טראָיקע". מיינע באַגלייטערנס, זינאַ, פאַניע און אַלגאַ, — מיין „לייב־גוואַרדיע" . . . איבערהויפּט ווען ס'איז ארויס מיין ביכל „אונזערע ציוניסטן" בין איך כמעט ניט געגאַנגען אין אָוונט אָן קיין באַגלייטערן, ס'איז פאַר מיר געווען צו ריזיקאַליש.

אין יענער שטורעמדיקער צייט איז אין אַלגעמיין, און דערהויפּט אין אָדעס, ניט געווען אָנגענומען ביי דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, זיך צו פאָטאָגראַפירן אין גרופּן צוזאַמען, סיידן „אָפיציעלע" חתן־כלה, אָדער נאָענטע קרובים.

ווי ווייט פאַרזיכטיק מען איז געווען מיט פאָטאָגראַפירן זיך אין גרופּן קען אילוסטרירן דער פאָלגנדער עפּיזאָד: איינער פון אונזערע באַקאַנטע איז געזעסן אין געפענגעניש פאַרשיקט צו ווערן, און גע־וואָלט האָבן א בילד פון זיין געליבטע, האָט ער געשריבן צו זיינע

עלטערן, אַז זי זאָל זיך פֿאָטאָגראַפֿירן אויף ציגאַר פּאַפּיר און מען זאָל דאָס בילד איינוויקלען און אַריינשפּאַרן אין אַ פֿעדער פֿון אַ גאַנז און דעם פֿעדער פּאַרזיכטיק אַריינשפּאַרן אין דעם מויל פֿון אַ הערינג, אינווייניק טיף, מען זאָל ניט באַמערקן און אים צושיקן דעם הערינג. ווען מען האָט אַזוי געטאָן, האָט ער ענדלאַך אַרויסגעקראָגן דאָס בילד פֿון זיין געליבטער פֿון דער פֿעדער פֿון גאַנז . . .

סיי ווי זיינען אַ סך מאָל פֿאָרגעקומען אַרעסטן צוליב גרופּן־פֿאָטאָגראַפֿיעס. דאָך האָט זיך ביי מיר אויפֿגעהאַלטן אָט דאָס גרופּן בילד אין מיין אַרכיוו צווישן מיינע פּאַפּירן. און קוקנדיק, שפּע־טער שוין, דאָס בילד, איז מיר געוווען אַ פּראָבלעם זיך צו דערקלערן ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, אַז מיר זאָלן זיך פֿאָטאָגראַפֿירן צוזאַמען.

טראַכטנדיק אַזוי פֿלעגן מיר מיינע נאָענטע באַקאַנטע מיר קומען אויפֿן זינען און ס׳האָט מיר כמעט געפּייניקט דער פֿאַרלאַנג צו וויסן וואָס פֿון זיי איז געוואָרן, אפֿשר חלילה פֿאַרלוירן געגאַנגען אין דער רעוואָלוציע. דאָך פֿלעג איך מיך טרייסטן, אַז זיי לעבן יאָ ערגעץ און פּראַקטיצירן אודאי זייערע פּראָפֿעסיעס.

און אַזוי זיינען די יאָרן געלאָפֿן זייער שטענדיקן לויף.

ביז איינמאָל, אין יאָר 1930, זיץ איך אַזוי אין דער ניו־יאָרקער דעמאָלט באַקאַנטער ליטעראַרישער קאַפֿעי „אייראָפּע״, ביי אַ טיש מיט קאָלעגן, ביי אַ טאַסע קאַפֿע און הערן זיך צו גוטמוטיקע ליטע־ראַרישע „רכילות״, און פּלוצים קומט צו מיר צו דער קעלנער, און מעלדעט מיר העפֿלאַך: „גראַנאָווסקי, אַ פֿרוי וואָס זיצט ביי אַ ווייטערן טיש, וויל מיט אייך רעדן״, און ער ווייזט מיר אָן דאָס טיש, וואו די פֿרוי זיצט. און אָט באַווייזט זיך פֿאַר מיר אַ מיטליאָריקע פֿרוי, אָבער מיט שפּורן פֿון יוגנטלעכער שיינקייט, דער קאָפּ שוין אביסל דורכגעוועבט מיט זילבער, און איר גאַנץ אויסזען נעט און עלעגאַנט. מיט אַמאָל רופֿט זי הויך אויס: „ראובלע! דערקענסטו מיך ניט?״ איך זאַפּ מיך איין מיט מיינע בליקן אין איר געזיכט, אין די אויגן און רוף אויס איבעראַשט: „זינאַ!״ און גלייך ווער איך דראַ־מאַטיש און פֿאַל צו צו איר און מיר צעקושן זיך. דער עולם אין קאַפֿעי האָט אַפּלאָדירט. דערלעבן שטייט אָן עלטערע פֿרוי, מאַדאַם זשיטלאָווסקי, אַ באַקאַנטע פּערזאָן פֿון באָסטאָן, און וויינט, גיסט מיט טרערן. ווען מען פֿרעגט זי די אורזאַך, זאָגט זי: „ס׳איז ווי אַ ריכטיקער ראָמאַן. איך בין מקנא די מענטשן וואָס זיינען זיך אַזוינע פֿריינט זינט אַזאַ צייט!״

זינאַ צייגט מיר דאָן אָן אויף אַ יונגן בחור. „דאָס איז מיין זון, א קאַלעדזש־סטודענט, און איך, שוין באַרואיקנדיק זיך אביסל — שטייג איך איבער אין באַרימעריי: — „איך האָב צוויי זין, איינער האָט שוין אפילו געענדיקט אַלס לאָיער, מיט אויסצייכענונג, און דער אינגערער גייט אין קאַלעדזש און שטודירט אויך לאָו. איך האָב שוין אייניקלאַך אפילו, — באַרים איך זיך ווייטער . . .

זי דערציילט מיר דאָן אז אלע יאָרן פון איר זיין אין אמעריקע, האָט זי געוואוינט אין באָסטאָן און בלויז א קורצע צייט, אז זי וואוינט אין ניו־יאָרק, און זי לאַדט מיר טאַקע באַלד איין צו גיין צו איר צוגאסט.

איר וואוינונג איז ניט קיין „בעל־הבית׳יש" — קיין איבעריקע מעבל איז דאָרטן ניט געווען, אָבער אלץ וואָס ס׳איז דאָרט געווען, האָט געהאט דעם צויבער פון קינסטלערישער באַהעמעריי. צו יעדער בילד אויפן וואַנט האָט זיך געריסן דאָס אויג עס אָנצוקוקן. די שענ־סטע זאכן אין הויז זיינען געווען פרעזענטן פון אירע פאַרערערענס פון דער באָסטאָנער יוגנט, וואָס פלעגט אָפט קומען קיין ניו־יאָרק באזוכן איר וואוינונג. מיט אמאָל גיט זי א שפרונג צו צו א שופ־לאָדל אין אַ קאָמאָד און נעמט פון דאָרטן אַרויס א בילד, און זאָגט צו מיר: „נאַ קוק זיך אָן אַליין, און באטראכט מיין שוועסטער פאַניען, ווי שיין זי איז געווען". „איך, זאָגט זי, מיט א קלוגן שמייכל, בין אויך געווען אמאָל שענער ווי איצט". „דו ווייסט, ענטפער איך איר, ווי איך וואָלט זיך באַרימט — איך האָב אויך אַ קאָפּיע פון אָט דעם בילד".

„איך גלויב דיר ניט, זאָגט זי. דו מיט דיינע פּעק פּאַפּירן, וועסט איינהאלטן אַ זאַך אזוי פיל יאָרן. אז דו וועסט עס מיר ברענגען, וועל איך דיר גלויבן". דערביי זאָגט זי: „איך האָב פאַר דיר נאָך אַ סורפריז!" און באַלד טראָגט זי מיר אונטער נאָך א בילד און פרעגט מיר: „דו דערקענסט ווער ס׳איז?" — „ס׳איז אָלגאַ!" — רוף איך אויס . . . זי לייגט צו איר האנט צו מיין הארצן און זאָגט: „ס׳קלאַפּט, אהז?" דערביי זאָגט זי מיר: „אָלגאַ האָט מיר געגעבן דאָס בילד און מיר אָנגעזאָגט, אפשר וועסטו אמאָל באגעגענען גראַ־נאָווסקי׳ן, טאָ זאָג אים, אז איך האָב אים דאָס געשיקט א מתנה. ער וועט דיר מסתם דערפאר שענקען זיינע אָן אימפּראָוויזאציע.

זינא׳ס מאן, דר. נעסין, שטייט אין אַ זייט, פאַרגאַפט, און שמייכלט.

איך דערמאָן זיך ווידער אין אונזער גרופּן־בילד און פרעג זי:
— זינאַ, זאָג מיר, ווי קומט עס, וואָס מיר האָבן זיך אַלע דריי פאָטאָגראַפירט צוזאַמען יענע צייט אין אָדעס — ווען ס׳איז געווען ריזיקאַליש?

— טאַקע, ווי קומט עס, — פרעגט זי צוריק און לאַכט. און ענדלעך דערקלערט זי: — „דאָס האַרץ האָט מיר אַלע מאָל געזאָגט, אַז דו וועסט אַמאָל פּלוצים ניט ווערן" . . . מען וועט דיר פריער־שפּעטער אַרעסטירן, אָדער דו וועסט אַליין אַוועק פון אָדעס, אויב ניט מיט אַלגאַ׳ן איז מיט מיכאַלינען, און אפשר גאָר חתונה האָבן מיט אַ קליינשטעטלדיק מיידל . . . איך האָב געוואוסט אַז אונז גראַד, וועט מען דורך אַ פאָטאָגראַפיש בילד ניט אַרעסטירן, ווייל די פּאָליציי האָט געוואוסט אַז מיר גייען אַלע מאָל צוזאַמען איבער די גאַסן פון אָדעס; און מיר זיינען אַמאָל פאַרביי געגאַנגען אַ פאָטאָגראַפישע סטודיאָ, האָבן מיר דיר אַריינגעצויגן און מיר האָבן זיך צוזאַמען פאָטאָגראַפירט. דאָס בילד גיט איצט צו גרויס שיינקייט צו אונזער באַגעגעניש.

נאָך אונזער באַגעגעניש בין איך אָפט געקומען צו איר אין הויז, וואו מיר האָבן גערעדט פיל וועגן אַמאָליקע צייטן אין אָדעס. איך האָב פאַר איר געלייענט „זאַכן", וואָס אַ טייל פון זיי האָט זי נאָך געדענקט. אַמאָל, ווען איך פלעג איר דערציילן פון מיינע דעראינערונגען, פלעגט זי זיך אַ בויג טאָן צו מיר און מיר אַריינראַ־מען אין אויער: „רואבן, דו האָסט עס מיר שוין איינמאָל דערציילט", און עס האָט אַרויסגערופן גרויס געלעכטער ביי אונז. פאַר געסט וואָס פלעגן צומאָל אָנקומען, פלעגט זי מיר פאַרשטעלן אַלס איר „באַי־פרענד".

ווי שוין דערמאָנט, פלעגן קומען צו איר פיל געסט פון באָסטאָן וואו זי און איר מאַן דר. נעסין, האָבן יאָרן לאַנג פּראַקטיצירט אַלס דענטיסטן . . . וואָס אַרום זיי האָט געקלעפּט אַ גרויסער טייל פון דער דאָרטיקער אינטעליגענטער יוגנט. פונקט אַזוי אויך דאָ אין ניו־יאָרק, איז שטענדיק געווען אָפן זייער הויז פאַר דער ניו־יאָרקער אינטעליגענץ. דיכטער, מאָלער און שוישפּילער — און ווער דען ניט פון קינסטלערישן־סאָציאַליסטישן עולם.

כמעט אַלע שמחה׳לאַך וואָס מען האָט דאָרטן ביי איר אין הויז געפּראַוועט, האָב איך בייגעוואוינט. געדענקט זיך מיר, ווי קומענ־

דיק צו איר אין הויז צו אַ ניי־יאָר שמחה, האָב איך באמערקט ביים אריינגאַנג אין הויז, צוויי שטאַרקע מענער, אויסגעמאָלט כמעט ווי לעבעדיקע, מיט אַן אונטערגעשריבענע וואָרנונג: „מען מוז זיך דאָ פיין באַנעמען, זיך ניט קריגן: אייער אידעאָלאָגיע באַהאַלט אין קעשענע". דאָס בילד איז געווען געמאָלן פון דעם אומפאַרגעסלאַכן יאָסל קאָטלער.

שפּעטער אין אָוונט, נאָך דעם ווי מען האָט שוין געהאַט געגעסן און געטרונקען פון כל טוב, האָט ערשט יאָסל קאָטלער אונטערגעטראָגן אַ טעלער מיט צעשניטענע שטיקלעך הערינג און באַנאַנעס, און ווען עמיצער פון עולם האָט זיך געוואָרפן צו נעמען אַ שטיקל, האָט ער אויסגעפונען, אַז ס'איז גאָר קאָטלער'ס אַ מאַלעריי. זוני מאָוד האָט זיך געמאַכט ווי ער עסט אַ שטיקל, נאָכדעם האָט ער געבענטשט מזומן אויף זיין שטייגער.

די מערסטע געסט זיינען געווען בגלופין — נאָר מען איז געווען שלום. אייניקע האָבן זיך אפילו געקושט ווי אויף אַ חתונה . . .

שפּעט ביינאַכט, ביים אַהיים גיין, האָבן זיך די געסט פריינטלעך געזעגנט מיט דר. זינאַ נעסען, דער בעל־הבית'טע פון הויז, וועמען זיי האָבן געקאָנט, ווי שוין באַמערקט, פון באָסטאָן און פון ניו־יאָרק — מיר איז אָבער די דאָקטאָרשע נעסען געווען באַקאַנט נאָך אַלס מיידל: זינאַ גאַבשטוב, איינע פון די צוויי שוועסטער מיט וועמען איך שטיי צוזאַמען אויף דעם פאָטאָגראַפיש בילד, גענומען אין אָדעס אַרום יאָר 1900.